STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03116

# IDISHE GESHIKHTE FAR SHUL UN FOLK

Hayim Shoys

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

201

# אידישע געשיכטע
# פאַר שול און פאָלק

ערשטער טייל

בוך צוויי

(פון גלות־בבל ביז נאָכ׳ן צווייטן חורבן פון ירושלים)

פון

חיים שויס

אַרויסגעגעבן פון דעם

בילדונגס־דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער רינג

ניו יאָרק

1928

Copyright, 1928, by
Educational Department
Workmen's Circle
New York

# אינהאלט:

## פון חורבן ירושלים ביז דעם אונטערגאַנג פון דער פערסישער מלוכה:

זייט


1. די צייט פון גלות בבל — 9
2. דער פאַל פון בבל און דער זיג פון פרס — 14
3. ששבצר און דער ערשטער צוריקקער פון גלות — 17
4. זרובבל און די אויפבויאונג פון צווייטן בית־המקדש — 18
5. נחמיה קומט בויען ירושלים — 21
6. עזרא דער „סופר" און די גרויסע פאַרזאַמלונג — 25
7. שטיקער פון תורת־כוהנים — 28
8. ווי האָבן אידן דעמאָלט געלעבט? — 31
9. חכמה — ליטעראַטור — 34
10. די סעקטע פון די שומרונים — 36
11. אידן אין אַנדערע לענדער — 36


## די צייט פון דער גריכישער הערשאַפט:


1. די דעראָבערונגען פון אַלעקסאַנדער מוקדון — 41
2. אַלעקסאַנדער'ס יורשים — 44
3. דאָס אידישע לעבן אין די ערשטע הונדערט יאָר פון דער גריכישער הערשאַפט — 45
4. יהודה אונטער דער הערשאַפט פון סיריע — 49
5. אַנטיוכוס עפּיפאַנעס און זיין דעקרעט קעגן אידנטום — 51


## די חשמונאים און זייער קאַמף:


1. דער אויפשטאַנד פון מתתיהו און זיינע זין — 59
2. יהודה'ס ערשטע נצחונות — 61
3. חנוכת־הבית (די באַנייאונג פון דעם בית־המקדש) — 63
4. אידן קריגן צוריק זייער רעליגיעזע פרייהייט — 65
5. דער ווייטערדיקער קאַמף פון יהודה המכבי און זיין טויט — 66
6. יונתן און דער אנהויב פון דער אידישער אומאָפּהענגיגקייט — 70
7. שמעון און די גרינדונג פון דער זעלבשטענדיקער מלוכה פון די חשמונאים — 72
8. דאָס אידישע לעבן אין יענער צייט — 74


## די מלוכה פון די חשמונאים:


1. שמעון'ס טויט — 79
2. יוחנן הורקנוס — 80
3. די נייע פּאַרטייען — פּרושים און צדוקים — 81
4. אַריסטאָבול און אַלעקסאַנדער ינאי — 85
5. אַלעקסאַנדראַ און די הערשאַפט פון די פּרושים — 88
6. דער ברודער־קריג און דער אונטערגאַנג פון דער חשמונאים־מלוכה — 89

## יהודה אונטער רוים:

זייט

1. די רוימער — — — 97
2. הורקנוס און אנטיפאטער — — — 98
3. די קורצע הערשאפט פון אנטיגאנוס'ן — — — 101
4. הורדוס'עס רעגירונג — — — 102
5. הורדוס'עס נאכפאלגער — — — 105
6. די ערשטע פראקוראטארן. די קנאים — — — 106
7. אגריפא און קאליגולא — — — 103

## דאס אידישע לעבן אין ארץ־ישראל אין יענער צייט:

1. די פארוואלטונג — — — 113
2. די לערער פון דער תורה (הלל און שמאי) — — — 116
3. די עסייער (אסיים) און די אנדערע טויפער־סעקטעס — — — 124
4. אידישע פרנסות אין יענע צייטן — — — 132

## דער גרויסער אויפשטאנד און דער חורבן פון ירושלים:

1. די נייע פראקוראטארן — — — 167
2. דער אויסברוך פון אויפשטאנד און דער זיג — — — 168
3. די צייטווייליקע רעגירונג אין ירושלים און די מלחמה אין גליל — 173
4. דער בירגערקריג אין ירושלים — — — 175

## נאכ'ן חורבן:

1. די פאליטישע און עקאנאמישע לאגע פון אידן אין ארץ־ישראל — — 189
2. יבנה און רבי יוחנן בן־זכאי — — — 190
3. אידן אין דער צעשפרייטונג — — — 192
4. אידן אין די מזרח־לענדער — — — 194
5. אידן אין עגיפטן — — — 196
6. אידן אין אייראפע — — — 197
7. די זעלבסטפארוואלטונג און די ארגאניזאציע פון די אידישע גע־
מיינדעס אין די לענדער פון דער צעשפרייטונג — — — 198
8. די שטעלונג פון די היידן צו אידן. די אידישע פראפאגאנדע — — 200


ים הגדול
מיטללענדישער ים
33
35
36



אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל
פאלעסטינע
מאַסשטאַב 1:1.500.000
יָפוֹ
עֶקְרוֹן
יַבְנֶה
אַשְׁדּוֹד
אַשְׁקְלוֹן
עַזָּה
בְּאֵר־שֶׁבַע
שִׁילֹה
בֵּית־אֵל
בֵּית־חוֹרוֹן
גִּבְעָה
יְרִיחוֹ
גִּלְגָּל
קִרְיַת־יְעָרִים
מִצְפָּה
יְרוּשָׁלַיִם
בֵּיתָר
בֵּית־לֶחֶם
בֵּית־צוּר
חֶבְרוֹן
מְצָדָה
יָם הַמֶּלַח
(טויטער) ים
יַרְקוֹן
יַבֹּק
רָמוֹת גִּלְעָד
רַבַּת־עַמּוֹן
חֶשְׁבּוֹן
אַרְנוֹן
רַבַּת מוֹאָב
קָדֵשׁ בַּרְנֵעַ
32
31
35
36
נ.ק.

# פון חורבן ירושלים ביז דעם אונטערגאַנג פון דער פּערסישער מלוכה.

(פון 586 ביז 333 פאַר דער קריסטלאַכער צייטרעכענונג)

1) די צייט פון גלות בבל.

2) דער פאַל פון בבל און דער זיג פון פרס.

3) ששבצר און דער ערשטער צוריקקער פון גלות.

4) זרובבל און די אויפבויאונג פון צווייטן בית-המקדש.

5) נחמיה קומט בויען ירושלים.

6) עזרא דער סופר און די גרויסע פאַרזאַמלונג.

7) שטיקער פון תורת כוהנים.

8) ווי האָבן אידן דעמאָלט געלעבט?

9) חכמה-ליטעראַטור.

10) די סעקטע פון די שומרונים.

11) אידן אין אַנדערע לענדער.

## .1

# די צייט פון גלות בבל.

מיט דעם חורבן פון ירושלים איז אונטערגעגאנגען די אידישע מלוכה אין ארץ־ישראל און אידן זיינען צעשפרייט געוואָרן איבער פאַרשיידענע לענדער. נאָר די גרעסטע צענטערם האָבן זיי געהאַט אין ארץ־ישראל, אין עגיפּטן און אין בבל.

אין ארץ־ישראל זיינען דאָס רוב אידישע פויערים געבליבן אויף זייערע ערטער. אָבער זיי זיינען געווען אָרים און שוואַך, און האָבן קיין כוח ניט געהאַט זיך צו שטעלן קעגן זייערע שכנים. די אָרומיקע פעלקער האָבן געשפּאַט פון די צעשלאָגענע אידן, זיך געפרייט מיט זייער מפּלה און האָבן זיי געדריקט פון אַלע זייטן. די עמונים פון מזרח, די אדומים פון דרום, די פלישתים פון מערב און די געמישטע באַפעלקערונג, וואָס האָט געוואוינט אין צפון, אין דער אמאָליקער מלכות־ישראל — אַלע האָבן זיי זיך איצט אַריינגעריסן אין יהודה און פאַרכאַפּט שטיקער לאַנד.

נאָר די גרעסטע ענדערונג אין דער באַפעלקערונג איז פאָרגעקומען אין דרום פון יהודה. דער אַראַבישער שבט נאַבאַטייער האָט אַרויסגעשטופּט די אדומים פון זייער אַלטער היים — דעם באַרג שעיר (סייאיר). האָבן די אדומים אַריינגעוואַנדערט און זיך באַזעצט אין דער געגנט פון חברון, און דער דרום פון יהודה איז געוואָרן אַן אדומיש לאַנד. די אדומים האָבן אויך געהאָלפן די כשדים איינעמען ירושלים. אידן און די אדומים זיינען דערפאַר געבליבן בלוטיקע שונאים אויף

לאַנגע צייטן. ירושלים איז אויך ווייטער געבליבן דער מיטל־פונקט פון יהודה. אויף דעם אָרט, וואו דער בית־המקדש איז פריער געשטאַנען, האָט מען נאָך איצט אויך געבראַכט מתנות און קרבנות צו גאָט. אָבער מ׳האָט גערינט גאָט אויך אויף די במות, ווייל אויף די דינים פון דער תורה האָט מען שוין פון יאשיהו׳ס טויט אָן ווינציק וואָס אַכטונג געגעבן. קיין פי־רער און לערער האָבן די ארץ־ישראל׳דיקע אידן מער ניט געהאַט פון נאָך דער דערמאָרדונג פון גדליה׳ן. האָבן זיי זיך שטאַרק אויסגעמישט מיט זייערע שכנים און האָבן זיך אָפּ־געלערנט פון יענע אַ סך מנהגים.

אַזוי האָבן אידן אין דער געוועזענער מלוכה פון יהודה געלעבט זייער אָרים, סײַ מאַטעריעל, סײַ גייסטיק.

מאַטעריעל איז פיל בעסער געגאַנגען די אידן אין עגיפּטן. אידישע ישובים האָבן זיך געפונען אין פאַרשיידענע געגנטן פון לאַנד, און אפילו אַזוי ווייט ווי אין עלעפאַנטין — אַן אינזל אויפ׳ן טייך נילוס באַם עטיאָפּישן גרעניץ — האָט עקזיסטירט אַ אידישע קאָלאָניע. זי איז באַשטאַנען פון אידישע סאָלדאַטן, וואָס די עגיפּטישע רעגירונג האָט זיי גענדונגען צו היטן דעם דרום־גרעניץ פון לאַנד. די דאָזיקע פּראָפעסיע פון סאָלדאַטן גרעניץ־היטער איז בײַ יענע אידן איבערגעגאַנגען פון דור צו דור. פאַטערס האָבן זי איבערגעגעבן בירושה זייערע דער־וואַקסענע זין. אָבער די אידישע סאָלדאַטן אין עלעפאַנטין האָבן זיך פאַרנומען אויך מיט אַנדערע באַשעפטיגונגען. זיי האָבן געקויפט הייזער און אָנטייל גענומען אין האַנדל.

אַ געוויסע צייט נאָכ׳ן חורבן פון ירושלים האָבן די אידן פון עלעפאַנטין אויסגעבויט אַ בית־המקדש מיט אַ מזבח, אויף וועלכן זיי האָבן געבראַכט קרבנות פאַר זייער גאָט יאהו (יהוה).

אָבער גייסטיק זיינען די אידן אין עגיפּטן ניט געשטאַנען הויך. זיי האָבן געלעבט אינאיינעם מיט זייערע ניט־אידישע שכנים, די געצנדינער, און האָבן גערינט צו פרעמדע געטער.

## די אַנטוויקלונג פון אידישן אלף־בית

(אלטע סעמיטישע אלף־בית'ן פון פאַרשיידענע צייטן)



1) מואביש, פון 9טן יאָרהונדערט פאר קר.; 2) פעניקיש; 3) נוי־קאַר־טאַגעניש; 4) פון אלט־העברייאישע מטבעות און זיגלען; 5) שומרוניש; 6) אראַמיש, פון 5טן יאָרהונדערט פאר קר.; 7) פּאַלמיריש, פון 1טן פאר ביז'ן 4טן יאָרהונדערט נאָך קר.; 8 העברייאיש, ארום 100 יאָר פאר'ן 2טן חורבן; 9) קוואַדראַט־שריפט (כתב־מרובע); 10) רש"י כתב.

ווי זייערע זיידעס אין מנשה'ס צייט. אידישע פרויען האָבן געדינט צו דער קיניגין פון הימל, די געטין אישטאַר.

אין גייסטיקן לעבן זיינען אידן העכער ווי אומעטום גע־שטאַנען אין בבל. צווישן זיי האָבן זיך געפונען די בעסטע און געלערנטסטע אידן, ווייל נבוכדראצר האָט פאַרטריבן פון ארץ־ישראל קיין בבל די כוהנים, די באַאמטע און אַלע אָנגע־זעענע און וויכטיקע מענטשן פון מלכות־יהודה. מאטעריעל איז דאָרטן די לאַגע פון די פאַרטריבענע אויך ניט געווען קיין שלעכטע. בבל איז געווען זייער אַ פרוכטבאַר לאַנד, מיט אַ רייכן האַנדל. אידן האָבן דאָרטן געקויפט נחלאות, געפירט מסחר און זיך גאַנץ גוט איינגעלעבט אין דעם נייעם, פרעמדן לאַנד.

זיי האָבן געוואוינט אין געוויסע ערטער איינע לעבן די אַנדערע אין אַ גרעסערער צאָל. האָבן זיי דעריבער געקאָנט זיך אָרגאַניזירן אין געמיינדעס. די „זקנים", די פאַרשטייער פון די משפחות, זיינען געווען די פירער פון די געמיינדעס און זיי האָבן רעגולירט די אינערלאכע אידישע ענינים, אין וועלכע די באַבילאָניער האָבן זיך ניט געמישט.

אידן האָבן דערפאַר געהאַט אַ מעגלאכקייט צו פירן אַ באַזונדער אידיש לעבן, אָפּגעשיידט פון די פעלקער ארום. ערשט אין בבל האָבן זיי אָנגענומען דאָס, וואָס די גרויסע נביאים האָבן זיי געלערנט, און האָבן אוועקגעוואָרפן די פרעמ־דע געטער און דעם געצנדינסט. אידן האָבן איצט איינגעזען, אַז די נביאים זיינען טאַקע גערעכט געווען, וואָרים אַלצדינג האָט זיך צום סוף אויסגעלאָזט אַזוי ווי זיי האָבן פאָראויס־געזאָגט.

אידן האָבן דערפאַר געזוכט אָפּצוהיטן אַלע דינים און מנהגים, וואָס האָבן זיי אָפּגעשיידט פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט. זיי האָבן איצט אָנגעהויבן לערנען און היטן די תורה, אויף וועלכער זיי האָבן ביזן חורבן זיך

וויניק ארומגעקוקט. זיי האָבן אויך געזאַמלט די ספרים, וואו עס זיינען געווען פאַרשריבן די רייד פון די גרויסע נביאים.

קיין בית-המקדש האָבן זיי ניט געהאַט. פלעגן זיי שבת און יום-טוב צוזאַמענקומען אין פאַרזאַמלונגס-ערטער און דאָרטן תפילה טאָן און צוהערן, ווי מ'לייענט פאַר די תורה און די רייד פון די נביאים. אַזוי אַרום האָבן זיך אידן אין גלות איינגעוואוינט צוזאַמענצוקומען לערנען און תפילה טאָן אין אַ שול (סינאַגאָגע, בית-כנסת), וואו עס זיינען ניטאָ קיין כוהנים און קיין קרבנות.

אַזוי ווי מ'האָט זיך איצט פיל פאַרנומען מיט לערנען די תורה און די נביאים, האָט אָנגעהויבן אויסוואַקסן אַ נייער קלאַס לערער און גייסטיקע פירער, די „סופרים", דאָס הייסט: געלערנטע אין די „ספרים". די סופרים זיינען געווען שרייבער, וועלכע האָבן איבערגעשריבן און אויך געשריבן ביכער, באַזונדערס די תורה, די נביאים און אויך אַנדערע ספרים, וואָס אידן האָבן געהאַלטן פאַר וויכטיק און הייליק. אָבער די סופרים האָבן ניט נאָר געשריבן און רעדאַקטירט די הייליקע ספרים, זיי האָבן די דאָזיקע ספרים אויך דערקלערט און אויס-געטייטשט פאַר דעם פאָלק.

אין די ערשטע צייטן איז אַ גרויסער טייל פון די סופרים געווען כוהנים. וואָרים אין גלות האָבן די פאַרטריבענע כוהנים ניט געהאַט וואָס צו טאָן, און זיי האָבן דערפאַר זיך גענומען שטודירן די הייליקע שריפטן. שפעטער אָבער זיינען די סופרים געוואָרן אַ באַזונדערער קלאַס, און מיט דער צייט האָבן זיי באַקומען די גאַנצע דעה ביי אידן, און אַלע האָבן זיי גע-פאָלגט.

דער גרעסטער לערער און גייסטיקער פירער פון אידן אין בבל איז געווען דער נביא יחזקאל. ער איז פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל אין דעם ערשטן גלות פון יהויכין. ביז דעם חורבן פון ירושלים האָט ער געשטראָפט די פאַרטריבענע אידן מיט שטרענגע רייד פאַר זייערע זינד און פאַרדאָרבנקייט. נאָכ'ן חורבן

אָבער האָט ער זיי געטרייסט און אויפגעהאַלטן אין זיי די האָפענונג אויף אַ בעסערער צייט. ער האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז אידן וועלן אַמאָל געריינינקט און געלייטערט ווערן פון זייערע זינד, און מיט אַ נייעם הארץ און אַ נייעם גייסט וועלן זיי קומען צוריק אין זייער לאַנד. די חורבות וועלן ווידער אויפגעבויט ווערן. די שטעט וועלן ווידער ווערן געדיכט באַזעצט און דאָס פאַרוויסטע לאַנד וועט ווידער אויפבליען.

יחזקאל איז אָבער געווען ניט בלויז אַ נביא, נאָר אויך אַ כוהן און אַ געזעצגעבער. אַלס כוהן האָט ער געהאַט אַ גרויסן אינטערעס אין אָפּהיטן די דינים און די צערעמאָניעס פון בית-המקדש, ניט ווי ירמיה און אַנדערע גרויסע נביאים, וועלכע זיינען געווען קעגן קרבנות און רעליגיעזע צערעמאָניעס. יחזקאל האָט אָנגעצייכנט אַ גענויען פּלאַן פאַר דער נייער ירושלים, וואָס וועט אַמאָל ווידער אויפגעבויט ווערן. אין דעם דאָזיקן פּלאַן האָט ער אויסגעשריבן מיט אַלע איינצלהייטן די דינים, לויט וועלכע מ'זאָל זיך אויפפירן אין דעם נייעם בית-המקדש; און אַ סך פון די געזעצן, וואָס ער האָט פאַרגעשריבן, זיינען טאַקע שפּעטער אָנגענומען געוואָרן.

.2

## דער פאַל פון בבל און דער זיג פון פּרס

די כאַלדייאישע מלוכה האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן. די אינגערע אידן, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל, האָבן נאָך דערלעבט צו זען מיט זייערע אייגענע אויגן נקמה אָן די כשדים.

נבוכדראצר איז געשטאָרבן אין יאָר 562 (פאַר קר.), און מיט זיין טויט האָט די וועלט-מלוכה פון די כשדים אָנגעהויבן גיין אויף אַראָפּ. אין דער אידישער לאַגע האָט זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן אַ בעסערונג. נבוכדראצר'ס זון אויל-מרודך (עוויל מרוידאך) האָט באַפרייט יהויכינ'ען פון געפיינקעניש און האָט אים אָנערקענט פאַר אַ אידישן פירשט.

מיט א צענדליק יאָר שפּעטער. אונטער דעם לעצטן באַ־בילאָנישן קיניג, נאַבאָניד (555—539), האָבן זיך שוין געוויזן צייכנס, אַז דער סוף פון בבל איז נאָענט. אַ נײַ פאָלק איז אויפ־געשטאַנען, וואָס האָט איינגענומען אַ לאַנד נאָך אַ לאַנד און האָט געגרינדעט אַ וועלט־מלוכה, וועלכע האָט זיך געהאַלטן צוויי הונדערט יאָר.

דאָס זיינען געווען די פּערסער. זיי האָבן געוואוינט באַם פּערסישן ים־צונג אין דרום־מזרח פון בבל. געלעבט האָבן זיי פון ערד־אַרבעט און זיי זיינען געווען באַרימט פאַר פלינקע רייטער און גוטע בויגן־שיסער. זיי האָבן ניט געהערט צו דער סעמיטישער ראַסע. לויט זייער שפּראַך, גלויבן און מנהגים זיינען די פּערסער געווען אינגאַנצן פאַרשיידן פון די סעמיטישע פעלקער. לויט זייער שפּראַך זיינען זיי געווען נאָענט צו די גריכן, רוימער און אַנדערע פעלקער פון אייראָפּא, וועלכע מ׳באַצייכנט אַלס אינדאָ־אייראָפּייאישע (אינדאָ־גערמאַנישע) אָדער אויך אַרישע פעלקער.

אונטער זייער העלדישן קיניג כורש (קוירעש) האָבן די פּערסער באַזיגט זייער ברודער־פאָלק, די מעדיער, און פון פּרס און מדי איז געוואָרן איין מלוכה. באַלד האָט כורש צעשלאָגן אויך קרעזוס׳ן, דעם רייכן קיניג פון לידיע, און האָט צוגענומען גאַנץ קליינאַזיע ביז דעם עגייאישן ים.

אַלע זיינען איצט געווען זיכער, אַז די פּערסישע אַרמיי וועט אינגיכן איינגעמען בבל. אָבער דאָס רוב אידן האָבן ניט דערוואַרט קיין סך גוטס פון בבל׳ס מפּלה. וואָס וועט אידן דערפון אַרויסקומען, האָבן זיי זיך געטראַכט. ווען עס וועט ווידער פאַלן אַ וועלט־מלוכה און אַן אַנדערע וועט פאַרנעמען איר אָרט? איז דען די אידישע לאַגע בעסער געוואָרן, ווען אַנשטאָט דעם יאָך פון אשור איז געקומען דער יאָך פון בבל? וואָס קאָנען אידן דערוואַרטן פון דעם הערשער פון אַ פרעמדן פאָלק?

די אמתע הילף, האָבן אָט די אידן געגלויבט, וועט ערשט משיח ברענגען. שוין פון לאַנג האָט געלעבט ביי אידן די

האָפענונג, אַז עס וועט קומען אַמאָל אַ טאָג, און עס וועט אויפ־שטיין אַ גרויסער, אַ וואונדערלאַכער קיניג פון דוד׳ס הויז. דער דאָזיקער קיניג וועט מיט זיין גייסטיקער קראַפט הערשן איבער אַלע פעלקער און וועט ווידער אויפשטעלן דוד׳ס מעכטיקע מלוכה אין ירושלים. אַט דעם קיניג, וועלכער דאַרף קומען אין דער צוקונפט און אָפּשאַפן אַל דאָס שלעכטס פון דער וועלט — האָבן אידן גערופן משיח, געזאַלבטער, ווייל בשעת אַ קיניג פלעגט אַרויף אויפ׳ן טראָן, פלעגט מען אים זאַלבן מיט בוימל.

איז דען מעגלאַך, האָבן אידן געזאָגט, אַז נאָך איידער משיח וועט קומען, זאָלן מיר שוין געהאָלפן ווערן דורך כורש׳ן?

כדי אָפּצושלאָגן די דאָזיקע טענות, איז דעמאָלט אויפגע־טראָטן דער גרויסער נביא, וואָס זיין נאָמען איז אונז געבליבן אומבאַקאַנט. דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער נביא האָט אָנ־געהויבן זיינע נבואות מיט די ווערטער: „טרייסט, טרייסט מיין פאָלק, זאָגט אייער גאָט“. טרויערט ניט מער, וואָרים גאָט האָט פאַרגעבן די זינד פון ירושלים, פאַר וועלכע זי האָט אַזוי פיל געליטן. די הילף ליגט ניט אין דער ווייטער צוקונפט, נאָר אָט קומט זי שוין אָן. כורש איז עס דער משיח, וועמען גאָט האָט אָנגענומען בײַ דער האַנט אונטערצוואוואַרפן אונטער אים אַלע פעלקער און צו עפענען פאַר אים אַלע פאַרשלאָסענע טויערן. כורש איז עס דער, וועמען גאָט האָט אויסגעקליבן פאַר זיין געצייג דורכצופירן זיין ווילן: צו זאָגן צו ירושלים, זי זאָל געבויט ווערן. די טאָלן וועלן זיך אויפהויבן און די בערג וועלן ווערן נידעריק. אין מדבר וועט ווערן אַ וועג און אין דער וויסטעניש אַ קוואַל וואַסער. גייט אַרויס פון בבל, אַנטלויפט פון די כשדים מיט פרייד און געזאַנג — אַזוי האָט דער דאָזיקער נביא גערופן צו זיינע ברידער, וואָס האָבן גע־לעבט אין בבל.

(בעת מען האָט צונויפגעקליבן די שריפטן פון די נביאים, האָט מען די רייד פונ׳ם דאָזיקן אומבאַקאַנטן נביא צוגעשטעלט צו ישעיה פון קאַפּיטל מ׳ אָן.)

3.

## ששבצר און דער ערשטער צוריקקער פון גלות.

אין יאָר 539 האָט כורש איינגענומען בבל, און פאַר אידן האָט זיך אָנגעהויבן אַ בעסערע צייט. די פּערסער האָבן ניט געדריקט די פעלקער, וואָס זיי האָבן געמאַכט אונטערטעניק, ווי דאָס האָבן געטאָן די אַסיריער און די באַבילאָניער פאַר זיי. וואָרים די פּערסער האָבן געזוכט צוזאַמענצוהאַלטן זייער גרויסע וועלט-מלוכה ניט אַזוי דורך מיליטערישע קראַפט, ווי דורך גוטע באַציאונגען מיט די אונטערגעוואָרפענע פעלקער. זיי האָבן יעדן איינגענומענעם פאָלק געגעבן דאָס רעכט צו לעבן און צו דינען זיין אייגענעם גאָט. אויך אידן האָט כורש דערלויבט זיך אומצוקערן אין זייער לאַנד און אויפצובויען דעם בית-המקדש. פאַר גובערנאַטאָר און פירשט פון יהודה האָט ער באַשטימט ששבצר׳ן (שעשבאַצאַר׳ן), אַ זון פון יהויכין, און ער האָט אים אויך אַוועקגעגעבן די הייליקע כלים פון בית-המקדש, וואָס נבוכדראצר האָט אַוועקגערויבט.

אָבער ניט פיל אידן האָבן זיך אָפּגערופן צו גיין צוריק אין דער אַלטער היים. וואָרים צו שטאַרק זיינען זיי געווען צוגעבונדן צו דעם נייעם לאַנד, וואָס זיי האָבן געמאַכט פאַר זייער נייער היים, און צו אָרים און וויסט איז איצט געווען ארץ-ישראל, וואוהין מ׳האָט זיי גערופן זיך אומקערן. דערצו זיינען אונטער דער הערשאַפט פון די פּערסער אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע באַגרעניצונגען קעגן אידן. זיי זיינען געווען פריי צו געניסן גלייך מיט די באַבילאָניער פון דער פרוכט-באַרקייט און רייכקייט פון לאַנד. זיי האָבן דערפאַר וויי-טער געלעבט אין זייערע אידישע געמיינדעס אין דער גרוי-סער פּערסישער אימפּעריע, און אַ לאַנגע צייט האָבן די דאָזיקע אידן ווייט איבערגעשטיגן אין רייכקייט און געלערנטקייט זייערע ברידער פון יהודה.

אביסל אידן זיינען יאָ געגאַנגען צוזאַמען מיט ששבצר׳ן

צוריק קיין יהודה. זיי זיינען אָבער שטאַרק אַנטוישט געוואָרן, ווען זיי זיינען געקומען אין דעם לאַנד, פון וואַנען זיי אָדער זייערע עלטערן זיינען פאַרטריבן געוואָרן מיט עטלאַכע צענ־דליק יאָר צוריק. ירושלים איז געווען וויסט. פאַרשוואַרצטע ווענט פון חרוב'ע הייזער האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון חורבות און פאַרשאָטענע בערגלעך. עס איז אָנגעפאַלן אַ גרויל, ווען מ'איז געגאַנגען דורך די פאַרלאָזענע גאַסן און די וויסטע רו־אינעס. ניט פיל בעסער איז געווען אַרום ירושלים. די פעל־דער און גערטנער זיינען געווען פאַרווילדעט, פאַרוואַקסן מיט דערנער. אין קיין זאַך איז ניט געווען קיין גערעטעניש. מ'איז געווען אַזוי אָרים, אַז מ'האָט קוים געהאַט צו באַצאָלן די שטייערן צו דער פערסישער רעגירונג. אויך די שכנים אַרום האָבן געדריקט פון אַלע זייטן, און קיין כוח זיך צו באַשיצן איז ניט געווען.

ששבצר און די אידן, וואָס זיינען געקומען מיט אים, האָבן דערפאַר נאָר אויסגעבויט אַ מזבח און מקריב געווען קרבנות לויט די פאָרגעשריבענע געזעצן. אָבער צו בויען אַ בית־המקדש האָבן זיך באַ זיי די הענט ניט געהויבן אין אַזעלכע שלעכטע צושטאַנדן. דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז ס'איז נאָך ניט געקומען די צייט צו בויען גאָט'ס הויז.

## 4.

# זרובבל און די אויפבויאונג פון צווייטן בית-המקדש.

אַזוי זיינען אַריבער אַרום צוואַנציק יאָר, טרויעריקע יאָרן פון ביטערער אַנטוישונג. אונטער דער צייט איז כורש געשטאָרבן, און זיין זון קאַמביזעס, וואָס האָט גע'ירשנט זיין טראָן, האָט איינגענומען עגיפּטן און זי געמאַכט פאַר אַ פּער־סישע פּראָווינץ. אָבער ער איז באַלד געשטאָרבן, און עטלאַכע יאָר זיינען דערנאָך געווען מהומות אין דער פערסישער אימ־פּעריע.

דער קיניג פון פרס איז געוואָרן דריוש (דאַריאָוועס). אָבער ער איז ניט געווען פון כורש׳עס פאַמיליע, און מ׳האָט אים ניט אומעטום געוואָלט אָנערקענען. אין אַ סך פּראָווינצן האָבן אויסגעבראָכן אויפשטאַנדן קעגן דער אויבערהערשאַפט פון די פערסער. דאָ איז איינגעשטילט געוואָרן איין אויפשטאַנד, און דאָרטן האָט באַלד אויסגעבראָכן אַן אַנדערער. עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט אָט צעפאַלט אינגאַנצן די פערסישע וועלט־מלוכה און אַלע אונטערטעניקע פעלקער ווערן פריי און זעלבשטענדיק.

קלאַנגען וועגן דער גרויסער מהומה אין דער וועלט האָבן דערגרייכט אויך ירושלים. און צוויי נביאים, חגי און זכריה (כאַגאַי און זכאַריאָ), האָבן מיט זייערע רייד אויפגעמונטערט דאָס פאָלק און זיינע פירער אָנצוהויבן בויען דעם בית־המקדש. ששבצר איז שוין מער ניט געווען אין ירושלים, און זיין שטעלע, אַלס גובערנאַטאָר פון יהודה, האָט איצט פאַרנומען זרובבל (זרובאָוועל), זיינער אַ פלימעניק, יהויכינ׳ס אַן אייניקל. אים באַ דער זייט איז געשטאַנען, אַלס גייסטיקער פאַרשטייער פון אידן, דער כוהן־גדול יהושוע בן־יהוצדק, אַן אייניקל פון דעם לעצטן כוהן־גדול, וועמען נבוכדראצר האָט גע־לאָזט טויטן.

זרובבל און יהושוע צוזאַמען מיט׳ן גאַנצן פאָלק האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט און האָבן אָנגעהויבן בויען דעם בית־המקדש. די מיטלען זיינען געווען אָרימע, און די אַלטע לייט, וואָס האָבן נאָך געדיינקט דעם ערשטן בית־המקדש אין זיין גאַנצער פּראַכט, זיינען געווען אומעטיק און אָפּהענטיק. האָט דער נביא חגי זיי אויפגעמונטערט און געזאָגט אין גאָט׳ס נאָמען, אַז די פּראַכט פון אָט דעם צווייטן בית־המקדש וועט זיין פיל גרעסער פון דעם ערשטן. וואָרים די שעה פון באַפרייאונג איז געקומען. באַלד וועלן צעטרייסלט ווערן דער הימל און די ערד, דער ים און די טריקעניש. עס וועט פאַלן די מאַכט פון דער וועלט־מלוכה, און זרובבל וועט געקרוינט ווערן פאַר קיניג און משיח אין ירושלים.

גראָד זיינען דעמאָלט אָנגעקומען שלוחים פון די אידן פון בבל מיט אַ סך גאָלד און זילבער פאַר דעם בית-המקדש. זכריה האָט אין גאָט׳ס נאָמען גערייסן נעמען פון דעם גאָלד און מאַכן אַ קרוין און אָנטאָן זי זרובבל׳ן אויפ׳ן קאָפּ.

אָבער פון דער דאָזיקער דערוואַרטונג האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן. אידן האָבן זיך ווידער אָפּגעגעבן אין זייערע האָפענונגען. דריוש האָט געזיגט. ער האָט אונטערגעדריקט אַלע אויפשטאַנדן און האָט איינגעפירט נאָך אַ בעסערע און מער זיכערע אָרדענונג אין דער פּערסישער מלוכה.

דער בית-המקדש איז שוין געווען ווייט אַריינגעבויט. מיט אַמאָל איז געקומען קיין ירושלים דער פּערסישער סאַטראַפּ (גענעראַל גובערנאַטאָר) פון סיריע און האָט געפרעגט די אידישע פאָרשטייער, ווער עס האָט זיי דערלויבט צו בויען דעם בית-המקדש. אידן האָבן געענטפערט, אַז כורש האָט זיי געגעבן די דערלויבעניש. דער סאַטראַפּ האָט וועגן דעם אָנגעפרעגט אין דער פּערסישער הויפּטשטאָט, און דריוש האָט געענטפערט, אַז עס ליגט טאַקע אין קיניגלאַכן אַרכיוו אַזאַ דעקרעט פון כורש׳ן. ער האָט דערפאַר באַפוילן, אַז דער בית-המקדש אין ירושלים זאָל פאַרענדיקט ווערן אויף די קאָסטן פון דער פּערסישער רעגירונג.

איבער דריי יאָר האָט מען דעם בית-המקדש געבויט, און אין יאָר 515 איז ער פאַרענדיקט געוואָרן. מ׳האָט געפייערט אַ חנוכת-הבית, דורכגעמישט פון פרייד און שמערץ, געזאַנג און געוויין.

אידן האָבן זיך געפרייט, וואָס אויף דעם היליקן באַרג איז ווידער געשטאַנען גאָט׳ס הויז, און דאָרטן האָבן ווידער געקלונגען די הייליקע געזאַנגען פון ציון, באַגלייט פון האַרפן און פויקן. אָבער זיי האָבן אויך געוויינט, וואָס די האָפענונגען, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אַרומגעטראָגן בשעת זיי האָבן אָנגעהויבן בויען דעם בית-המקדש, זיינען צערונען געוואָרן. זרובבל׳ן האָט די פּערסישע רעגירונג אַראָפּגעזעצט. גובער-

נאטאר פון יהודה איז געווארן א פערסער, ניט קיין פירשט פון דוד׳ס הויז.

אזוי זיינען אריבער זיבעציק שטילע, אומעטיקע יארן נאך דער אויפבויאונג פון צווייטן בית-המקדש. דאס זיינען געווען יארן פון נויט און ארימקייט פאר די אידן אין יהודה. די געגנווארט איז געווען טרויעריק, און ס׳איז אויך ניט געווען קיין האפענונג, אז עס זאל באלד בעסער ווערן.

דערצו זיינען די אידן אין יהודה אויך גייסטיק געגאנגען אויף אראפ. זייערע שכנים אין צפון, אין דער פראווינץ שומרון, זיינען געווען א געמיש פון די אמאליקע אידן פון מלכות-ישראל און די פרעמדע געצנדינער, וואס די מלכים פון אשור האבן דארטן באזעצט. זיינען זיי געווען האלבע אידן, האלבע גויים. אבער די איינוואוינער פון שומרון זיינען געווען רייכער פאר די אידן פון יהודה. דערפאר האבן די אידן פון יהודה גערן פארקערט מיט זיי. אידישע זין פון יהודה האבן חתונה געהאט מיט פרויען פון שומרון, און עס האט געהאלטן דערביי, אז די אידן פון יהודה זאלן זיך אויסמישן מיט די פעל-קער ארום און ווערן האלבע גויים, ווי זייערע שכנים, די אמא-ליקע אידן פון ישראל.

אבער זיבעציק יאר נאך דער אויפבויאונג פון צווייטן בית-המקדש איז פון פערסישן קיניגלאכן הויף געקומען א העלפער פאר די אידן פון יהודה. דאס איז געווען נחמיה.

## .5

## נחמיה קומט בויען ירושלים.

**נחמיה** האט געוואוינט אין שושן, די הויפטשטאט פון פערסיע, און האט פארנומען א הויכע שטעלע אין הויף פון ארטאקסערקסעס דעם ערשטן. ער איז געווען א בעכער-דער-לאנגער באם קיניג.

נחמיה איז אבער געווען אויך א געטרייער איד. ווען ער האט דערהערט, אז ירושלים איז א וויסטע שטאט, אן א מויער ארום, און אז די אידן אין יהודה געפינען זיך אין א

שלעכטער לאַגע, האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט, געפאַסט און תפילה געטאָן צו גאָט. עס איז בא אים געבליבן, אז ער וועט זיך נעמען אויפבויען ירושלים און מאַכן אַ נייע אָרדענונג אין יהודה.

אין יאָר 444 האָט נחמיה באַקומען אַ דערלויבעניש פון זיין קיניג אַוועקצופאָרן אויף אַ געוויסער צייט קיין ירושלים. דער קיניג האָט אים באַשטימט פאר אַ פחה (פעכאַ, גובערנאַ־טאָר) איבער יהודה, און האָט אים געגעבן אַ דערלויבעניש אויפצובויען די שטאָט.

נחמיה איז אָנגעקומען קיין ירושלים צוזאַמען מיט אַ גרופע אידן, וואָס זיינען מיטגעפאָרן אים העלפן אין דער ארבעט. ער האָט באַלד גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע קלאַסן אידן און זיי אויפגעמונטערט זיך צו נעמען גלייך בויען אַ מויער אַרום שטאָט, כדי זיי זאָלן מער ניט זיין צו שאַנד און צו שפּאָט בא די שכנים אַרום.

מיט זיינע רייד האָט נחמיה אַלעמען באַגייסטערט און מ'האָט גלייך אָנגעהויבן בויען דעם מויער. איינצלנע רייכע אידן, משפחות אָדער געמיינדעס, אויך צעכן פון בעלי־מלאכות, האָבן זיך אונטערגענומען אויפצובויען אויף אייגענע קאָסטן אַ גרעסערן אָדער קלענערן טייל פון דעם מויער.

אָבער די שכנים אַרום האָבן ניט געוואָלט, אַז ירושלים זאָל ווערן אַ נייער צענטער און די אידן פון יהודה זאָלן אָנהויבן שפּילן אַ גרויסע ראָלע. זיי האָבן דעריבער געזוכט מיט אַלע מיטלען צו שטערן נחמיה'ן אין דער אַרבעט. זיי האָבן אפילו געשראָקן מיט אַ פלוצלאַכן איבערפאַל. אָבער נחמיה האָט זיך ניט געלאָזט אָפּשרעקן. ער האָט באַוואָפנט די אַרבעטער: מיט דער האַנט האָבן זיי געבויט דעם מויער, און אויף די לענדן האָבן זיי געטראָגן שווערדן אָנגעבונדן.

דער פירער פון נחמיה'ס געגנער איז געווען סנבלט (סאַנ־וואַלאַט), דער גובערנאַטאָר פון שומרון. אים האָבן געהאָלפן נאָך אַנדערע פירשטן פון די פעלקער אַרום. אָבער אין ירושלים גופא האָט נחמיה אויך געהאַט פיל געגנער. די רייכע אידן

פון יהודה, די אַריסטאָקראַטן, האָבן געהאָלפן נחמיה'ן נאָר מיט אַ האַלבן האַרצן. אין דער שטיל אָבער האָבן זיי זיך גע'חבר'ט מיט די פרעמדע פירשטן, מיט וועלכע זיי זיינען געווען פאַרבונדן דורך האַנדל אָדער מחותנ'עשאַפט.

נחמיה האָט אָבער אַזוי גוט אָרגאַניזירט די אַרבעט, אַז אין 52 טעג איז דער גאַנצער מויער אַרום שטאָט געווען פאַר־טיק. אַ פריילאַכער יום־טוב איז געפייערט געוואָרן מיט דאַנק־קרבנות און געזאַנג, מיט צימבלען און האַרפן, „און די פרייד פון ירושלים האָט זיך געהערט ביז וויט".

ירושלים האָט שוין געהאַט אַ מויער, איז שוין געווען אַ זיכערער אָרט צו וואוינען. אָבער זי איז נאָך אַלץ געווען וויסט און פוסט, אָן איינוואוינער. נחמיה האָט דערפאַר גע'־פועל'ט בײַ די פירער פון די געמיינדעס, זיי זאָלן וואוינען אין ירושלים. דערצו האָט מען געוואָרפן גורל, און איינער פון צען פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג אין יהודה האָט זיך געמוזט באַזעצן אין דער הויפּטשטאָט.

נחמיה האָט זיך אויך אָנגענומען די קריוודע פון די אָרימע אידן פון יהודה קעגן זייערע רייכע אונטערדריקער. די אָרימע פויערים זיינען אין שלעכטע יאָרן פון ניט־געראָטעניש געווען געצוואונגען צו פאַרזעצן בײַ די רייכע, אָדער פאַרקויפן זיי זייערע פעלדער און וויינגערטנער, כדי ניט צו שטאַרבן פון הונגער און צו קענען באַצאָלן די שווערע שטייערן דער רעגי־רונג. זיי האָבן אפילו געמוזט אַוועקגעבן זייערע זין און טעכ־טער פאַר קנעכט צו די רייכע פריצים, בײַ וועמען זיי האָבן געליען געלט. ווען נחמיה האָט דערהערט די קלאַגעס פון די דאָזיקע פאַראָרימטע פויערים, האָט ער צונויפגערופן אַן אַלגע־מיינע פאָלקס־פאַרזאַמלונג, און האָט דאָרטן מיט אַ ברענענדיקן צאָרן אָנגעגריפן די רייכע אונטערדריקער. ער האָט געפאָ־דערט פון די רייכע, זיי זאָלן גלייך אָפּן שטעל אָפּגעבן צוריק אַלץ, וואָס זיי האָבן צוגענומען פון די אָרימע אידן. די רייכע האָבן צוגעשוואָרן דאָס צו טאָן. זיי האָבן ניט געקאָנט אָפּזאָגן נחמיה'ן, וואָרים ער איז געווען נאָענט צום קיניג. בפרט, אַז

ער אַליין איז געווען אַ מוסטער פון גערעכטיקייט. אַנשטאָט צו נעמען אַ צינז פון אידן אַלס גובערנאַטאָר, האָט ער נאָך פון זיין אייגענער קעשענע געשטיצט די אָרימע געמיינדע.

נאָכדעם ווי נחמיה האָט געמאַכט אַ שטיקל אָרדענונג אין יהודה, איז ער צוריק אַוועקגעפאָרן קיין שושן. שפעטער, ווען ער איז אַ צווייטן מאָל געקומען קיין ירושלים, האָט ער ווידער געפונען, אַז די אידן פון יהודה פירן זיך ניט גוט אויף.

בעת אין בבל האָבן אידן שטרענג אָפּגעהיט שבת און ניט געטאָן אין דעם טאָג קיין אַרבעט, פלעגן די אידישע פויערים אין יהודה ברענגען שבת קיין ירושלים זייערע לאַנד-פּראָדוקטן צו פאַרקויפן. אויך הענדלער פון צור, וואָס האָבן געוואוינט אין ירושלים, פלעגן קומען שבת מיט פיש און אַנדערע סחורות, כדי צו האָבן אַ גוטן מאַרק אין אַ טאָג, ווען דאָס פאָלק האָט ניט געאַרבעט און געהאַט צייט צו קויפן. נחמיה האָט אָפּגע-שאַפט דעם דאָזיקן צושטאַנד און ניט געלאָזט פירן שבת קיין האַנדל אין ירושלים. ער האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז די טוי-ערן פון ירושלים זאָלן פאַרשלאָסן ווערן פרייטיק, ווי נאָר די נאַכט הויבט אָן צופאַלן, און זיי זאָלן ניט געעפנט ווערן, ביז דער טאָג שבת וועט אינגאַנצן אַריבער.

נחמיה האָט אויך איינגעפירט אַ בעסערע אָרדענונג אין בית-המקדש. ער האָט באַפוילן, אַז דאָס פאָלק זאָל ברענגען „מעשר" (מאַאַסער, אַ צענטל פון די פרוכטן פון דער ערד און פון די סטאַדעס) אין בית-המקדש און מ'זאָל עס ריכטיק פאַרטיילן, כדי די לויים, די דינער פון בית-המקדש, זאָלן האָבן פון וואָנען צו לעבן און ניט דאַרפן פאַרלאָזן דאָס היי-ליקע אָרט און גיין זוכן אַרבעט אַף די פעלדער.

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס אידן האָבן זיך געמישט מיט זייערע גוי'אישע און האַלב-גוי'אישע שכנים אַרום און געטאָן מיט זיי שדוכים. די קינדער פון אַזעלכע געמישטע עלטערן זיינען געווען קנאַפּע אידן. נחמיה האָט געטאַדלט די שולדיקע, און זיי האָבן געשוואָרן דאָס מער ניט צו טאָן. און אַז אַן אייניקל פון דעם כוהן-גדול האָט חתונה געהאַט מיט

א טאָכטער פון סנבלט פון שומרון, האָט נחמיה אים אַרויסגע־טריבן פון ירושלים.

אַזוי האָט נחמיה געלייגט אַ פונדאַמענט פאַר אַ נייעם לעבן אין יהודה. אָבער איבעראַנדערשן איינגאַנצן די דאָרטיקע אידן און איינפירן באַ זיי אַ נייע, פעסטע און באַשטענדיקע אָרדענונג — האָט נחמיה ניט געקאָנט. דערצו האָט זיך גע־פאָדערט אַן אַנדער מין פירער, אַ גייסטיקער לערער. אַט דער פירער און לערער איז איצט געקומען פון בבל קיין ירושלים. דאָס איז געווען עזרא דער „סופר".

## 6.

# עזרא דער „סופר" און די גרויסע פאַרזאַמלונג.

די אידן פון בבל האָבן שוין פון לאַנג זיך שטאַרק אינטערע־סירט מיט דער הייליקער שטאָט און מיט'ן בית־המקדש. זיי האָבן געזוכט צו אָרגאַניזירן אין יהודה אַ אידישן קיבוץ, אין וועלכן מ'זאָל לעבן לויט זייער באַגריף פון פרומקייט. וועגן אַ אידישער מלוכה מיט אַ אידישן קיניג אין ירושלים זאָל מען מער ניט טראַכטן. דער מיטלפונקט פון אידישן לעבן זאָל זיין דער בית־המקדש, און דער כוהן־גדול זאָל זיין דער אידישער פירשט און פאָרשטייער. אידן זאָלן זיך אָפּשיידן פון די פעל־קער אַרום, און זוכן אָפּצוהיטן פּינקטלאַך אַלע דינים פון גאָט'ס תורה.

אָבער די תורה, וואָס אידן האָבן אין יאשיהו'ס צייט צו־געשוואָרן צו היטן, איז געווען צוגעפּאַסט פאַר אַ קליינער זעלבשטענדיקער מלוכה, ווי די אידן אין יהודה זיינען דעמאָלט געווען. איצט אָבער זיינען זיי געווען אַ טייל פון אַ פרעמדער מלוכה מיט גאָר אַן אַנדער אָרדענונג פון לעבן. די געלערנטע אידן פון בבל האָבן דערפאַר אויסגעבעסערט די פריער־דיקע דינים און געשאַפן אַ נייע תורה, וואָס זאָל דינען פאַר אַ געזעצבוך פון דעם אידישן לעבן אין אַלע וויטערדיקע צייטן.

אין דער דאָזיקער נייער תורה ווערט מער ווי אַלץ גערעדט וועגן דער אָרדענונג אין בית־המקדש, וועגן דער הייליקער עבודה, וואָס די כוהנים מוזן אין אים טאָן, און וועגן די דינים, וואָס אַלע מוזן אָפּהיטן, כדי ניט צו פאַרשוועכן זיין הייליקייט. מ׳רופט דעריבער דאָס דאָזיקע געזעצבוך „די תורה פון די כוהנים" (תורת־כוהנים. געפינט זיך צום גרעסטן טייל אין דריטן פון די פינף חומשים, אין „ויקרא").

דער פירער פון די דאָזיקע אידן פון בבל איז געווען דער כוהן און סופר עזרא, דער גרעסטער לערער און גייסטיקער פירער, וואָס אידן האָבן געהאַט פון יחזקאל׳ען אָן. נאָכדעם ווי נחמיה האָט אויסגעבויט דעם מויער אַרום ירושלים און האָט דאָרטן איינגעפירט אַביסל אַ בעסערע אָרדענונג, האָט עזרא באַקומען אַ דערלויבעניש און אַ פולמאַכט פון פּערסישן קיניג צו גיין קיין יהודה מיט דער נייער תורה און מאַכן זי דאָרטן פאַר דעם געזעץ פון גאַנצן לאַנד.

עזרא איז געקומען קיין ירושלים מיט עטלאַכע טויזנט איבערגעגעבענע אידן צו ענדיקן די אַרבעט, וואָס נחמיה האָט אָנגעהויבן: צו רעפאָרמירן דאָס לעבן פון די ארץ־ישראל׳דיקע אידן, כדי די אידן פון גלות זאָלן זיך קענען צונויפמישן מיט זיי און ווערן איין געמיינדע.

די ערשטע זאַך האָט עזרא גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון פאָלק אויף אַ ברייטן פּלאַץ בײַ איינעם פון די טויערן פון שטאָט און האָט דאָרטן פאָרגעלייענט די נייע תורה, וואָס ער האָט געבראַכט. ער איז געשטאַנען אויף אַ הויכער, הילצער־נער פּלאַטפאָרם, וואָס מ׳האָט געמאַכט ספּעציעל פאַר דער געלעגנהייט, און האָט געלייענט; און די כוהנים און די לויים, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אים, האָבן דערקלערט דעם פאָלק די באַדייטונג פון די ווערטער. דאָס פאָרלייענען האָט גע־מאַכט אַזאַ גוואַלדיקן איינדרוק אויף אַלעמען, אַז דער גאַנצער פאַרזאַמלטער עולם האָט זיך צעוויינט און צעיאָמערט.

די צווייטע און די שווערסטע זאַך, וואָס עזרא האָט געהאַט דורכצופירן, איז געווען: אַז אידן זאָלן אַלם הייליקע געמיינדע

זיך אָפּשיידן פון אַלע גויים און האַלבע גויים אַרום. נחמיה האָט אָנגעהויבן דעם דאָזיקן קאַמף, אָבער ער איז ווייט ניט געגאַנגען. ער האָט נאָר גע'פּועל'ט, אַז אידן זאָלן שווערן ניט צו נעמען מער קיין פרעמדע, ניט-אידישע פרויען. עזרא איז געגאַנגען אַ סך ווייטער. ער האָט געפאָדערט, אידן זאָלן זיך שיידן פון די פרעמדע פרויען, וואָס זיי האָבן פון לאַנג שוין גענומען. דאָס האָט געבראַכן אַ סך פאַמיליעס, האָט פאַרשאַפט גרויסעליידן, דעריבער איז דאָס געווען ניט לייכט דורכצופירן.

נאָכדעם ווי אידן האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע גוי'אישע פרויען, איז געקומען דער לעצטער אַקט פון עזרא'ס טעטיקייט. אַלע אידן זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ גרויסער פאָלקס-פאַרזאַמלונג אין ירושלים. אַלע פאַרזאַמלטע האָבן געפאַסט, און מיט זעק אַש אויף די לענדן האָבן זיי זיך מתודה געווען אַף זייערע זינד און אַף די זינד פון זייערע עלטערן. דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען עזרא. צוערשט האָט מען פאָרגעלייענט שטיקער פון דער תורה. דערנאָך האָט עזרא געזאָגט אַ לאַנגע תפילה, אין וועלכער ער האָט דער-ציילט און דערקלערט, וואָס עס האָט פאַסירט מיט דעם אידישן פאָלק ביז יענער צייט.

נאָך עזרא'ס תפילה האָט דאָס גאַנצע פאַרזאַמלטע פאָלק צוגעשוואָרן צו היטן די געבאָטן פון גאָט'ס תורה. די וויכטיק-סטע פונקטן, אַף וועלכע זיי האָבן געשוואָרן, זיינען געווען: ניט צו טאָן קיין שדוכים מיט די גוי'אישע שכנים אַרום; ניט צו האַנדלען אום שבת; צו היטן דאָס יאָר פון „שמיטה" (לאָזן ניט באַארבעט די ערד און שיינקען אַלע חובות אין יענעם יאָר) און צו ברייננען אין צייט פאַרשיידענע אָפּצאָ-לונגען פאַר דעם בית-המקדש.

אַף אָט דער „גרויסער פאַרזאַמלונג" האָבן אידן אַוועק-געלייגט אַ פעסטן פונדאַמענט, אַף וועלכן זיי האָבן אויסגעבויט אָן אייגן אידיש לעבן אויך אָן אָן אייגענער מלוכה. זיי האָבן פון איצט אָן געלעבט, ווי אַ באַזונדער פאָלק, מיט דעי

תורה, מיט דער „עבודה" אין בית־המקדש און דערמיט מיט דער האָפענונג, אַז אַמאָל, אין דער ווייטער צוקונפט, וועט קומען משיח'ס מלוכה.

## שטיקער פון תורת־כוהנים:

און גאָט האָט גערעדט צו משה'ן אַזוי צו זאָגן: רייד צו דער גאַנצער געמיינדע פון די בני־ישראל און דו זאָלסט זאָגן צו זיי: הייליק זאָלט איר זיין, וואָרים הייליק בין איך יהוה אייער גאָט.

די הייליקייט פון אידן זאָל זיך אַרויסווייזן אין פאַר־שיידענע זאַכן, וואָס זיי מוזן טאָן:

איר זאָלט אָפּגעבן כבוד פאָטער און מוטער און מיינע שבתים זאָלט איר היטן.

דו זאָלסט ליב האָבן דעם צווייטן אַזוי ווי זיך אַליין.

זאָלסט זיך אויפהויבן פאַר אַ גרייזגראָען מענטשן און דו זאָלסט שאַנעווען אַ זקן.

איר זאָלט האָבן אַ ריכטיקע וואָגשאָל און ריכטיקע וואָגשטיינער.

נאָך מער זאָל די הייליקייט פון אידן זיך אַרויסווייזן אין פאַרשיידענע זאַכן, וואָס זיי טאָרן ניט טאָן:

איר זאָלט זיך ניט ווענדן צו די געצן און איר זאָלט זיך ניט מאַכן קיין געגאָסענע בילדער פון גאָט.

איר זאָלט ניט עסן מיט דעם בלוט און ניט מאַכן קיין כשוף.

איר זאָלט ניט גנב'ענען און ניט פאַרלייקענען און ניט זאָגן קיין ליגן איינער דעם אַנדערן.

זאָלסט ניט אונטערדריקן דעם צווייטן און זאָלסט אים

ניט באַרויבן. זאָלסט ניט לאָזן איבערנעכטיקן דעם לוין פון אַ געדונגענעם אַרבעטער ביז אין דער פרי.

זאָלסט ניט שילטן אַ טויבן און פאַר אַ בלינדן ניט לייגן קיין שטרויכלונג.

איר זאָלט קיין אומרעכט ניט טאָן אין משפּט'ן. זאָלסט ניט שאַנעווען קיין אָרימאַן און ניט זיין מילד מיט אַ גרויסן מאַן. מיט גערעכטיקייט זאָלסטו משפּט'ן דיין מיטמענטשן.

זאָלסט ניט פיינט האָבן דיין ברודער אין דיין האַרצן, זאָלסט ניט נעמען קיין נקמה און ניט טראָגן קיין שנאה.

און אַז עס וועט זיך אויפהאַלטן אַ פרעמדער אין אייער לאַנד, זאָלט איר אים ניט קריוודען. ווי דער איינגעבוירע־נער זאָל זיין דער פרעמדער, וואָס האַלט זיך אויף בא אייך, און זאָלסט אים ליב האָבן, ווי זיך אַליין, ווארים איר זייט אַליין געווען פרעמדע אין לאַנד מצרים.

די פריערדיקע געזעצן ווי צו העלפן קנעכט און אָרימע לייט האָבן ניט געווירקט. די געזעצגעבער פון „תורת־כוהנים" האָבן צונויפגענומען די אַלטע סאָציאַלע געזעצן, אויך די סאָ־ציאַלע אידעאַלן, וואָס האָבן געלעבט אין פאָלק, און האָבן דערפון אויסגעאַרבעט דעם פאָלגנדיקן נייעם געזעץ, וואָס זאָל מאַכן אוממעגלאַך פאַר רייכע פריצים צו פאַרכאַפּן דאָס לאַנד פון די פויערים, און די פויערים זאָלן ניט ווערן קיין קנעכט בא זיי.

די יאָרן זאָלן איינגעטיילט ווערן אין יאָרוואָכן, און דאָס זיבעטע יאָר זאָל זיין אַ שבת־יאָר.

זעקס יאָר זאָלסטו פאַרזייען דיין פעלד און זעקס יאָר זאָלסטו אָרומשניידן דיין ווייַנגאָרטן און אַריינברענגען דעם געוויקס פון לאַנד. אָבער דעם זיבעטן יאָר זאָל דאָס לאַנד האָבן אַ שבת־רו, אַ שבת צו גאָט, דיין פעלד זאָלסטו ניט זייען און דיין ווייַנגאָרטן ניט אָרומשניידן. דעם נאָכוואוקס פון דיין שניט זאָלסטו ניט שניידן, און די ווייַנטרויבן פון דיינע ניט באַשניטענע ווייַנשטאָקן זאָלסטו ניט צונויפ־

קליינן; אַ יאָר פון רו זאָל עס זיין פאַר דעם לאַנד. און וואָס דאָס לאַנד ברענגט אַרויס אין דעם שבת־יאָר פון זיך אַליין, זאָל זיין צו עסן פאַר דיר, און פאַר דיין קנעכט, און פאַר דיין דינסט, און פאַר דעם געדונגענעם אַרבעטער און דעם איינגעוואַנדערטן, וואָס האַלט זיך אויף בײַ דיר; און פאַר דיין בהמה און דיין חיה, וואָס אין דיין לאַנד, זאָל דער גאַנצער נאָכוואוקס זיין צום עסן.

דאָס זיבעטע יאָר זאָל זיין אַ שבת־יאָר. דאָס פופציקסטע יאָר אָבער זאָל זיין אַ יובל־יאָר, ווען לאַנד און קנעכט זאָלן באַפרייט ווערן (עס הייסט אַ יאָר, ווען דער שופר, דער האָרן פון דעם יובל (דעם באַראַן), מיט וועלכן מען טרומייטערט, זאָל אויסרופן, אַז אַלע ווערן פריַיגעלאָזן):

און איר זאָלט אָפּציילן זיבן שבת־יאָרן, זיבן מאָל זיבן יאָר, און איר זאָלט לאָזן שאַלן מיט אַ שופר אין אייער גאַנצן לאַנד, און אויסרופן פרייהייט פאַר אַלע איינוואוינער. אַ יובל־יאָר זאָל עס זיין, און איר זאָלט זיך אומקערן יעטווידער צו זיין אייגנטום און צו זיין משפּחה.

אַז מ׳קויפט אַ שטיק לאַנד אָדער אַ הויז, קויפט מען עס לויט דעם יובל־געזעץ נאָר צו באַנוצן זיך דערמיט אַזוי פיל יאָרן, וויפיל עס זיינען געבליבן פון דעם יאָר פון פאַרקויף ביז דעם יובל־יאָר. בלויז מיט הייזער אין שטעט, וואָס האָבן אַ מויער אַרום, עס הייסט: אין גרעסערע שטעט, מאַכט דאָס געזעץ אַן אויסנאָם. אין אַזעלכע שטעט האַנדלט מען מיט הייזער, ווי מיט אַ סחורה, און מ׳קען עס דעריבער קויפן און פאַרקויפן אויף אייביק.

לאַנד און הייזער גייען אין יובל־יאָר צוריק אַריבער צום פריערדיקן אייגנטימער. און אויך קנעכט ווערן פריי אין דעם דאָזיקן יאָר.

און אַז דיין ברודער וועט אָרים ווערן און וועט זיך פאַרקויפן צו דיר, זאָלסטו מיט אים ניט אַרבעטן ווי מיט

> א קנעכט. זאלסט אים ניט שלעכט באהאנדלען און דו זאלסט מורא האבן פאר דיין גאט. ביז דעם יובל־יאר זאל ער בא דיר דינען, און ער זאל דעמאלט ארויסגיין פון דיר, ער און זיינע קינדער מיט אים. און ער זאל זיך אומקערן צו זיין משפחה און צו דעם אייגנטום פון זיינע עלטערן.

מ׳זאל אבער העלפן אן ארימאן, אז ער זאל גארניט דארפן פארקויפן זיין נחלה און ניט ווערן קיין קנעכט:

> און אז דיין ברודער וועט ארים ווערן און עס וועט האלטן דערביי, ער זאל גיין געבראכן, זאלסטו אים אונטער־העלפן, דיין ברודער זאל לעבן צוגלייך מיט דיר. זאלסט ניט נעמען פון אים קיין צינזן. נעם ניט פון אים מער, וויפיל דו האסט אים געגעבן, און דו זאלסט מורא האבן פאר דיין גאט.

דאס געזעץ ניט צו באארבעטן די ערד דעם שבת־יאר האבן אידן אפגעהיט אין די צייטן פון צווייטן בית־המקדש. אבער דאס געזעץ פון יובל־יאר איז קיינמאל אינגאנצן ניט דורכ־געפירט געווארן אין דער פראקטיקע; עס איז געבליבן ניט מער ווי אן אידעאלער פלאן אפצושאפן די פארארימונג פון די פויערים.

8.

## ווי האבן אידן דעמאלט געלעבט?

נאך עזרא׳ס רעפארם האבן אידן נאך געלעבט ארום הונ־דערט יאר אונטער דער פערסישער הערשאפט. אין די דאזיקע הונדערט יאר האט די אידישע לאגע אין יהודה זיך פיל פאר־בעסערט. די צאל איינוואוינער האט זיך פארמערט, ווייל א סך פרומע אידן זיינען איצט געקומען פון בבל.

די מדינה פון יהודה איז געווארן אויך גרעסער אביסל אין

אירע גרענעצן, ווייל דער אידישער ישוב איז זיך שטאַרק צע־וואַקסן און האָט פאַרנומען אייניקע ערטער, וואָס האָבן פריער ניט געהערט צו יהודה. אויך די עקאָנאָמישע לאַגע פון די איינוואוינער האָט זיך פאַרבעסערט. עס איז אויסגעוואַקסן דער אידישער האַנדל, און אויך די מלאכות האָבן זיך מער אַנטוויקלט. די הויפּט באַשעפטיגונג פון אידן אין ארץ־ישראל איז אָבער אַלץ געבליבן ערד־אַרבעט. אין זייער אייגענעם לאַנד זיינען אידן אַלעמאָל געבליבן אַ פאָלק פון פויערים.

דער העכסטער פאַרוואַלטער פון דער מדינה יהודה איז געווען דער פּערסישער פּחה (גובערנאַטאָר), וואָס איז געזעסן אין ירושלים. ער האָט איינגעמאָנט די שטייערן און האָט אַכטונג געגעבן אַף דער גאַנצער אָרדענונג אין דער פּראָווינץ. אָבער די אינערלאַכע פאַרוואַלטונג האָבן אידן אַליין געפירט, און די פּערסישע רעגירונג האָט זיך אין דעם ניט געמישט.

די דאָזיקע אינערלאַכע פאַרוואַלטונג איז געלעגן אין די הענט פון אַן אַריסטאָקראַטישן קלאַס. די איינוואוינער פון ירושלים און פון דעם לאַנד אַרום זיינען געווען פאַרטראָטן דורך די עלטסטע („זקנים"), די אַריסטאָקראַטישע פאָרשטייער פון די משפחות. נאָר באַ אומגעוויינלאַכע פאַסירונגען פלעגן די פירער צונויפרופן אַלע אידן פון יהודה אַף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג אין ירושלים.

אַ וויכטיקן אָרט אין דעם ראַט פון די עלטסטע האָבן פאַר־נומען די פאָרשטייער פון די כוהנים־פאַמיליעס. אָבער דער העכסטער פאָרשטייער פון אידן און אויך דער פאַרזיצער אין דעם ראַט פון די עלטסטע איז געווען דער כוהן־גדול. לויט דער „תורת־כוהנים", וואָס אידן האָבן אָנגענומען, איז ער געווען דער פירשט פון פאָלק. ווען אַ כוהן־גדול איז געשטאָרבן, האָט זיין זון גע'ירשנ'ט זיין שטעלע. מ'פלעגט אים דעמאָלט זאַלבן און אָנטאָן אַ קרוין און אַ פּורפּור־מאַנטל, ווי אין די פריערדיקע צייטן אַ קיניג. אויך אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דעם כוהן־גדול'ס פאַמיליע האָבן פאַרנומען הויכע שטעלעס און זיינען געווען פון די גרעסטע אַריסטאָקראַטן.

אין בית־המקדש איז געווען אַ גרויסע צאָל דינער, און ניט אַלע זיינען געווען פון זעלביקן ראַנג. דעם העכערן ראַנג האָבן פאַרנומען די כוהנים. זיי האָבן געפירט זייער יחוס פון די אַמאָליקע כוהנים פון ערשטן בית־המקדש, די קינדער פון דער משפחה פון צדוק, וועלכער איז געווען דער ערשטער כוהן אין בית־המקדש אין שלמה'ס צייטן. אונטער די כוהנים זיינען געשטאַנען די לויים. זיי האָבן געשטאַמט פון די אַמאָליקע כוהנים פון די במות. די עבודה באַם מזבח האָבן נאָר געמעגט טאָן די כוהנים. די לויים זיינען געווען באַ זיי משרתים און האָבן געטאָן אַלע איינפאַכערע אַרבעטן אין בית־המקדש. דער־צו איז געווען אַ קלאַס לויים, וואָס האָבן געשפּילט און געזונגען די הייליקע געזאַנגען אין בית־המקדש (משוררים) און נאָך אַ קלאַס לויים, וואָס האָבן געהיט די טויערן פון בית־המקדש (שוערים). נאָר אַנגעזעענער ווי די כוהנים זיינען איצט גע־וואָרן די סופרים. אַלע האָבן געזוכט אָפּצוהיטן די דינים פון דער תורה. דעריבער האָבן אַלע געמוזט אָנקומען צו די סופרים. זיי האָבן איבערגעשריבן קאָפּיעס פון דער תורה, און זיי האָבן זי דערקלערט און אויסגעטייטשט פאַר אַלעמען. זיי זיינען דעריבער געוואָרן די אמת'ע לערער און גייסטיקע פירער פון פאָלק. מיט עזרא'ן האָט זיך דעריבער אָנגעהויבן באַ אידן די צייט פון די סופרים.

די אַרבעט פון די סופרים צו לערנען דעם פאָלק די תורה איז אַ סך פאַרלייכטערט געוואָרן דורך דער סינאַגאָגע (בית־הכנסת). אין דער סינאַגאָגע האָט יעדער איד זיך געפילט ווי אינדערהיים, וואָרים דאָ זיינען אַלע געווען גלייך, ניט אַזוי ווי אין בית־המקדש, וואו עס איז געווען א חילוק צווישן איינפאַכע אידן (ישראלים), לויים און כוהנים. אין דער סינאַגאָגע האָט מען געדאַוונט, אָבער נאָך מער איז דאָ געווען אַ געלעגנהייט פאַר די סופרים צו לערנען מיט דעם פאָלק די תורה.

9.

# חכמה — ליטעראַטור.

אחוץ די סופרים, וואָס האָבן אין די סינאַגאָגעס געלערנט מיט אידן גאָט׳ס תורה, זיינען אין יענע צייטן אויך געווען חכמים, וואָס פלעגן זיצן אין דרויסן, אין טויער פון שטאָט און אין אַנדערע ערטער, וואו אַ סך מענטשן קומען צוזאַמען, און זאָגן דעם פאָלק קלוגע שפּריכווערטער, ווי זיך אויפצופירן אויף דער וועלט. אַ סך ווערטער זיינען געווען זייערע אייגענע און אַ סך האָבן געשטאַמט פון עלטערע חכמים אָדער פון פאָלק גופא. פון יענע צייטן זיינען געבליבן ביכער מיט אַזעלכע קלוגע ווערטער, וואָס מ׳האָט גערופן משלים (משאָלים). אָט זיינען עטלאַכע פון זיי:

אַף אַ קלוגן זיך אַנבייזערן העלפט מער ווי געבן אַ נאר הונדערט שמיץ.

ווי אַ שטאָט, וואָס איר מויער איז אַראָפּגעריסן, אַזוי איז אַ מענטש, וואָס קאָן זיך ניט אָפּהאַלטן.

האָסטו געפונען האָניק, עס ניט צופיל, אַניט וועסטו זאַט ווערן דערמיט און עס אויסברעכן.

ווערן זאַט מיט דיר און דיך פיינט קריגן.

ווי פיס, וואָס הייגגען אַראָפּ פון אַ לאָמן, אַזוי איז אַ קלוג וואָרט אין דעם מויל פון אַ נאַר.

די טיר דרייט זיך אַף איר **זאַווערסע**, און דער פוילער אַף זיין געלעגער.

אַז מ׳דריקט מילך, קומט אַרויס פּוטער, אַז מ׳דריקט דעם נאָז, קומט אַרויס בלוט, און אַז מ׳דריקט דעם צאָרן, קומט אַרויס אַ קריג.

זיי ניט מקנא קיין שלעכטע מענטשן, און זאָל זיך דיר ניט גלוסטן צו זיין מיט זיי.

גיי זעלטן צו דיין פריינט אין הויז, אַניט וועט ער

רייד נישט צו קיין נאַר, וואָרים ער וועט אויסלאַכן דיינע קלוגע רייד.

אַ פּוילער זאָגט: אַ לייב איז אין דרויסן, אַף די גאַסן וועט מען מיך דער׳הרג׳ענען.

ווען אַן אָרימאַן רעדט, בעט ער זיך, אָבער אַ רייכער ענטפערט מיט העזה.

אַ קלוגער זון איז אַ פרייד פאַר זיין פאָטער, און אַ נאַרישער זון איז אַ האַרצווייטאַק פאַר זיין מוטער.

ווי אַ גאָלדענער רינג אַפן נאָז פון אַ חזיר, אַזוי איז אַ שיינע פרוי אָן אַ פיינעם געפיל.

אַ טויטן באַקלאָגט מען זיבן טעג, אָבער אַ נאַר איז אַ קלאָג זיין גאַנצן לעבן.

איידער דו לערנסט מיט אַנדערע, לערן פריער אַליין, און איידער דו היילסט קראַנקע, זע, צי דו ביזט אַליין געזונט.

לויב ניט אַ מענטשן פאַר זיין שיינקייט, און פאַראַכט ניט קיין מענטשן צוליב זיין אויסזען.

האָב ליב דיין קנעכט, ווי זיך אַליין, און קאַרג אים ניט קיין פרייע צייט.

זיי גוט מיט אַלע מענטשן, אָבער פאַרלאָז זיך אויף איינעם פון טויזנט.

אַ גנב פאַראַכט מען, אָבער נאָך ערגער פון אים איז אַ רכילות־טרייבער.

זיס איז דער שלאָף פון דעם, וואָס אַרבעט, צי ער עסט ווייניק אָדער פיל. אָבער די זאַטקייט פון רייכן לאָזט אים ניט שלאָפן.

אידן האָבן אַלע זייערע געזעצן צוגעשריבן משה׳ן; אַלע זייערע רעליגיעזע געזאַנגען האָבן זיי צוגעשריבן דוד׳ן. פּונקט אַזוי האָבן זיי אַ סך פון זייערע חכמה־ווערטער צוגעשריבן שלמה׳ן, וועלכער האָט אין די אַלטע צייטן געגאָלטן פאַר אַ לעגענדאַרישן חכם. דעריבער טראָגט די גרעסטע זאַמלונג פון

חכמה-ווערטער, וואָס איז פון יענער צייט געבליבן, דעם נאָמען „משלי שלמה“

.10

## די סעקטע פון די שומרונים.

א געוויסע צייט נאָך עזרא'ן איז אין צפון-זייט פון יהודה אויפגעקומען די אידישע רעליגיעזע סעקטע „שומרונים“. זייער מיטלפונקט איז געווען די שטאָט שכם. זיי האָבן געגלויבט אין איין גאָט און געהיט די תורה, ווי די אידן. אָבער זיי האָבן ניט געהאַלטן פון די נביאים און האָבן געלייקנט, אַז ירושלים איז אַ הייליקע שטאָט. ניט דער באַרג ציון איז הייליק, האָבן זיי געזאָגט, נאָר דער אַלטער הייליקער באַרג גריזים, און אויף אים האָבן זיי אויסגעבויט אַ בית-המקדש.

די געמיינדע פון שכם האָט שפּעטער זיך אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער פּראָווינץ פון שומרון און האָט באַקומען אַ סך אָנהייגער אפילו נאָך ווייטער, אין דרום-סיריע. נאָך עד-היום איז אין שכם פאַראַן אַ קליינע צאָל שומרונים, וועלכע זיינען מקריב דעם קרבן פסח אויפן באַרג גריזים.

.11

## אידן אין אַנדערע לענדער.

הגם פיל אידן זיינען געקומען צוריק פון בבל קיין יהודה, איז אָבער די צאָל פון אידן אין די מזרח-פּראָווינצן פון דער פּערסישער מלוכה אַלץ געווען אַ גרויסע, און מיט דער צייט איז זי נאָך צוגעוואַקסן. אידן האָבן דאָרטן פאַרמאָגט לאַנד און קאַפּיטאַל און האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין האַנדל פון לאַנד. מאַנכע אידן זיינען געווען אויך אָנגעשטעלטע פון דער רעגירונג. נחמיה איז ניט געווען דער איינציקער באַאַמטער אין הויף פון דעם פּערסישן קיניג.

אין עגיפּטן איז די לאַגע פון אידן געווען ערגער ווי אין בבל. די פּערסישע רעגירונג האָט זיי דאָרטן באַשיצט. אָבער די היימישע עגיפּטער האָבן זיי פאַרפאָלגט. איינמאָל, ווען דער פּערסישער סאַטראַפּ איז געווען אַוועקגעפאָרן פון עגיפּטן, האָבן די עגיפּטישע פּריסטער געמאַכט אַ פּאָגראָם אָף דער אידישער קאָלאָניע אין עלעפאַנטין און האָבן צעשטערט און פאַרברענט דעם בית־המקדש פון דעם גאָט יאַהו (יהוה), וואָס אידן האָבן פון לאַנג שוין דאָרטן געהאַט.

אין יענע צייטן זיינען אין עגיפּטן אויך פאָרגעקומען אויפ־שטאַנדן קעגן דער פּערסישער אויבערהערשאַפט, און אידן האָבן דערפון שטאַרק געליטן.

## די צייט פון דער גריכישער הערשאַפט.

1. די דעראָבערונגען פון אַלעקסאַנדער מוקדון.
2. אַלעקסאַנדער׳ס יורשים.
3. דאָס אידישע לעבן אין די ערשטע הונדערט יאָר פון דער גריכישער הערשאַפט:
   א) אין יהודה.
   ב) אין די לענדער פון דער צעשפרייטונג.
4. יהודה אונטער דער הערשאַפט פון סיריע.
5. אַנטיוכוס עפיפאנעס און זיין דעקרעט קעגן אידנטום.

1.

# די דעראָבערונגען פון אַלעקסאַנדער מוקדון

אין יאָר 333 (פאַר דער קריסטלאַכער צייט) איז פאָרגעקומען אַ געוואַלדיקע איבערקערעניש אין דער וועלט. די פּערסישע אימפּעריע איז איינגענומען געוואָרן פון אַ אייראָפּייאישן פאָלק, פון די גריכן, אָדער ווי זיי האָבן זיך אַליין גערופן: העלענען.

גריכנלאַנד האָט פאַרנומען דעם דרום'דיקן טייל פון באַלקאַנישן האַלב-אינזל. עס איז אַ לאַנד, וואָס אומעטום שניידן זיך דאָרטן אַריין אין דער יבשה טיפע אויסגוסן און לאַנגע אָרעמס פון ים. דערצו נאָך איז דער ים אַרום גריכנלאַנד אָנגעשאָטן געדיכט מיט אינזלען און אינזעלאַך; און פאָרט מען פון גריכנלאַנד קיין אַזיע און קיין איטאַליע, דאַרף מען גאָר ניט זיין ווייטער ווי עטלאַכע מייל פון אַ ברעג.

די גריכן זיינען דערפאַר געוואָרן אַ פאָלק פון גוטע ים-פאָרער און האָבן אָנגעהויבן פאָרן מיט שיפן פון פאָרט צו פאָרט און פון ים-ברעג צו ים-ברעג. עס האָט זיי געצויגן אין דער ווייטער וועלט אַרויס צו פירן האַנדל מיט פאַרשיידענע פעלקער. אַזוי האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבער אַלע לענדער, וואָס ליגן בײַ די ברעגן פון מיטללענדישן און פון שוואַרצן ים און האָבן אומעטום געגרינדעט גריכישע קאָלאָניעס. מיט דער צייט זיינען די גריכן געוואָרן דאָס ערשטע האַנדלס-פאָלק אין דער וועלט און האָבן אין דעם פּרט אַריבערגעשטיגן אפילו די פעניקיער.

אָבער די גריכן זיינען געוואָרן ניט בלויז דאָס ערשטע און רייכסטע האַנדלס-פאָלק; זיי זיינען געוואָרן אויך דאָס געביל-

דעטסטע פאָלק אין דער וועלט. אין אָנהויב האָבן זיי זיך גע־לערנט פון די פעלקער פון מזרח: פון די פעניקיער, באַבילאָ־ניער, עגיפּטער און אַנדערע. שפּעטער אָבער האָבן זיי אַלעמען אַריבערגעשטיגן מיט זייער קולטור. זייערע בוימייסטער און קינסטלער האָבן געשאַפן די שענסטע געביידעס און סטאַטועס; זייערע פּאָעטן האָבן געשאַפן די שענסטע פּאָעמעס, און זייערע פילאָזאָפן זיינען געווען די געלערנטסטע מענטשן אין דער וועלט.

אין זייער רעליגיע זיינען די גריכן געווען געצנדינער (היידן). אַלע קרעפטן אין דער נאַטור זיינען געווען בא זיי געטער. זיי האָבן געהאַט אַ גאָט פון הימל, אַ גאָט פון דער זון, אַ גאָט פון ים, אַ גאָט פון פייער, אַ גאָט פון וויין, אַ גאָט פון מלחמה און נאָך פיל אַנדערע געטער. די דאָזיקע געטער האָבן זיי זיך אויסגעמאָלט אין געשטאַלט פון אומגעווינלאַכע שטאַר־קע און שיינע מענטשן, האָבן געמאַכט פון זיי סטאַטועס און זיך געבוקט צו זיי. דער אויבערשטער פון אַלע געטער איז בא זיי געווען זעווס, דער גאָט פון הימל און דונער. זיי האָבן געגלויבט, אַז זעווס זיצט מיט זיין משפחה פון געטער אַפן הויכן באַרג אָלימפּ.

הגם די גריכן זיינען געשטאַנען אַזוי הויך אין זייער רייכ־קייט און קולטור, זיינען זיי ניט געווען פאַראייניקט אין איין מלוכה, נאָר יעדער גרעסערע שטאָט מיט איר געגנט אַרום איז געווען אַ מלוכה פאַר זיך. די בירגער פון יעדער מלוכה׳לע פלעגן אַליין אויסקלייבן זייערע באַאַמטע און פאָרשטייער, און אַ פאַרזאַמלונג פון די פרייע בירגער פלעגט באַשטימען איבער אַלע ענינים פון דער מלוכה.

דעם העכסטן שפּיץ אין דער פרייהייט פון זייער לעבן און אין דער רייכקייט פון זייער קולטור האָבן די גריכן דער־גרייכט אין פינפטן און פערטן יאָרהונדערט (פאַר דער קריסט־לאַכער צייט). אָבער באַם סוף פון פערטן יאָרהונדערט זיינען זיי שוין געגאַנגען אַף אַראָפּ. דערפאַר זיינען זיי גראָד דע־מאָלט פּאָליטיש שטאַרק געוואָרן. פיליפּ, דער קיניג פון מאַקע־

דאַניע. אין צפון פון גריכנלאַנד, האָט אונטערגעוואָרפן אַלע גריכישע מלוכה׳לאַך אונטער זיין הערשאַפט און האָט זיי מיט געוואַלד פאַראייניקט אין איין גרויסער מלוכה. זיין זון אַלעק־סאַנדער דער גרויסער (אַלעקסאַנדער מוקדון) האָט צעשלאָגן דעם לעצטן פערסישן קיניג און האָט געמאַכט פון גריכנלאַנד און פון דער פערסישער אימפּעריע איין גרויסע מאַקעדאָניש־גריכישע וועלט־מלוכה.

אָבער אַלעקסאַנדער איז געווען אַן אַנדער מין דעראָבע־רער, איידער די פריערדיקע הערשער פון די אַזיאַטישע מלוכות. ער האָט ניט נאָר געוואָלט הערשן איבער די איינגענומענע לענדער און קריגן צינז פון די איינוואוינער — ער האָט געזוכט צו מאַכן פון דער גאַנצער וועלט איין גרויסע העלעניסטישע מלוכה. ער האָט געוואָלט, אַז אַלע פעלקער זאָלן ריידן גריכיש און זיך אויפפירן לויט די גריכישע זיטן. אין יעדן לאַנד, וואָס ער האָט איינגענומען, האָבן זיך באַזעצט גריכישע קאָלאָניסטן. אַלעקסאַנדער אַליין האָט געגרינדעט אַ גרויסע צאָל גריכישע שטעט אין אַזיע און אַפריקע.

די גרעסטע שטאָט, וואָס אַלעקסאַנדער האָט אויסגעבויט, איז געווען אַלעקסאַנדריע (אַף זיין נאָמען) אין עגיפּטן. זי ליגט באַם ים און האָט אַ גרויסאַרטיקן האַפן. ביז אַלעקסאַנ־דער׳ן איז צור געווען די גרעסטע האַנדלס־שטאָט. אַלעקסאַנ־דער האָט איינגענומען און חרוב געמאַכט די שטאָט צור, און אַלעקסאַנדריע האָט איצט פאַרנומען איר אָרט. זי האָט באַ־קומען דעם מאָנאָפּאָל איבער דעם גאַנצן האַנדל אין דער מזרח׳דיקער העלפט פון מיטללענדישן ים.

אין אַט די אַלע נייע און אויך אין די אַלטע שטעט האָבן זיך באַזעצט אַ סך גריכן, און אויך די היימישע איינוואוינער האָבן דאָרטן אָנגעהויבן ריידן גריכיש און לעבן אַפן גריכישן שטייגער. מ׳האָט אויסגעבויט גריכישע געביידעס מיט שיינע קאָלאָנאַדעס און האַלעס. מ׳האָט אויסגעבויט פלעצער פאַר גימנאַסטיק, גימנאַזיעס האָט מען עס דאָרטן גערופן, שטאַדי־

אומס, היפּאָדראָמס און טעאַטערס; מ'האָט איינגעפירט אַט-לעטישע שפּילן און וועט-לויפעניש.

די איינוואוינער פון די שטעט אין אזיע און אפריקע האָבן אָנגענומען דעם גריכישן שטייגער פון לעבן. אָבער די גריכן האָבן דאָרטן אויך איבערגענומען אַ סך זיטן און גלויבונגען פון די אָרטיקע איינוואוינער. אַזוי האָט אין יענע שטעט אייראָפּע זיך צונויפגעמישט מיט אַזיע און אַפריקע און געבילדעט איין קולטור, די העלעניסטישע, וועלכע איז געווען ניט קיין ריין גריכישע, נאָר צוגעמישט מיט די אַלטע אָרטיקע קולטורן.

## 2.

## אַלקסאַנדער'ס יורשים.

אַלעקסאַנדער האָט געקיניגט איבער זיין וועלט-אימפּעריע ניט מער ווי צען יאָר. אין יאָר 323 איז ער געשטאָרבן און זיין וועלט-מלוכה איז צעפאַלן אַף עטלאַכע טיילן. קיין קינד, וואָס זאָל אים ירש'ענען, האָט ער ניט געלאָזן, האָבן אים גע-ירש'נט זיינע גרויסע גענעראַלן. עטלאַכע יאָר האָבן זיי גע-פירט מלחמות צווישן זיך, ביז זיי האָבן צום סוף זיך צעטיילט מיט דער ירושה.

אין עגיפּטן איז געוואָרן אַ קיניג אַלעקסאַנדער'ס אַ גענע-ראַל מיט'ן נאָמען פּטאָלעמעאוס, און אין פאָדער-אזיע — אַ גענעראַל מיט'ן נאָמען סעלעוקוס. די דאָזיקע צוויי גענעראַלן האָבן געגרינדעט דינאַסטיעס פון גריכישע מלכים. די דינאַס-טיע פון די פּטאָלעמייער (די נאָכפאָלגער פון פּטאָלעמעאוס) און די דינאַסטיע פון די סעלעווקידן (די נאָכפאָלגער פון סע-לעווקוס). די הויפּטשטאָט פון דער פּטאָלעמייאישער מלוכה אין עגיפּטן איז געווען אַלעקסאַנדריע, און די הויפּטשטאָט פון דער סעלעווקידישער מלוכה אין פאָדער-אַזיע איז געווען אַנ-טיוכיע, די נייע שטאָט, וואָס סעלעווקוס האָט אויסגעבויט אין סיריע באַם ברעג ים.

ביידע מלוכות זיינען געווען גריכישע. וואָרים דער קיניג,

די הויכע באַאַמטע און דער גאַנצער הערשענדיקער קלאַס אין לאַנד זיינען געווען גריכן, און זיי האָבן זיך געפלייסט איינצופלאַנצן אומעטום די גריכישע שפראַך און גריכישע זיטן.

פאַלעסטינע איז געבליבן באַ פּטאָלעמעאוס'ן, און אַרום הונדערט יאָר (ביז דעם סוף פון דריטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלאַכער צייט) האָבן די אידן אין ארץ-ישראל געלעבט אונטער דער הערשאַפט פון די פּטאָלעמייער.

## 3.

## דאָס אידישע לעבן אין די ערשטע הונדערט יאָר פון דער גריכישער הערשאַפט.

### א) אין יהודה.

דאָס אידישע לעבן אין ארץ-ישראל האָט אין אַלגעמיין זיך ניט שטאַרק געענדערט אין יענער צייט. יהודה איז אויך ווייטער געבליבן אַ פּראָווינץ פון אַ פרעמדער מלוכה. נאָר אַנשטאָט דעם, וואָס מ'האָט פריער געצאָלט אַ יערלאַכן צינז דעם פּערסישן קיניג, האָט מען עס איצט געצאָלט אַ גריכישן קיניג: אין אָנהויב אַלעקסאַנדער'ן און דערנאָך די גריכישע הערשער פון עגיפּטן.

אַלעקסאַנדער און די פּטאָלעמייער זיינען געווען זייער גוט צו אידן. דאָך אָבער האָבן אידן ניט ווייניק געליטן פון די מלחמות, וואָס אַלעקסאַנדער'ס נאָכפאָלגער האָבן געפירט צווישן זיך. עגיפּטן און סיריע האָבן אָפט מלחמה געהאַלטן איבער פּאַלעסטינע, און די אידן פון יהודה האָבן געהאַט אויסצושטיין אַ סך צרות פון די אַרמייען, וואָס האָבן מאַרשירט דורך זייער לאַנד.

אָבער אין די רואיקע צייטן, ווען צווישן עגיפּטן און סיריע האָט געהערשט פרידן, האָט זיך אידן אונטער דער הערשאַפט פון עגיפּטן געלעבט בעסער, ווי אונטער פּערסיע. אידן האָבן

איצט באַקומען נאָך מער זעלבסטפאַרוואַלטונג. די עגיפּטישע מלכים האָבן ניט געהאַלטן קיין גובערנאַטאָר זייערן אין ירושלים, ווי די פּערסער. דער כּוהן־גדול איז געווען דער פּאָ־ליטישער פאָרשטייער פון אידן און צוזאַמען מיט דעם אויך דעם קיניג׳ס פאָרטרעטער אין יהודה. דאָס האָט געבראַכט אַ וויכטיקע ענדערונג אין דער פּאָליטישער לאַגע פון אידן. פון איצט אָן האָט דער כּוהן־גדול געקראָגן די באַדייטונג פון „גו־בערנאַטאָר“, און אַז אַ כּוהן־גדול פלעגט אָרויף אַף זיין אַמט, פלעגט ער באַשטעטיקט ווערן פון קיניג, אַלס פירשט פון יהודה.

בּאַ דער זייט פון דעם כּוהן־גדול איז, ווי פריער, געשטאַ־נען דער ראַט פון די עלטסטע, וועלכער האָט איצט באַקומען דעם גריכישן נאָמען גערוזיא (סענאַט). ווען עס פלעגט זיך אָבער האַנדלען וועגן וויכטיקע פראַגן, וואָס באַרירן דעם גאַנצן כּלל, פלעגן איצט אויך פאָרקומען פאָלקספאַרזאַמלונגען.

די כּוהנים־גדולים זיינען געווען רייכע פירשטן און האָבן ווייניק געזאָרגט פאַר דאָס פאָלק. אַן אויסנאַם איז געווען דער כּוהן־גדול שמעון, וועמען מ׳האָט גערופן „שמעון דער צדיק“. ער האָט באַפעסטיקט ירושלים און זי באַוואָרנט מיט וואַ־סער. פון דעם דאָזיקן „שמעון הצדיק“, וועלכער איז געווען זייער באַליבט באַ אַלעמען, איז געבליבן אַ ווערטל: „אַף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אַף תּורה, אַף עבודה (הייליקע גאָטס־דינסט אין בית־המקדש) און אַף גמילות־חסדים (טאָן גוטס מענטשן)“.

אָבער די כּוהנים זיינען איצט שוין ניט געווען מער די לערער און גייסטיקע פירער פון פאָלק. דאָס זיינען געווען די סופרים און די חכמים. די סופרים האָבן אין די סינאַ־גאָגעס (בתּי־כּנסת) געלערנט מיט׳ן פאָלק די תּורה. די חכמים זיינען געווען קלוגע, געלערנטע און דערפאַרענע לייט, וועלכע פלעגן זיצן מערסטנס אין טויער פון שטאָט און געבן עצות און מיט קלוגע ווערטלאַך און שפּרוכן לערנען דאָס פאָלק דעם ריכ־טיקן וועג, ווי צו לעבן אַף דער וועלט.

די אידן אין יהודה האָבן איצט, אין דער גריכישער צייט, זיך אויך מערער באַקענט מיט דער וועלט און מיט פיל נייע זאַכן. אַ קייט פון גריכישע שטעט איז איצט אויסגעבויט געוואָרן אין עבר־הירדן און אויך באַם ברעג פון ים, און טויזנטער גריכישע קאָלאָניסטן האָבן זיך דאָרטן באַזעצט. אַף די גאַסן האָט מען געזען גריכישע הענדלער און דורכרייזנדער, און אידן האָבן זיך באַקענט מיט נייע מינים שפּייזן, פיינערע סחורות פאַר קליידונג און נייע סאָרטן מעבל. אָבער אויך מיט נייע מנהגים און באַגריפן.

## ב) אין די לענדער פון דער צעשפּרייטונג.

אין דער גריכישער צייט האָבן אידן זיך נאָך אַ סך מערער פאַרשפּרייט איבער דער וועלט, איידער פריער. אַלץ מער און מער האָבן זיי אַרויסגעוואַנדערט פון זייער לאַנד, וואָס איז געוואָרן צו איינג פאַר זיי, און האָבן זיך באַזעצט אין אַנדערע לענדער. עס האָט ניט לאַנג געדויערט, און אידישע קאָלאָניעס זיינען געווען צעוואָרפן פון דעם אינדוס ביז גיבראַלטאַר, און פון דעם אינדישן אָקעאַן ביז דעם שוואַרצן ים.

נאָר מער ווי אומעטום האָבן אידן זיך באַזעצט אין עגיפּטן, און באַזונדערס אין אַלעקסאַנדריע. עס גייען אַוועק עטלאַכע הונדערט יאָר, ווען פון די אידן אין די מעסאָפּאָטאַמישע לענדער הערט מען ווייניק. דערפאַר האָבן די נייע אימיגראַנטן אין עגיפּטן, צוזאַמען מיט די אידן, וואָס האָבן דאָרטן פון פריער געוואוינט, באַלד אַריבערגעשטיגן אין צאָל זייערע ברידער אין ארץ־ישראל.

אַלעקסאַנדער'ס קלוגע פּאָליטיק האָט צוגעצויגן אַ סך אידן אין אַלעקסאַנדריע, און אונטער די פּטאָלעמייער איז זייער צאָל נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן. זיי האָבן דאָרטן פאַרנומען אַ באַזונדערן קוואַרטאַל פון שטאָט, וואו זיי האָבן געלעבט לויט זייער תורה און זייערע מנהגים, מיט אַן אייגענעם אידישן

פאַרשטייער. אַזוי אַרום איז אַלעקסאַנדריע באַלד געוואָרן דער צווייטער גרעסטער אידישער צענטער אין דער וועלט נאָך ירושלים.

די עגיפּטישע אידן האָבן געלעבט אַנדערש, ווי זייערע ברידער אין ארץ־ישראל. אין יהודה זיינען זיי מערסטנס גע־ווען פּויערים אין דערפער. אין עגיפּטן אָבער זיינען זיי געווען גרויסשטעטישע איינוואוינער און האָבן געלעבט פון האַנדל און מלאכה. דערצו האָבן זיי באַלד איבערגענומען די שפּראַך פון זייערע ניט־אידישע שכנים און האָבן אָנגעהויבן ריידן גריכיש.

מיט דער צייט האָבן זיי אינגאַנצן פאַרגעסן העברייאיש. אפילו אין ארץ־ישראל האָבן שוין אויך אידן אָנגעהויבן זיך באַנוצן אין אַלטעגלאַכן לעבן מיט אַ נייער שפּראַך, מיט אַראַ־מיש. באַ די עגיפּטישע אידן אָבער האָט גריכיש באַלד אינ־גאַנצן אַרויסגעשטופּט העברייאיש. אַרום דעם מיטן פון דריטן יאָרהונדערט האָבן די עגיפּטישע אידן דעריבער דערפילט אַ נויטווענדיקייט איבערצוזעצן די הייליקע שריפטן אין גריכיש. די דאָזיקע איבערזעצונג טראָגט דעם גריכישן נאָמען „סעפּטו־אַגינטאַ“ (זיבעציק), ווייל לויט דער אידישער לעגענדע איז די דאָזיקע אַרבעט אויסגעפירט געוואָרן פון זיבעציק געלערנטע לייט. פון איצט אָן האָבן אויך ניט־אידן געקאָנט לייענען די הייליקע אידישע ביכער און וויסן וועגן אידן, זייערע געזעצן און מנהגים.

אַזוי ווי אידן האָבן געלעבט אין עגיפּטן אין אַ גרויסער צאָל, זיינען געווען רייך און האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אין לאַנד, האָט מען זיי אָנגעהויבן פיינט האָבן. די גריכישע סוחרים האָבן געזען אין זיי געפערלאַכע קאָנקורענטן. מ'האָט געשריבן וועגן זיי ביכער. מ'האָט אידן באַשולדיקט, אַז זיי זיי־נען ניט געטריי דעם לאַנד, ווייל זיי דינען ניט צו די געטער, צו וועלכע אַלע דינען, און לעבן אָפּגעזונדערט לויט זייערע איי־גענע געזעצן. מאַנכע שרייבער האָבן אָנגעדערציילט אָף אידן אַלערליי אויסגעטראַכטע און ווילדע בלבולים.

אידן האָבן אָבער ניט געשוויגן און האָבן אָפּגעענטפערט

מיט ביכער. אזוי איז דעמאָלט אויפגעקומען אַ אידיש לעבן און אַ אידישע ליטעראַטור אין דער גריכישער שפּראַך.

.4

## יהודה אונטער דער הערשאַפט פון סיריע.

אַ לאַנגע צייט האָבן די סירישע הערשער געוואָרט אַף אַ געלעגנהייט אָוועקצונעמען פּאַלעסטינע פון עגיפּטן, ביז דאָס האָט זיך זיי צום סוף איינגעגעבן.

אַרום דעם יאָר 220 (פאַר קר.) איז דער העלדישער סירי־שער קיניג אַנטיוכוס דער דריטער (מ'האָט אים גערופן „דער גרויסער") אַרוים מיט אַ חיל איינצונעמען פּאַלעסטינע. איבער 20 יאָר האָבן זיך געצויגן די מלחמות. ערשט אין יאָר 198 האָט אַנטיוכוס איינגעגנצן צעשלאָגן דעם עגיפּטישן חיל, און ארץ־ישראל איז געוואָרן אַ טייל פון דער סעלעוקידישער מלוכה.

אין די דאָזיקע 20 יאָר איז די לאַגע פון אידן געווען ניט קיין זיכערע. דער כּוהן־גדול איז דעמאָלט געווען חוניו. ער האָט איינגעזען, אַז סיריע איז שטאַרקער פאַר עגיפּטן און וועט צום סוף איינעמען פּאַלעסטינע. האָט ער דערפאַר גלייך אין אָנהויב פון קאַמף אויפגעהערט צו שיקן דעם צינז קיין אַלעקסאַנדריע.

די דאָזיקע געלעגנהייט האָט אויסגענוצט חוניו'ס אַ קרוב מיט'ן נאָמען יוסף בן־טוביה. ער האָט אָפּגעדונגען פון עגיפּ־טישן קיניג די שטייערן פון גאַנץ דרום־סיריע און איז געוואָרן דער הערשער איבער דער גאַנצער פּראָווינץ.

פון איצט אָן האָט דער כּוהן־גדול שוין מער ניט געהאַט די גאַנצע דעה אין יהודה. ער איז געבליבן ניט מער, ווי דער רעליגיעזער פאָרשטייער פון פאָלק. אים בּאַ דער זייט איז איצט געשטאַנען יוסף בן־טוביה, אַלס דער וועלטלאַכער הער־שער פונ'ם אידישן לאַנד. ניט חוניו, נאָר יוסף בן־טוביה איז איצט געווען דעם קיניג'ס פאָרטרעטער. אָבער יוסף האָט

געזוכט נאָר צו האָבן אַף זיין זייט דעם קיניג׳ם צוטרוי. צו די אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן איז ער געווען גלייכגילטיק. דאָם פאָלק האָט יוסף׳ן אויך ניט ליב געהאַט, ווי עס האָט ניט ליב געהאַט יעדן שטייער-מאַנער, וואָס האָט אַרויסגעפּרעסט די שטייערן און איז דערפון געוואָרן רייך און מעכטיק.

אַרום 20 יאָר האָט יוסף אַזוי געהערשט איבער פּאַלעס-טינע. אַז אַנטיוכוס איז אין יאָר 198 ווידער אַרום איינצונע-מען פּאַלעסטינע און איז געבליבן דער זיגער, איז יוסף שוין געווען געשטאָרבן. זיינע קינדער האָבן אָבער איצט געביטן די שטעלונג און האָבן גענומען האַלטן מיט סיריע. אַזוי האָבן אידן זיך איצט צעשפּאָלטן אין צוויי פּאַרטייען. איין פּאַרטיי האָט געהאַלטן מיט עגיפּטן. איר פירער איז געווען חוניו. די אַנדער פּאַרטיי האָט געהאַלטן מיט סיריע. אירע פירער זיינען געווען די זין פון יוסף בן-טוביה. די עגיפּטישע פּאַרטיי האָט זיך געשטיצט אַף די פּויערים. די סירישע פּאַרטיי האָט זיך געשטיצט אַף די הענדלער און די שטאָטישע איינוואוינער. די אָנהייבער פון דער עגיפּטישער פּאַרטיי זיינען געווען די שטרייגג פרומע, וואָס האָבן געוואָלט לעבן אַזוי ווי די פּאָטערס און די זיידעס אין די פריערדיקע צייטן. די אָנהייבער פון דער סירישער פּאַרטיי זיינען געווען די העלעניזירטע אידן. זיי האָבן געוואָלט אָננעמען די גריכישע זיטן און מנהגים און לעבן אין נענטערער פאַרבינדונג מיט די פעלקער אַרום. די הערשער פון עגיפּטן האָבן זיך ווייניקער געיאָגט צו אַסימי-לירן די אונטערגעוואָרפענע פעלקער; זיי האָבן קענטיק אויך געפּאָדערט ווייניקער שטייערן, וועלכע האָבן זיך געלייגט מיט זייער גאַנצער משא אַף די פּויערים.

אַז אַנטיוכוס דער דריטער איז געשטאָרבן, איז זיין זון סעלעווקוס (דער פערטער) אַרויף אַפן סירישן טראָן. דער פירשט פון יהודה איז דעמאָלט געווען יוסף׳ם זון שמעון. מיט חוניו׳ן איז ער געווען אַף מעסערס, און ער האָט פאַר׳מסר׳ט בא דער סירישער רעגירונג, אַז אין דער קאַסע פון בית-המקדש ליגט אַ געוואַלדיק רייכער אוצר.

דער קיניג האָט געשיקט זיין קאַנצלער העליאָדאָר׳ן מיט אַ באַפעל צוצונעמען דעם אוצר. אָבער ווי נאָר העליאָדאָר איז אַריינגעטראָטן אין דעם הייליקן אָרט, איז געוואָרן אַ שרעקלאַכער געשריי און אַ יללה אין ירושלים; וואָרים די אָרי־מערע מענטשן, אויך אַ סך אַלמנות און יתומים האָבן גע־האַלטן זייער ביסל געלט אין דער קאַסע פון בית־המקדש. העליאָדאָר האָט נאָכגעגעבן און האָט ניט אָנגערירט דעם אוצר פון ירושלים. אַ אידישע לעגענדע דערציילט, אַז ווען העליאָדאָר איז אַריין אין בית־המקדש, איז אים גע־קומען אַנטקעגן אַ וואונדערלאַכע געשטאַלט, און אַ צע־שראָקענעם און אַ גע׳חלש׳טן האָט מען אים פון דאָרטן אַרויסגעטראָגן.

אַ געוויסע צייט האָבן שמעון און חוניו, יעדערער מיט זיין צד, זיך נאָך אַרומגעריסן און פאַר׳מסר׳ט איינע די אַנ־דערע בא דער רעגירונג. חוניו האָט געמוזט פאַרלאָזן ירושלים און גיין קיין אַנטיוכיע, כדי דאָרטן עפּעס צו פועל׳ן קעגן שמעון׳ען. דערווייל אָבער האָט די גאַנצע לאַגע זיך געענדערט. העליאָדאָר האָט געטויט סעלעווקוס׳ן, און דעם טראָן האָט סוף־כל־סוף פאַרכאַפּט סעלעווקוס׳עס ברודער, אַנטיוכוס דער פערטער, אָדער אַנטיוכוס עפּיפאַנעס.

## 5.

## אַנטיוכוס עפּיפאַנעס און זיין דעקרעט קעגן אידנטום.

אַנטיוכוס עפּיפאַנעס האָט ווייניק פאַרשטאַנען די פעלקער, איבער וועלכע ער האָט געהערשט. ער איז געווען אַ דעספּאָט, מיט אַן אומרואיקער נאַטור און פול מיט גרויסע אַמביציעס און ווילדע קאַפּריזן.

ווען ער איז אַרויף אַפן טראָן, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג אין דער פּאָליטישער לאַגע פון יהודה. שמעון איז

אַראָפּגעזעצט געוואָרן, און זיין שטעלע האָט באַקומען אַן אַנ־
דער אידישער אַריסטאָקראַט, אַ ברודער פון חוניו׳ן. ער איז
געווען פון די העלעניזירטע אידן, און ער האָט זיין אידישן
נאָמען ישוע איבערגעלייגט אין גריכיש אויף יאזאן. געהייסן
האָט עס, אַז יאזאן איז געוואָרן כוהן־גדול, ווייל דעם וועלטלאַכן
פירשט, ווען דער קיניג האָט באַשטימט. האָט מען אויך גע־
רופן מיט דעם טיטל אַרכיערעאוס, וואָס האָט אויף גריכיש באַ־
טייט כוהן־גדול.

יאזאן האָט באַקומען די שטעלע פון אַנטיוכוס׳ן פאַר צוויי
זאַכן. ערשטנס האָט ער צוגעזאָגט צו צאָלן דערפאַר אַ פיל
גרעסערע סומע, איידער די פירשטן, וואָס פאַר אים. צווייטנס,
האָט ער פאַרגעשלאָגן צו העלעניזירן ירושלים און צו מאַכן,
זי זאָל אויסזען ווי אַ גריכישע שטאָט. דערמיט האָט מען באַם
קיניג אַ סך געקאָנט פועל׳ן. וואָרים אַנטיוכוס, ווי אַלע סע־
לעווקידישע הערשער, האָט געזוכט צו העלעניזירן די פאַרשיי־
דענע פעלקער פון זיין מלוכה, כדי זיי זאָלן זיך אַלע פילן ווי
איין פאָלק. ער האָט דערפאַר זיך געפלייסט איינצופלאַנצן
בא זיי די גריכישע שפּראַך און גריכישע זיטן.

יאזאן האָט אויסגעבויט אַ גימנאַזיע אין ירושלים און האָט
איינגעפירט גריכישע שפּילן. די אידישע יונגע לייט זיינען
געוואָרן שטאַרק פאַרקאָכט אין דער דאָזיקער גריכישער פי־
רונג. אין ירושלים האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו גריכישע
קליידער, גריכישע זיטן און גריכישע נעמען.

דאָך איז יאזאן ניט געווען קיין שטרייגער העלעניסט.
דעם אידישן גלויבן און די אידישע עבודה אין בית־המקדש
האָט ער ניט גערירט. וואָרים יאזאן האָט ניט געוואָלט האָבן
אויף זיין צד בלויז די העלעניזירטע אידן אַליין. ער האָט גע־
וואָלט זיך שטיצן אויף דער ברייטער מאַסע פון דער באַפעלקע־
רונג. האָט ער דערפאַר פון איין זייט געזוכט צו ווייזן דעם
קיניג זיין איבערגעבנקייט, און פון דער צווייטער זייט האָט
ער געוואָלט דאָס פאָלק אויך ניט שטאַרק איינרייצן.

אָבער יאזאן האָט זיך געהאַלטן אויף זיין שטעלע ניט מער

ווי דריי יאָר. אַנטיוכוס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אַ מלחמה קעגן עגיפּטן. ער האָט געוואָלט זיין זיכער מיט דער געטריי־שאַפט פון דער פּראָווינץ יהודה, האָט ער דעריבער איבערגע־געבן די הערשאַפט צו דער סירישער פּאַרטיי און האָט באַ־שטימט שמעון׳ס ברודער מענעלאוס (מנחם), פאַר דעם אַרכי־ערעאוס פון יהודה אָנשטאָט יאזאן׳ען. מענעלאוס האָט צו־געזאָגט דעם קיניג אַ ריזיקע סומע פאַר דער שטעלע, און אַזוי ווי ער האָט עס ניט געקאָנט צונויפנעמען פון שטייערן, האָט ער אָנגעהויבן ראַבעווען דעם אוצר פון בית־המקדש. די אי־דישע מאַסן אין ירושלים האָבן געזען, אַז מענעלאוס גייט אין די וועגן פון זיין ברודער שמעון, האָבן זיי זיך צעבונטעוועט. מיט שטיינער, שטאַנגען אייזן און אַש פון מזבח האָבן זיי צע־שלאָגן און צעטריבן דעם חיל פון דריי טויזנט מאַן, וואָס ליזי־מאכוס, מענעלאוס׳עס ברודער און שטעלפאַרטרעטער אין ירושלים, האָט מאָביליזירט, און ליזימאכוס׳ן גופא האָבן זיי דער׳הרג׳עט.

אַנטיוכוס האָט אָפּגעהאַלטן וועגן דעם אַ משפט אין צור. די גערוזיא פון ירושלים האָט געשיקט אַהין אַ דעפּוטאַציע פון דריי זיך צו פאַרטיידיקן און צו פאַרקלאָגן מענעלאוס׳ן. אָבער מענעלאוס האָט זיך געראַטעוועט דורך אַ גרויסע סומע געלט, וואָס ער האָט געגעבן דעם קיניג׳ס אַ פריינט, און די דעפּוטאַטן פון ירושלים זיינען פאַר׳משפט געוואָרן צום טויט.

דורך די דאָזיקע מעשים פון מענעלאוס׳ן האָט אין ירושלים זיך אָפּגעקילט די הייסע באַגייסטערונג פאַר דעם העלעניזם, און אַ סך אידן זיינען געוואָרן געגנער פון דער סירישער הער־שאַפט און אָנהייננגער פון דער עגיפּטישער פּאַרטיי.

באַלד איז אַנטיוכוס אַרויס מיט אַ חיל קעגן עגיפּטן (אין יאָר 169). בשעת ער איז געווען אין עגיפּטן, האָט זיך אין ארץ־ישראל פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער איז געשטאָרבן. איז יאזאן געקומען פון עבר־הירדן, וואו ער איז געווען אַנטלאָפן; מיט אַ קליינעם חיל פון טויזנט מאַן האָט ער באַזעצט ירושלים און איינגעשלאָסן מענעלאוס׳ן אין דער פעסטונג.

אַנטיוכוס האָט געהאַלטן אין גיין צוריק פון עגיפּטן, ווען ער האָט געהערט, אַז אידן שטעלן זיך קעגן מענעלאוס׳ן, זיין גובערנאַטאָר. איז ער צוריקגעקומען צו ירושלים און האָט איבערגעגעבן די שטאָט אין די הענט פון זיינע סאָלדאַטן מיט אַ באַפעל אויסצוהרג׳ענען אַלע אַנהייגער פון דער עגיפּטישער פּאַרטיי. אָבער די סאָלדאַטן האָבן ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן שולדיקע און אומשולדיקע, און אַ בלוטיקע שחיטה איז פאָרגעקומען אין ירושלים.

דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ. געפירט פון מענעלאוס׳ן, איז אַנטיוכוס אַריין אין בית-המקדש און האָט אַוועקגערויבט זיין גרויסן אוצר, וואָס האָט באַטראָפן אַכצן הונדערט טאַלענטן זילבער (אַרום אַ האַלב מיליאָן דאלאר). ער האָט אויך צוגענומען דעם גאָלדענעם מזבח, די מנורה און אַלע אַנדערע כלים און צירונג פון גאָלד. די אידן פון ירושלים האָבן זיך אָנגעטאָן אין זעק, געשאָטן אַש אַף די קעפּ און געיאָמערט, און מענעלאוס איז געבליבן דער הערשער אין דעם קיניג׳ס נאָמען קעגן דעם ווילן פון פאָלק.

אָבער דאָס ערגסטע האָט נאָך געזאָלט קומען. אין יאָר 168 האָט אַנטיוכוס ווידער אָנגעהויבן אַ מלחמה קעגן עגיפּטן. ער איז געווען זיכער, אַז דעם מאָל וועט ער געווינען אַ פולשטענדיקן זיג. אָבער די פּטאָלעמייער האָבן געבעטן הילף באַ רוים, וועלכע איז שוין דעמאָלט געווען אַ גרויסע וועלטמאַכט. איז געקומען אַ רוימישער שליח און האָט באַפוילן אַנטיוכוס׳ן צו פאַרלאָזן עגיפּטן. אַנטיוכוס האָט געמוזט פאָלגן, און פון זיינע פּלענער צו הערשן איבער עגיפּטן איז גאָרנישט געוואָרן.

אַנטיוכוס האָט איצט געזוכט צו מאַכן שטאַרקער זיין קיניגרייך. ער האָט דערפאַר באַשלאָסן, אַז אַלע פעלקער פון זיין מלוכה זאָלן ריידן דיזעלביקע שפּראַך, פירן דעמזעלביקן שטייגער פון לעבן און זאָלן זיך צונויפגיסן אין איין פאָלק. באַזונדערס איז אים געגאַנגען אין דעם, אַז יהודה, וואָס ליגט באַם גרעניץ פון זיין קיניגרייך, זאָל ווערן העלעניזירט.

און אידן זאָלן דאָרטן אָנהויבן לעבן ווי גריכן. ער האָט געמיינט, אַז ווען זיי וועלן ווערן גריכן, וועלן זיי אים זיין גע־טריי און ניט צושטיין צו עגיפּטן.

אָבער מיט גוטן האָבן אידן ניט געוואָלט זיך העלעניזירן, און אַנטיוכוס האָט באַשלאָסן צו מאַכן אידן מיט געוואַלד פאַר גריכן. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז אידן טאָרן מער ניט דינען זייער גאָט און טאָרן ניט היטן מער די געזעצן פון זייער תורה, זיי מוזן זיך פירן, ווי גריכן.

אַנטיוכוס׳עס באַאַמטע האָבן אויסגעפירט זיין באַפעל מיט דער גרעסטער שטרייגקייט און גרויזאַמקייט. אין חודש כסלו אין יאָר 168 איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין בית־המקדש אַ מזבח פאַר דעם גריכישן גאָט זעוס און מ׳האָט אַף אים מקריב געווען חזירים. קיין קרבנות צו יהוה האָט מען מער ניט גע־טאָרט ברייגגען. פאַר היטן שבת און יום־טוב און אַנדערע דינים פון דער תורה האָט געקומט טויט־שטראָף. אַלע ספר־תורה׳ס און אַנדערע הייליקע שריפטן, וואָס אַנטיוכוס׳עס סאָל־דאַטן האָבן באַקומען אין זייערע הענט, זיינען פאַרברענט גע־וואָרן.

איבער׳ן גאַנצן לאַנד האָט מען אויפגעשטעלט גריכישע אַל־טאָרן, און מ׳האָט געצוואונגען יעטווידער אידן צו ברייגגען עפּנטלאַך אַ קרבן צו די גריכישע געטער חזיר־פלייש אָדער דאָס פלייש פון אַן אַנדער טמא בהמה. אַז ס׳איז געקומען די חגא פון דעם וויין־גאָט דיאָניסעס, האָט מען געצוואונגען יעדן אידן אין ירושלים צו מאַרשירן אין דער פּראָצעסיע מיט קראַנצן בלומען אפן קאָפּ לכבוד דעם אָפּגאָט.

אַ סך אידן האָבן אָוועקגעוואָרפן זייער אמונה און האָבן אָנגעהויבן דינען די גריכישע געטער. אָבער אַ סך אידן זיינען געוואָרן נאָך מער איבערגעגעבן זייער פאָלק און זייער גלויבן. זיי זיינען געווען גרייט צו שטאַרבן, אָבי ניט אָוועקצוואַרפן זייער אידישקייט. אַ געוויסע צאָל פון אָט די פאַר׳עקשנ׳טע אידן האָבן זיך אָרגאַניזירט אין באַזונדערע גרופּן, מיט׳ן נאָמען „חסידים“ (פרומע).

דאָס האָט נאָך מער פארביטערט אַנטיוכוס'ן מיט זיינע באַאַמטע און זיי האָבן אָנגעווענדט אַלע בלוטיקע מיטלען קעגן די פרומע, ווּעמען זיי האָבן געכאַפּט היטן אידישקייט. אַ סך חסידים זיינען דעמאָלט געשטאָרבן אַלס מאַרטירער אונ־טער די הענט פון אַנטיוכוס'עס סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיי אָנגעטאָן די פיינלאַכסטע יסורים. אַ סך לעגענדעס ווערן דערציילט וועגן די הייליקע מאַרטירער פון יענער צייט.

אַ געוויסע צייט האָבן די פרומע גאָרניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זיי זיינען געווען אַזוי ווי באַטויבט פון דעם שרעק־לאַכן קלאַפּ, וואָס האָט זיי געטראָפן. ירושלים איז געווען וויסט; אַלע אָנגעזעענע געגנער פון די העלעניסטן זיינען אַנטלאָפן. אין בית־המקדש האָבן סירישע סאָלדאַטן געמאַכט מיאוסע הוליאַנקעס. די פרומע זיינען געלעגן באַהאַלטן אין היילן און אין בערג, כדי זיך אויסצוהיטן פון אַנטיוכוס'עס באַאַמטע.

לאַנג האָט אַזוי ניט געקאָנט בלייבן. דער האַס און די פאַרביטערונג קעגן די בלוטיקע אונטערדריקער איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. פאַר אידן איז ניט געווען קיין אַנדער אויס־וועג, ווי זיך נעמען צום שווערד און מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן דער סירישער הערשאַפט.

אָבער ווער האָט זיי געזאָלט פירן? זיכער ניט די אַלטע משפחה פון די כוהנים־גדולים. יענע אידישע אַריסטאָקראַטן האָבן פאַרראַטן דעם פאָלק. זיי האָבן געהאַט אין זינען נאָר זייערע אייגענע אינטערעסן. אַ פּשוט'ער כוהן, אַ מענטש פון פאָלק איז אויפגעשטאַנען, אַלס פירער, און האָט אויפגעהויבן דעם קאַמף פאַר באַפרייאונג.

# די חשמונאים און זייער קאַמף.

(168—142 פאַר קר.)

1. דער אויפשטאַנד פון מתתיהו און זיינע זין.
2. יהודה׳ס ערשטע נצחונות.
3. חנוכת-הבית.
4. אידן קריגן צוריק זייער רעליגיעזע פרייהייט.
5. דער ווייטערדיקער קאַמף פון יהודה המכבי און זיין טויט.
6. יונתן און דער אָנהויב פון דער אידישער אומאָפּהענגיקייט.
7. שמעון און די גרינדונג פון דער זעלבשטענדיקער מלוכה פון די חשמונאים.
8. דאָס אידישע לעבן אין יענער צייט.

## 1.

# דער אויפשטאַנד פון מתתיהו און זיינע זין.

צווישן די בערג פון יהודה, אַן ערך צוואַנציק מייל אין צפון־מזרח זייט פון ירושלים, איז געלעגן דאָס קליינע שטעטל מודעין (מוידאַאין). אין דעם דאָזיקן פאַרוואָרפענעם ווינקל, אַף דעם רוקן פון אַ בערגל, האָט געוואוינט דער אַלטער כוהן מתתיהו, פון דער משפחה חשמונאים. ער האָט געהאַט פינף עלדישע זין: יוחנן, שמעון, יהודה, אלעזר און יונתן. דער פאָטער און זיינע זין זיינען געווען מיט לייב און לעבן איבער־געגעבן זייער פאָלק און זייער גלויבן; זיי זיינען געווען גרייט ליבערשט צו שטאַרבן, איידער זיך לאָזן אונטערדריקן פון די סירער.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, זיינען געקומען קיין מודעין אַנטיוכוס'עס באַאַמטע אויסצופירן זיין באַפעל. זיי האָבן דאָרטן אויפגעשטעלט אַ מזבח און געפאָדערט פון אַלעמען מקריב צו זיין אַף אים קרבנות צו די גריכישע געטער. אַרום די באַאַמטע האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ סך אידן פון מודעין, און אין דעם געזעמל זיינען געווען אויך מתתיהו מיט זיינע זין. מתתיהו איז געווען דער אָנגעזעענסטער מענטש אין שטעטל. און די סירישע באַאַמטע האָבן דערפאַר זיך געווענדט צו אים. ער זאָל געבן אַ גוטן ביישפיל פאַר די איבעריקע אידן און זאָל אויספאָלגן דעם קיניג'ס באַפעל. מתתיהו אָבער האָט געענטפערט: „מעגן אַלע פעלקער זיך אונטערגעבן דעם קיניג, איך און מיינע זין און מיינע ברידער וועלן ניט פאָלגן דעם קיניג'ס געזעץ און וועלן ניט פאַרלאָזן אונזער גלויבן“.

ווי נאָר מתתיהו האָט געענדיקט ריידן, איז אַרויס אַ איד

פון דעם געזעמל און האָט זיך געלאָזט גיין צום מזבח מקריב צו זיין אַ קרבן. אָבער אײדער ער האָט נאָך באַוויזן צוצוגיין צום מזבח, איז מתתיהו אין ווילדן צאָרן צוגעלאָפן צו אים מיט אַ שווערד און האָט אים געטויט. ער האָט אויך געטויט דעם קיניג׳ס קאָמיסאַר און צעבראָכן דעם מזבח אױף שטיקלאַך.

דאָס איז געווען אַ סיגנאַל פאַר אַן אויפשטאַנד. מתתיהו און זיינע זין זיינען גלייך אַנטלאָפן אין די בערג און האָבן זיך דאָרטן באַהאַלטן אין די הײלן. די נייעס האָט זיך גיך פאַרשפּרייט איבער די דערפער אַרום. אַ סך פּויערים, וואָס זיינען געווען אויפגערעגט פון דעם סירישן דרוק און פון די גרויסע שטייערן, וואָס מ׳האָט בײַ זיי אַרויסגעפּרעסט, אַ סך פון די „וואָס האָבן געזוכט רעכט און גערעכטיגקייט", האָבן פאַרלאָזן זייערע היימען. טרייבנדיק זייערע בהמות פאַר־אויס, האָבן זיי געזוכט אַ באַהעלטעניש אין מדבר. די אַלע אַנטלאָפענע האָבן אָנערקענט מתתיהו׳ן פאַר זייער פירער. צו אים זיינען אויך צוגעשטאַנען די אַזוי גערופענע „חסידים", אָרגאַניזירטע גרופּעס פון זייער פרומע אידן, וואָס דער עיקר איז בײַ זיי געווען צו קעמפן פאַר גאָט׳ס תורה, וועלכע איז פאַרשוועכט געוואָרן פון דעם סירישן דעספּאָט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער אויפשטאַנד פון די חשמונאים.

אַ חיל, וואָס איז אױף גיך אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ירושלים, האָט אין אָנהויב געהאַט ערפאָלג, ווייל די פרומע אידן האָבן ניט געוואָלט זיך פאַרטיידיקן אום שבת. אָבער מתתיהו און זיינע זין האָבן באַשלאָסן צו שטעלן די נויטווענ־דיקייט העכער פון דעם שטרייַנגן דין וועגן דעם הייליקן טאָג און צו קעמפן יעדעם מאָל, ווען מ׳וועט זיי אַטאַקירן.

מתתיהו און זיינע אָנהייַנגער האָבן אָנגעהויבן קעגן די סירער אַ פאַרטיזאַנישן (גאָרילאַ) קריג, וואָס איז לייכט צו פירן אין די בערג פון יהודה. זיי פלעגן מאַכן פּלוצלאַכע אָנ־פאַלן אױף די דערפער, פלעגן דאָרטן אַרונטעררייסן די געצנ־דינערישע מזבחות און נעמען נקמה אָן יענע אידן, וואָס האָבן

פארראטן זייער גלויבן. צייטנווייז זיינען זיי אפילו געווען בכוח צו צעטרייבן אַ קאָמפּאַניע סירישע סאָלדאַטן.

אין אַ יאָר אַרום איז דער אַלטער מתתיהו געשטאָרבן, און די פירערשאַפט האָט איבערגענומען זיין דריטער זון יהודה. מ'האָט אים גערופן מיט דעם צונאָמען האַמאַקאַבי, עס הייסט: דער האַמערער, דער העלד (פון דעם וואָרט „מקבת“ אין העברייאיש) ; און פון אים האָט די גאַנצע פאַמיליע באַקומען דעם נאָמען מאַקאַבייער (מכבים).

.2

## יהודה'ס ערשטע נצחונות.

יהודה המכבי האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער דעם אידישן אויפשטאַנד און ער האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן פאַר איינעם פון די גרעסטע מלחמה־העלדן, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט ווען געהאַט.

ביסלאַכווייז האָט דער אויפשטאַנד זיך צעוואַקסן, און די קליינע קאָמפּאַניעס סירישע סאָלדאַטן האָבן שוין גאָרניט געקאָנט אויפטאָן קעגן אידן. דער סירישער גובערנאַטאָר פון פּאַלעסטינע איז דערפאַר אַרויס פון שומרון מיט אַ גרויסן חיל קעגן יהודה המכבי. אָבער יהודה האָט אָפּגעוואַרט אַ גוטע געלעגנהייט אָנצופאַלן אויף די סיריער און האָט זיי צע־שלאָגן. דער גובערנאַטאָר אַליין איז געפאַלן טויט, און יהודה האָט צוגענומען זיין שווערד.

אין גיכן האָט יהודה געמוזט אויספּרובירן דעם דאָזיקן שווערד אין אַ נייער, נאָך גרעסערער שלאַכט. דער קאָמאַנ־דיר פון דרום־סיריע איז געקומען מיט אַ גרויסער אַרמיי. אַז יהודה'ס סאָלדאַטן האָבן דערזען אַזוי פיל סירישע חיל, האָבן זיי אין אָנהויב פאַרלאָרן דעם מוט. אָבער יהודה האָט באַגייסטערט דעם אידישן חיל מיט זיינע רייד. מיט שטורם האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם פיינט און אים צעשלאָגן. דער סירישער קאָמאַנדיר איז געפאַלן אין שלאַכט

און מיט אים צוזאַמען אַסך פון זיינע סאָלדאַטן. די איבעריקע זיינען אַנטלאָפן.

דורך די דאָזיקע צוויי זיגן איז יהודה געוואָרן זייער באַרימט, און אַנטיוכוס איז געוואָרן זייער אומרואיק צוליב דעם אידישן אויפשטאַנד. דער דעספּאָטישער און קאַפּריזנער קיניג איז אַריינגעפאַלן אין גרימצאָרן און ער האָט באַשטימט אויסצוראָטן אינגאַנצן די אידן און אויסצורייסן ירושלים מיט׳ן וואָרצל. באַלד זיינען אַרויס קעגן יהודה המכבי צוויי גרויסע סירישע גענעראַלן, גאָרגיאַס און ניקאַנאָר, מיט אַ גרויסער אַרמיי פון צענדליקער טויזנטער פוס־גייער און רייטער.

די דאָזיקע אַרמיי האָט אויפגעשטעלט איר לאַגער בא עמאָוס, אַ מייל צוואַנציק אין צפון־מערב זייט פון ירושלים. די סירישע גענעראַלן זיינען געווען אַזוי זיכער מיט זייער זיג, אַז זיי האָבן געלאָזט וויסן אין די האַנדלשטעט באַם מיטלענדישן ים, אַז עס וועט זיין אַ זול אַף שקלאַפן: ניינציק געפאַנגענע אידן וועט מען קאָנען קויפן פאַר איין טאַלענט זילבער. מיט׳ן סירישן מיליטער זיינען דעריבער מיטגעגאַנגען אַסך שקלאַפן־הענדלער, וועלכע האָבן געפירט מיט זיך גאָלד און זילבער און אויך אייזערנע קייטן, צו שמידן די אידן, וואָס מ׳וועט נעמען געפאַנגען.

יהודה המכבי האָט צונויפגעזאַמלט זיינע לייט אין מצפה, עטלאַכע מייל פון ירושלים. אין דעם טאָג, ווען אידן האָבן זיך געגרייט צו דער שלאַכט, האָבן זיי געפאַסט, און מיט אַש אַף די קעפּ האָבן זיי תפילה געטאָן צו גאָט. דערנאָך האָט יהודה געהאַלטן פאַר זיי אַ קורצע רעדע; ער האָט זיי געזאָגט, אַז ס׳איז גלייכער צו שטאַרבן אַפן שלאַכטפעלד, איידער צוצוזען אַזאַ אומגליק אַף דעם אידישן פאָלק און אַפן בית־המקדש.

גאָרגיאַס האָט גענומען אַ טייל פון זיין אַרמיי און איז געקומען באַנאַכט קיין מצפה, כדי צו מאַכן אַ פּלוצלאַכן איבערפאַל אַף אידן. ער האָט אָבער ניט געפונען קיין איין אידן אין מצפה. איז ער געווען זיכער, אַז דאָס האָבן אידן זיך דער־

שראָקן פאַר זיין גרויסן חיל און זיי זיינען אַנטלאָפן. אין אמת'ן אָבער האָט יהודה זיך דערוואוסט פון דעם גאַנצן פּלאַן, איז ער אַרומגעגאַנגען די סיריער און איז אָנגעקומען באַ זייער לאַגער פון הינטן, פון וואַנען יענע האָבן אים ניט געקאָנט דער־וואַרטן. די פּלוצלאַכע אַטאַקע פון די אידן האָט צעטומלט די סיריער. אַ סך פון זיי זיינען געבליבן טויט אַפן שלאַכטפעלד, און די איבעריקע זיינען אַנטלאָפן. אַז גאָרגיאַס איז געקומען צוריק מיט זיינע סאָלדאַטן, האָט ער געפונען זיין לאַגער אין די הענט פון די אידן איז גאָרגיאַס האַסטיק אַנטלאָפן, און אַלע זאַכן פון זיין לאַגער, אַ סך גאָלד און זילבער און עסנוואַרג און געווער זיינען געבליבן באַ די אידן.

אַנטיוכוס איז אין יענער צייט געווען פאַרנומען מיט אַ מלחמה קעגן פּערסיע. פאַר דעם העכסטן פאַרוואַלטער פון דער סירישער מלוכה און דעם אַפּיטראָפּוס פון זיין יונגן זון האָט ער געלאָזן ליזיאַס'ן. איז אין אַ יאָר אַרום נאָך דעם זיג באַ עמאַוס איז ליזיאַס אַליין געקומען מיט אַ גרויסער אַרמיי. עס האָט זיך געדוכט, אַז יהודה המכבי'ס קליינער חיל וועט זיך גאָרניט קאָנען שטעלן אַנטקעגן אַזאַ שטאַרקן פיינט. אָבער די סיריער איז אויסגעקומען צו קעמפן אין אַ באַרגיקן געגנט, און דאָס איז פאַר זיי געווען ניט לייכט. די אידן ווידער האָבן געקעמפט מיט אַ גוואַלדיקער באַגייסטערונג און מסירת־נפש. ווידער זיינען די סיריער צעשלאָגן געוואָרן, און ליזיאַס האָט זיך שנעל צוריקגעצויגן.

.3

## חנוכת־הבית (די באַנייאונג פון דעם בית־המקדש).

יהודה המכבי האָט איצט באַקומען מער מוט און ער איז אַריין מיט זיין חיל אין ירושלים. די אידן זיינען נאָך ניט געווען גענוג שטאַרק אַרויסצוטרייבן דעם סירישן גאַרניזאָן פון דער פעסטונג (ציטאַדעל). אָבער זיי האָבן געקאָנט איינ־שטעלן צוריק די עבודה אין בית־המקדש.

אז די חשמונאים און זייערע קריגסלייט זיינען אריין אין ירושלים, האבן זיי געזען פאר זיך זייער א טרויעריק בילד. דער בית-המקדש איז געווען פארוויסט און פארלאזן, די טויערן פארברענט, און די פארהויפן ארום פארוואקסן מיט דערנער און ווילדן גראז. פון גרוים צער זיינען די אידן געפאלן מיט די פנים׳ער צו דער ערד, האבן געשריען צום הימל און תפילה געטאן. באלד אבער האבן זיי זיך געשטארקט און גענומען רייניקן דעם בית-המקדש. פריער פאר אלץ האט מען אראפ-געריסן דעם גריכישן מזבח. דערנאך האט מען אויפגעשטעלט א נייעם מזבח, צורעכט געמאכט די צעבראכענע ווענט און אריינגעשטעלט נייע הייליקע כלים, אנשטאט די אלטע, וואס אנטיוכוס האט אוועקגערויבט.

דריי יאר זיינען געווען אריבער, זינט עס איז אונטער-געבראכן געווארן די עבודה אין בית-המקדש. דעם פינף-און-צוואנציקסטן טאג אין כסלו, אין דעם זעלביקן טאג, ווען מ׳האט מיט דריי יאר פריער דעם ערשטן מאל מקריב געווען א קרבן צום גריכישן גאט זעווס, האט מען איצט מקריב געווען א קרבן צו יהוה אפן נייעם מזבח לויט די דינים פון דער תורה. דאס איז געשען אין יאר 165 פאר קר. די בערג ארום האבן אפ-געקלונגען די געזאנגען און די פריידיקע קולות פון די אידן. עס איז געווען א גרויסער יום-טוב. אכט טעג האט מען גע-פייערט די באנייאונג פון דעם בית-המקדש. און עס איז באשטימט געווארן צו פייערן די דאזיקע טעג פון יאר צו יאר דורך אנצינדן ליכט אין די הייזער. דאס איז דער יום-טוב חנוכה.

4.

# אידן קריגן צוריק זייער רעליגיעזע פרייהייט.

(162 פאַר קר.)

אין אַ יאָר אַרום (164) איז אַנטיוכוס עפּיפאַנעס געשטאָרבן אין פּערסיע. זיין אָרט האָט פאַרנומען זיין נייניאָריקער זון אַנטיוכוס יעוופּאַטאָר. צווישן די גרויסע לייט פון דעם קיניגלאַכן הויף האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטרייט, ווער עס זאָל זיין דער אַפּוטרופּוס פון דעם יונגן קיניג. די הערשער אין אַנטיוכיע זיינען דעריבער געווען פאַרנומען מיט רייסערייען צווישן זיך. יהודה המכבי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און האָט גענומען באַלאַגערן די פעסטונג פון ירושלים.

אחוץ סירישע סאָלדאַטן האָבן זיך אין דער פעסטונג אויך געפונען העלעניסטישע אידן פון מענעלאוס'עס אָנהייגער. זיינען זיי אַנטלאָפן באַנאַכט און געקומען אין אַנטיוכיע בעטן באַם קיניג הילף קעגן יהודה המכבי. ליזיאַס האָט מאָביליזירט אַ ריזיגע אַרמיי מיט אַ סך רייטער און העלפאַנטן, וואָס זיינען געווען געלערנט פאַר מלחמה, און איז אַריין אין יהודה פון דרום־זייט.

יהודה מיט זיין קליינעם אידישן חיל האָט זיך ניט געלאָזט אָפּשרעקן דורך די בלישצענדיקע פאַנצערס און די צעווילדעוועטע העלפאַנטן פון דער סירישער אַרמיי. אין דער ערשטער אַטאַקע, וואָס יהודה המכבי האָט געמאַכט, זיינען זעקס הונדערט סירישע סאָלדאַטן געפאַלן טויט. אלעזר, יהודה'ס ברודער, האָט דערזען פון וויטן אַ גרויסן העלפאַנט רייך באַפּוצט. ער האָט געמיינט, אַז אויף דעם דאָזיקן העלפאַנט זיצט דער קיניג, וועלכער איז מיטגעגאַנגען מיט ליזיאַס'ן, האָט ער מיט זיין שווערד זיך דורכגעריסן אַ וועג צו דער חיה, איז אַרונטערגעקראָכן אונטער איר און האָט זי דערשטאָכן. דער העלפאַנט איז אויפן אָרט אַנידערגעפאַלן, און אלעזר איז געבליבן ליגן טויט אונטער איִם, צעדריקט פון זיין שווערקייט.

אָבער די גרעסטע גבורה פון די אידן האָט דאָ ניט גע־קאָנט העלפן, ווייל די סירישע אַרמיי איז געווען צו גרויס. יהודה האָט געמוזט אָפּטרעטן קיין ירושלים, און ליזיאס האָט אָנגעהויבן באַלאַגערן די שטאָט. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ איז פאַרלאָרן. אָבער פּלוצלונג האָט זיך די גאַנצע לאַגע געביטן.

ליזיאס האָט דערהערט, אַז זיינער אַ קאָנקורענט גייט מיט אַ חיל קיין אַנטיוכיע איבערצונעמען די רעגירונג. האָט ער דערפאַר אָנגעבאָטן אידן שלום אויף גוטע באַדינגונגען. ער האָט זיי גאַראַנטירט, אַז אויב זיי וועלן זיך אונטערגעבן, וועלן זיי ווידער קריגן פולע פרייהייט צו היטן זייער גלויבן, און די גזירות פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס וועלן בטל ווערן.

אידן האָבן אָנגענומען דעם אָנבאָט; פון דעמאָלט אָן האָט מען זיי מער ניט געצוואונגען צו ווערן איבערגוואַלד גריכן, און די עבודה אין בית־המקדש איז מער ניט אונטערגע־בראָכן געוואָרן.

.5

## דער ווייטערדיקער קאַמף פון יהודה המכבי און זיין טויט.

די פרומע אידן האָבן איצט דערגרייכט דעם הויפּטציל, פאַר וועלכן זיי האָבן אָנגעהויבן דעם אויפשטאַנד. אָבער די חשמונאים און זייערע אָנהייגער האָבן נאָך אַלץ ניט אַוועק־געלייגט די געווער.

בא די אידן אין יהודה זיינען איצט געווען צוויי פּאַרטייען. איינע אַן אַריסטאָקראַטישע. צו איר האָבן געהערט די רייכע העלעניזירטע אידן פון ירושלים און פון אַנדערע שטעט. די צווייטע פּאַרטיי איז געווען אַ נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע, אַ פאָלקס־פּאַרטיי. צו איר האָבן מערסטנס געהערט די פּויערים פון די דערפער, און אירע אָנפירער זיינען עס געווען די

חשמונאים. די דעה אינ׳ם לאַנד האָבן נאָך אַלץ געהאַט די רייכע העלעניזירטע אידן, ווייל נאָר צו זיי האָט די סירישע רעגירונג געהאַט צוטרוי. איז אָנגעגאַנגען אַ לאַנגער קאַמף צווישן די חשמונאים מיט די העלעניזירטע אידישע אַריסטאָ־קראַטן פון ירושלים פאַר דער הערשאַפט איבער׳ן לאַנד.

ווען ליזיאַס האָט זיך צוריקגעצויגן פון יהודה, האָט ער מיטגענומען מענעלאוס׳ן מיט זיך און האָט אים אינגיכן פאַר׳־משפּט צום טויט. אָנשטאָט אים איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ כהן־גדול אַ העלעניזירטער כהן מיט׳ן גריכישן נאָמען אלקימוס (זיין אידישער נאָמען איז געווען אליקים). אלקימוס און יהודה המכבי זיינען איצט געווען די פירער פוןביידע געגנערישע פּאַרטייען, און זיי האָבן געפירט אַ קאַמף, ווער פוןביידן זאָל ווערן דער אויבערהאַר איבער׳ן לאַנד.

דערווייל איז אין סיריע פאָרגעקומען אַ וויכטיקע געשע־עניש. דעמעטריוס, דער זון פון סעלעווקוס׳ן, איז אַנטלאָפן פון רוים, וואו ער איז געזעסן אַלס לעבעדיקער משכון. ער האָט פאַרכאַפּט דעם סירישן טראָן און געלאָזט טויטן דעם יונגן אַנטיוכוס׳ן און ליזיאַס׳ן.

צו דעם דאָזיקן נייעם קיניג איז געקומען אלקימוס בעטן הילף קעגן די חשמונאים, ווען ער האָט פאָרגעשטעלט אַלס פאַררעטער קעגן דער סירישער מלוכה. דעמעטריוס האָט געשיקט באַקכידעס׳ן, דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פון סיריע מיט אַ חיל קיין ירושלים, אונטערצושטיצן אלקימוס׳ן און די העלעניסטישע פּאַרטיי און צו באַשטראָפן די פיינט פון קיניג.

אין ירושלים האָט זיך איצט געבילדעט אַ דריטע פּאַרטיי, אַ צענטער־פּאַרטיי, וועלכע איז געווען גענויגט צו שלום מיט די העלעניסטן און זייער פירער אלקימוס. די שטאָטישע „חסידים“, וועלכע האָבן זיך גענומען צום שווערד צוליב דעם, וואָס אַנטיוכוס האָט אונטערגעדריקט דעם אידישן גלויבן, האָבן איצט ניט איינגעזען, צו וואָס זיי דאַרפן פירען דעם קאַמף ווייטער: אידן האָבן דאָך שוין באַקומען רעליגיעזע

פרייהייט, פאַר כוהן־גדול און רעגענט איז באַשטימט געוואָרן איינער פון אהרן'ס שטאַם און ער האָט זיי צוגעזאָגט צו באַשיצן. וואָס דאַרף מען מער? אין די דערפער איז מען שוין אויך געווען פאַרמאַטערט פון אויפשטאַנד.

עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, און די „חסידים" האָבן איינגעזען, אַז זייער פּאָליטיק איז געווען אַ פאַלשע. ווי נאָר אלקימוס האָט זיך געפילט זיכער אין זאָטל, האָט ער באַלד אָנגעהויבן מיט טעראָר; ער האָט געבראָכן זיין וואָרט און געלאָזט טויטן זעכציק פון די „חסידים". באַקכידעס האָט אויפגעשטעלט זיין לאַגער אין בעזעטא, אַ פאָרשטאָט פון ירושלים און האָט געלאָזט כאַפּן אַ סך דעזערטירער (אַזעלכע, וואָס זיינען איצט אַריבער צו דער רעגירונג און באַקכידעס האָט זיי ניט געוואָלט מוחל זיין די מעשים, וואָס זיי האָבן פריער אָפּגעטאָן אין דעם אויפשטאַנד) און אַנדערע פון פאָלק און האָט זיי געלאָזט טויטן. באַקכידעס האָט געמיינט, אַז אָט די בלוטיקע אַקטן וועלן שוין אַלעמען האַלטן אין דער מורא און זיין אָנוועזנהייט אין יהודה איז איצט ניט מער נויטיק. האָט ער איבערגעלאָזן אלקימוס'ן אַ שטאַרקע אָפּטיילונג מיליטער און אַליין האָט ער זיך אומגעקערט קיין אַנטיוכיע.

אלקימוס האָט איצט פאַרלאָרן די אונטערשטיצונג פון די בעסערע גרופּן, וואָס זיינען פריער צוגעשטאַנען צו אים, און ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט די ערגסטע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג. יהודה המכבי און זיינע ברידער זיינען אַנטלאָפן אַפן לאַנד; זיי האָבן ווידער באַקומען אַ סך אָנהייגער צווישן די פּויערים און פון דאָס ניי אָנגעהויבן דעם גאָרילאַ־קריג קעגן די סירער און די אידישע העלעניסטן. אלקימוס האָט דעריבער ווידער אַמאָל געמוזט גיין קיין אַנטיוכיע בעטן הילף קעגן די חשמונאים.

דעמעטריוס האָט געשיקט אַ חיל אונטער דער אָנפירונג פון ניקאַנאָר'ן, אַ גרויסן גענעראַל און אַ גרויסן שונא פון אידן. דעם דרייצנטן טאָג אין חודש אדר (אין יאָר 161 פאַר קר.) האָט דער סירישער גענעראַל באַגעגנט יהודה המכבי

מיט זיין חיל. עס האָט אויסגעבראָכן אַ שלאַכט. ניקאַנאָר איז געפאַלן טויט, און זיין אַרמיי איז אינגאַנצן צעשלאָגן געוואָרן. דאָס איז געווען פאַר אידן אַ גוואַלדיקער נצחון, און זיי האָבן יענעם טאָג פון יאָר צו יאָר געפייערט אַלס אַ יום־טוב (יום ניקנור — ניקאַנאָר׳ס טאָג האָט יענער יום־טוב געהייסן).

יהודה המכבי איז איצט געווען דער אָנערקענטער העלד. ער האָט געפלאַנעוועט אַרויסצושטויסן די העלעניסטישע פּאַרטיי פון דער רעגירונג און אַליין ווערן דער הערשער אין לאַנד. צוליב דעם צוועק האָט ער געשיקט שלוחים קיין רוים צו שליסן אַ בונד פון פריינדשאַפט מיט דער דאָזיקער אויפגייענדיקער וועלט־מאַכט. באַלד ווי דער אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן, האָבן די רוימער געשיקט אַ וואָרנונג צו דעמעטריוס׳ן, אַז ער זאָל אויפהערן דריקן די אידן.

אָבער די וואָרנונג איז אָנגעקומען צו שפּעט. צוויי חדשים נאָך ניקאַנאָר׳ס טויט האָט דעמעטריוס אַריינגעשיקט קיין יהודה אַ גרויסע אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון באַקכידעס׳ן. די אידן זיינען שוין געווען אויסגעמאַטערט פון צו אָפטע מלחמות. אַ סך אידן זיינען בכלל געוואָרן אָפּגעקילט צו דעם קאַמף, וואָס די חשמונאים האָבן געפירט פאַר פּאָליטישע פרייהייט. זיי האָבן זיך צופרידנגעשטעלט מיט דער רעליגיעזער פרייהייט, וואָס זיי האָבן באַקומען, און מער האָבן זיי ניט פאַרלאַנגט. יהודה המכבי איז געבליבן אינגאַנצן מיט אַכט הונדערט מאַן. זיי האָבן געזוכט אים אָפּצורעדן פון אַ שלאַכט. אָבער יהודה איז ניט געווען דער מענטש, וואָס זאָל אַנטלויפן פון שלאַכטפעלד. די סיריער האָבן געזיגט מיט זייער גוואַלדיקער מערהייט, און יהודה איז געפאַלן ווי אַ העלד. די ברידער האָבן אַרויסגענומען זיין טויטן קערפּער פון די רייען פון׳ם פיינט און האָבן אים מקבר געווען אין מודעין לעבן דעם קבר פון זיין פאָטער.

.6

# יונתן און דער אָנהויב פון דער אידישער אומ-אָפּהענגיקייט.

די פּאַרטיי פון די חשמונאים איז דורך יהודה'ס טויט שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אָבער אַן אמת'ע פאָלקס-באַוועגונג שטאַרבט ניט אָפּ אפילו מיט'ן טויט פון איר גרעסטן פירער. די אָנהייגער פון די חשמונאים האָבן ניט אויפגע-געבן דעם קאַמף. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום יהודה המכבי'ס ברידער און האָבן אויסגעקליבן יונתנ'ען, דעם איננ-סטן פון זיי, פאַר אַ פירער.

יונתן איז געווען אַן אַנדער סאָרט מענטש, איידער זיין ברודער יהודה. ער איז געווען אַ גוטער סאָלדאַט אין קריג. אָבער נאָך מער ווי אַ סאָלדאַט איז ער געווען אַ דיפּלאָמאַט; און מיט זיין קלוגער דיפּלאָמאַטיע האָט זיך אים איינגעגעבן אויסצונוצן דעם גוטן נאָמען, וואָס דער אידישער חיל האָט געקראָגן אין די העלדישע צייטן פון יהודה; ער האָט אויך אויסגענוצט די סכסוכים אין דעם לאַגער פון דעם שונא, און ער האָט אויף אַזאַ'ן אופן אַ סך דערגרייכט.

אין די ערשטע פּאָר יאָר, ווען אַלקימוס האָט נאָך גע-לעבט, האָט יונתן געפירט אַ גאַרילאַ-קריג קעגן די סיריער. באַקכידעס, דער סירישער גענעראַל, וועלכער האָט מיט זיין חיל געשטיצט אַלקימוס'ן, האָט געזוכט צו כאַפּן יונתנ'ען. אָבער דאָס האָט זיך אים קיינמאָל ניט איינגעגעבן. אין עטלאַכע יאָר שפּעטער, ווען אַלקימוס איז שוין געווען טויט, האָט באַק-כידעס איינגאַנצן אויפגעהערט צו שטיצן די אַריסטאָקראַטישע פּאַרטיי פון די העלעניסטישע אידן אין ירושלים און האָט געמאַכט שלום מיט יונתנ'ען. די סירישע רעגירונג האָט זיך מער ניט געוואָלט אַריינמישן אין די אינעווייניגסטע ענינים פון אידן. יונתן האָט באַקומען פרייע הענט צו קעמפן קעגן די אַריסטאָקראַטישע העלעניסטן אין ירושלים; און עס

האָט לאַנג ניט געדויערט, ביז ער איז געקומען צום ציל, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט.

אין יאָר 153 האָט אין סיריע זיך באַוויזן אַ יונגערמאַן מיט'ן נאָמען אַלעקסאַנדער באַלאַס. ער האָט זיך אויסגעגעבן פאַר אַ זון פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס און האָט געפאָדערט פאַר זיך דעם סירישן טראָן. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן אַלעקסאַנדער'ן און דעמעטריוס'ן פאַר דער קרוין פון דער סירישער מלוכה, און יעדערער פון זיי האָט געזוכט צו קריגן יונתנ'ען אַף זיין זייט.

דעמעטריוס האָט געגעבן יונתנ'ען דאָס רעכט צו זאַמלען אַ חיל, וואָס זאָל אים קומען צו הילף קעגן אַלעקסאַנדער'ן. אָבער נאָך איידער יונתן האָט פאַרשפּראָכן הילף דעם קיניג, האָט ער זיך צוגעאײַלט און פאַרנומען ירושלים. אַלעקסאַנדער האָט איבערגעשטיגן דעמעטריוס'ן און האָט באַשטימט יונתנ'ען פאַר אַ כוהן־גדול. יונתן האָט גלייך אָנגענומען דעם אַמט און איז געוואָרן דער העכסטער פאָרשטייער און הערשער פון אידן. דעמעטריוס האָט דערהערט, אַז יונתן האַלט מיט זיין קאָנקורענט, האָט ער אים אָנגעבאָטן נאָך גרעסערע פּריווילעגיעס. אָבער יונתן האָט דעמעטריוס'ן אָפּגעזאָגט און האָט געהאַלטן מיט אַלעקסאַנדער'ן.

דעמעטריוס איז צעשלאָגן געוואָרן. אַלעקסאַנדער איז געוואָרן קיניג פון סיריע. ער האָט באַלוינט יונתנ'ען פאַר דער הילף, וואָס ער האָט פון אים באַקומען, און האָט אים אָפּ־געגעבן אַ סך כבוד.

די מהומות אין סיריע האָבן אָבער ניט אויפגעהערט. די הערשאַפט איז איבערגעגאַנגען פון איין קיניג צום אַנדערן. יונתן האָט אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט און האָט גע־מאַכט ברייטער די גרעניצן פון יהודה. ער האָט פאַרנומען די האַפן־שטאָט יפו. ער האָט באַקומען פון אַלעקסאַנדער'ן די פּלישתים'שע שטאָט עקרון מיט איר טעריטאָריע. די הויפּט פעסטונג (דער ציטאַדעל) פון ירושלים איז נאָך אַלץ געבליבן באַזעצט פון סירישן חיל, און די שטייערן פאַר סיריע זיינען

נאָך ניט אַראָפּגענומען געוואָרן. אָבער יונתן האָט באַפעס־טיקט די מויערן אַרום ירושלים, ער האָט געבויט נאָך אַנדערע פעסטונגען אין לאַנד, און אַזוי האָט ער זיך ביסלעכווייז צו־געגרייט צו זיין העכסטן ציל — אינגאַנצן אָפּצורייסן דאָס לאַנד פון סיריע און מאַכן יהודה פאַר אַ זעלבשטענדיקע מדינה.

דער סירישער גענעראַל טריפאָן, וועלכער האָט גע־שטרעבט צו פאַרכאַפּן דעם סירישן טראָן, האָט ניט געוואָלט, אַז יונתן זאָל ווערן צו מעכטיק, און ער איז געקומען מיט אַ חיל קיין פּאַלעסטינע. טריפאָן האָט אָבער ניט געוואַגט אַרויסצוגיין אין אַן אָפענע שלאַכט קעגן יונתנ׳ען, נאָר מיט גוטע, גלאַטע רייד האָט ער זיך אים איינגעגעבן איינצורעדן יונתנ׳ען, ער זאָל אַוועקשיקן זיין גרויסן חיל אַהיים און זאָל קומען צו אים אין עכו מיט ווייניק סאָלדאַטן אויף אַ פריינט־לאַכע באַראַטונג. ווען יונתן איז געקומען קיין עכו, האָט אים טריפאָן פאַרהאַלטן, ווי אַ געפאַנגענעם, און האָט אים שפּעטער פאַררעטעריש געלאָזט טויטן. שמעון, יונתנ׳ס על־טערער ברודער, וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן פון פאָלק פאַר׳ן פירער, האָט געלאָזט אויפזוכן זיין טויטן קערפּער און האָט אים מקבר געווען אין מודעין, וואו ער האָט אויפגע־שטעלט אַ גרויסע מצבה אויפן קבר פון זיינע עלטערן און ברי־דער.

## 7.

## שמעון און די גרינדונג פון דער זעלבשטענדיקער מלוכה פון די חשמונאים.

יונתן איז אומגעקומען דורך דער האַנט פון אַ פאַררעטער, און די אַרבעט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן, צו באַפרייען יהודה פון דעם סירישן יאָך, האָט פאַרענדיקט זיין ברודער שמעון. טריפאָן האָט גאָרנישט אויסגעפירט קעגן שמעונ׳ען אין

יהודה, און ער האָט זיך אומגעקערט קיין סיריע. דאָרטן האָבן איצט צוויי געפּאָדערט פאַר זיך די קרוין: טריפאָן און דעמעטריוס דער צווייטער, דער זון פון דעמעטריוס דעם ערשטן. האָט שמעון געשיקט שלוחים צו דעמעטריוס'ן און אים פאָרגעשלאָגן הילף קעגן טריפאָנ'ען, אויב יער וועט באַפרייען דאָס לאַנד יהודה פון צינז. דעמעטריוס האָט צוגעשטימט, און דערמיט האָט אויפגעהערט די אויבערהערשאַפט פון סיריע איבער אידן, און יהודה איז געוואָרן אַ פרייע מדינה. אידן האָבן אָנגעהויבן רעכענען די צייט נאָך דעם דאָזיקן יאָר פון זייער זעלבשטענדיקייט, און זיי האָבן אויך אַרויסגעלאָזן אייגענע אידישע מטבעות.



אַ זילבערנער שקל פון שמעון החשמונאי'ס צייט. אַף איין זייט האָט עס אַ בעכער מיט אַן אַלט־העברייאישער אויפשריפט „ש ד" (שנת ד — דאָס פערטע יאָר) „שקל ישראל". אַף דער אַנדער זייט פון דער מטבע שטייט אַ צווייג מיט דריי בלומען (ליליעס?) און אַן אַלטהעברייאישע אויפשריפט „ירושלים הקדושה".



אַ האַלבער שקל (אַ קופערנע מטבע) פון שמעון החשמונאי'ס צייט. אַף איין זייט שטייען צוויי לולבים מיט אַן אתרוג אין מיטן. דערצו האָט עס אַן אויפשריפט: „שנת ארבע חצי" (דאָס פערטע יאָר פון שמעון החשמונאי, אַ האַלבער שקל). אַף דער אַנדער זייט שטייט אַ פּאַלמע צווישן קערב פרוכט. דערצו שטייט אַן אויפשריפט: „לגאולת ציון" (צו דער באַפרייאונג פון ציון).

יפו, די האַפנשטאָט פון יהודה, האָט שוין יונתן געהאַט איינגענומען. שמעון האָט אָבער געוואָלט זיין זיכער מיט דעם וועג צום ים. האָט ער דעריבער איינגענומען די באַפעסטיקטע שטאָט גזר, וואָס האָט באַהערשט דעם וועג פון ירושלים קיין יפו. באַלד נאָך דעם ווי ער האָט איינגענומען גזר, האָט שמעון באַלאַגערט די פעסטונג פון ירושלים און האָט געצוואונ־

גען דעם סירישן גאַרניזאָן זיך אונטערצוגעבן. דעם 23טן טאָג פון חודש אייר אין יאָר 142 (פאַר קר.) האָט שמעון מיט גרויס פּאַראַד, מיט פּאַלמענצווייגן און אונטער די קלאַנגען פון האַרפן און צימבלען, אַריינגעמאַרשירט אין דער פעסטונג פון ירושלים. אַ צייט לאַנג איז דער דאָזיקער טאָג געפייערט געוואָרן בּאַ אידן אַלס אַ יערלאַכער יום־טוב.

דאָס פאָלק האָט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן די גרויסע אויפטואונגען פון שמעונ׳ען. אין דריטן יאָר פון זיין רעגירונג (אין יאָר 141 פאַר קר.) איז דאָס פאָלק צוזאַמען מיט די עלטסטע און די פאָרשטייער זיך צונויפגעקומען אָף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג אין פאָרהויף פון בית־המקדש, און דאָרטן איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז שמעון זאָל זיין דער כוהן־גדול, דער מיליטערישער פירער און דער פירשט פון אידישן פאָלק אָף אַלעמאָל, ער און זיינע קינדער און קינדסקינדער נאָך אים.

דורך דעם דאָזיקן באַשלוס איז די פאַמיליע חשמונאים געוואָרן אַ נייע דינאַסטיע פון זעלבשטענדיקע אידישע פירשטן און הערשער.

## 8.

## דאָס אידישע לעבן אין יענער צייט.

שמעון החשמונאי האָט רעגירט נאָר אַכט יאָר. דאָס איז געווען אַ גליקלאַכע צייט פאַר אידן. דער האַנדל האָט זיך שטאַרק צעוואַקסן, ווארים אידן האָבן איצט פאַרמאָגט אַ פרייען און זיכערן וועג צו זייער האַפנשטאָט יפו, און שיפן פון מיטללענדישן ים האָבן איצט געקאָנט צוקומען צו זייער מדינה. אידן האָבן געקאָנט אויסבייטן זייער תבואה, אויל און זאַלץ אָף לוקסוס־זאַכן פון עגיפּטן און פון אַנדערע פרעמדע לענדער. אַ סך אידן זיינען דורך שמעונ׳ען אויסגעלייזט געוואָרן פון געפאַנגענשאַפט אין פאַרוואָרפענע לענדער און האָבן זיך אומגעקערט אין זייערע אַלטע היימען. די בערג פון יהודה און די פרוכטבאַרע טאָלן, וואָס זיינען אַ

לענגערע צייט געווען אפגעלאזן איבער די מלחמות, האבן איצט ווידער אנגעהויבן ארויסגעבן זייער פרוכט. שמעון האט זיך אנגענומען פאר אלע אונטערגעדריקטע און געקריוודעטע, און אין גאנצן לאנד האט מען געגאסן א פרידלאכן לעבן.

דורך דעם האנדל זיינען געווארן אפטער און גרעסער די פארבינדונגען מיט די גריכישע מלוכות ארום, און אין אידישן לעבן האבן זיך אריינגעריסן א סך גריכישע ווערטער, באגריפן און מנהגים. אבער איצט איז עס שוין ניט געווען געפערלאך פאר דער עקזיסטענץ פונ'ם אידישן פאלק, ווייל דאס איז געקומען נאטירלאך, ניט אונטער א צוואנג פון דרויסן, און אידן האבן געקאנט איבערנעמען דאס גוטע פון די גריכן און דערביי ניט פארלירן זייער נאציאנאלע אייגנארטיגקייט. דאך זיינען בא אידן פארבליבן אריסטאקראטישע עלעמענטן, וועלכע זיינען געווען ווייט פון פאלקס-לעבן און זיי האבן געשטרעבט צו ווערן אין גאנצן ווי די פרעמדע. און עס זיינען אויך געווען אזעלכע פרומע אידן, וואס האבן געזוכט וואס מער זיך אפצוצאמען פון די ארומיקע פעלקער מיט זייערע מנהגים; זיי האבן אפילו מורא געהאט איבערצונעמען דאס גוטעס, וואס די פרעמדע פעלקער האבן פארמאגט, טאמער וועלן אידן דערווייילע פארלאזן זייערע אייגענע נאציאנאלע וועגן. אף אזא'ן אופן האט מען דעמאלט אנגעהויבן צו שאפן א סך נייע דינים, וואס זייער איינציקער צוועק איז געווען: אפצוצאמען אידן פון די ארומיקע פעלקער. למשל: מ'טאר ניט עסן דעם גוי'ס ברויט, טאמער וועט מען טרינקען זיין וויין, און מ'טאר ניט טרינקען דעם גוי'ס וויין, כדי מ'זאל ניט חתונה האבן מיט זיין טאכטער. אזא מין דין האט מען גערופן סיג (סיאג), דאס הייסט א צאם.

נאך בעסער ווי אין ארץ-ישראל איז דעמאלט געגאנגען די אידן אין עגיפטן. די עגיפטישע מלכים האבן באהאנדלט די אידן גאר אנדערש, ווי די סירישע. ניט נאר האבן די פטאלעמייער ניט געשטערט די אידן צו היטן זייער גלויבן, נאר זיי האבן זיי נאך געהאלפן. אין דער צייט, ווען אנטיוכוס

עפּיפאַנעס האָט פאַרשוועכט דעם בית־המקדש פון ירושלים, איז חוניו, דער לעצטער כוהן־גדול פון דער אַלטער פאַמיליע פון כוהנים־גדולים, אַנטלאָפן קיין עגיפּטן. די עגיפּטישע רע־גירונג האָט אים אויפגענומען פריינטלאך און האָט אים גע־האָלפן אויפבויען אַ בית־המקדש אין דער עגיפּטישער שטאָט לעאָנטאָפּאָלים. חוניו׳ם בית־המקדש איז געבויט געוואָרן לויט דעם מוסטער פונ׳ם בית־המקדש אין ירושלים. דאָס איז געווען שוין דער צווייטער בית־המקדש, וואָס אידן האָבן אויפגעבויט אין עגיפּטן (וועגן דעם בית־המקדש אין עלעפאַנטין איז שוין אויבן דערציילט געוואָרן).

# די מלוכה פון די חשמונאים.

1. שמעונ'ס טויט.
2. יוחנן הורקנוס (135—104).
3. די נייע פאַרטייען: פרושים און צדוקים.
4. אריסטאבול און אַלעקסאַנדער יאַנעאוס (ינאי).
5. אַלעקסאַנדרא און די הערשאַפט פון די פרושים.
6. דער ברודער־קריג און דער אונטערגאַנג פון דער חשמונאים־מלוכה.

.1

## שמעון׳ס טויט.

שמעונ׳ען איז ניט באַשערט געווען אויסצולעבן רואיק זיינע יאָרן. ער איז אומגעקומען דורך דער האַנט פון מערדער, וואָס זיין אייגענער איידים תלמי האָט אָנגעשטעלט קעגן אים.

תלמי איז געווען דער גובערנאַטאָר פון יריחו, און ער האָט געמאַכט אַ פאַרשווערונג צו טויטן שמעונ׳ען און זיינע דריי זין און ווערן דער הערשער אין יהודה. אין יאָר 135, אַז שמעון איז אַרומגעפאָרן איבער׳ן לאַנד, איז ער פאַרפאָרן צו זיין איידים. תלמי האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר דעם אַלטן פירשט, און אַז שמעון און זיינע צוויי זין זיינען געווען אָנגע-טרונקען מיט וויין, האָבן תלמי׳ס קנעכט אַלעמען דרייען דער׳-הרג׳עט.

תלמי׳ס פּלאַן איז געווען צו טויטן אויך שמעונ׳ס דריטן זון, יוחנן הורקנוס, וועלכער איז געווען דער גובערנאַטאָר פון גזר. אָבער גוטע פריינט האָבן באַצייטנס אָנגעזאָגט יוחנן׳ען אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט, און ער האָט נאָך באַ-וויזן צו פאַרכאַפּן ירושלים. אַז תלמי איז געקומען צו ירושלים, האָט ער שוין געפונען די שטאָט פאַרנומען פון יוחנן׳ען. תלמי איז אַנטלאָפן אין עבר-הירדן, און יוחנן הורקנוס איז געוואָרן כוהן-גדול און פירשט אָנשטאָט זיין פאָטער.

2.

## יוחנן הורקנוס (135—104).

באלד ווי יוחנן איז פארטיק געוואָרן מיט תלמי'ן, איז דער סירישער קיניג אריינגעפאלן מיט אַ גרויסער אַרמיי אין יהודה, האָט פארוויסט שטעט און דערפער און האָט באלאגערט יוחנן הורקנוס'ן אין ירושלים. ער האָט ארומגערינגלט די שטאָט מיט גראָבנס און וואלן און האָט ניט אריינגעלאָזן קיין שפייז. אין ירושלים האָט אויסגעבראָכן אַ הונגער, און עס האָט געהאלטן דערביי, אַז אידן זאָלן ווידער ווערן אונטער־טעניק אונטער סיריע.

אַז סוכות איז געקומען, האָט יוחנן געבעטן באַם סירישן קיניג אַ וואָפנשטילשטאַנד אַף זיבן טעג, כדי אידן זאָלן קענען פייערן רואיק זייער יום־טוב. דער קיניג האָט באוויליגט יוחנן'ס בקשה, און יוחנן האָט דורכדעם באַקומען מוט און האָט אָנגעהויבן פארהאנדלען מיט'ן קיניג וועגן אַ שלום. די סירער האָבן געפאָדערט, די איינוואוינער פון ירושלים זאָלן ארויס־געבן זייערע געווער, און מ'זאָל אראָפרייסן די באפעסטיגונגען פון שטאָט, אידן זאָלן באצאָלן אַ הויכן צינז און זאָלן געבן לעבעדיקע משכונות. דער קיניג האָט אויך געפאָדערט, אַז אַ סירישער גארניזאָן זאָל ווידער אריינגעשטעלט ווערן אין ירושלים. די לעצטע פאָדערונג האָט יוחנן אָפגעזאָגט. די איבעריקע האָט ער געמוזט אָננעמען.

אָבער ניט לאַנג האָט יוחנן באדארפט האלטן דעם אָפמאַך מיט סיריע. ווייניקער ווי אין אַ יאָר אַרום איז דער סירישער קיניג געפאלן אין אַ מלחמה קעגן פערסיע. אין סיריע האָבן זיך אָנגעהויבן מהומות, און יוחנן איז ווידער געווען פריי צו טאָן, וואָס ער האָט געוואָלט.

יוחנן האָט באלד זיך איינגעשאפט אַ גרויסן חיל פון גע־דונגענע סאָלדאטן און האָט אָנגעהויבן פירן מלחמות, כדי צו פארברייטערן די איינגע גרעניצן פון דער אידישער מדינה. צוערשט האָט ער איינגענומען אַ שטיק פון עבר־הירדן.

דערנאָך האָט ער פאַרנומען די שטאָט שכם און דעם באַרג גריזים און האָט חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש פון די שומרונים. פאַר אידן איז דאָס געווען אַ שמחה, ווייל צווישן זיי מיט די שומרונים איז געווען אַ שטאַרקע שנאה נאָך פון אַלטע צייטן.

נאָכדעם ווי יוחנן האָט אויסגעשפּרייט די גרעניצן פון דער אידישער מדינה אין מזרח און אין צפון, האָט ער איינגענומען אדום אין דרום און האָט געצוואונגען די אדומים צו ווערן אידן. ער האָט זיך דורך דעם געוואָלט פאַרזיכערן, אַז די אדומים וועלן זיין פאַרבונדן מיט יהודה און וועלן מער ניט העלפן אירע שונאים.

אין זיינע לעצטע יאָרן האָט יוחנן ווידער זיך גענומען פאַר נייע דעראָבערונגען און ער האָט באַלאַגערט די שטאָט שומרון. דער סירישער קיניג איז אפילו געקומען מיט אַ חיל העלפן די איינוואוינער פון יענער שטאָט. אָבער די סירישע מלוכה איז דעמאָלט געווען זייער שוואַך, און נאָך אַ באַלאַגערונג פון אַ יאָר צייט האָבן אידן איינגענומען שומרון און זי חרוב געמאַכט ביז'ן גרונט.

אַזוי איז פון דער קליינער מדינה יהודה געוואָרן אַ גרעסערע מלוכה, און דער כוהן־גדול און פירשט פון דער פאַמיליע חשמונאים איז געוואָרן אַ הערשער איבער אַ גאַנצער קיניג־רייך.

## .3

## די נייע פאַרטייען — פרושים און צדוקים.

אַז דאָס אידיש לאַנד איז געוואָרן אַ פרייע מדינה אונטער דער הערשאַפט פון די חשמונאים, זיינען אין פאָלק אויפגעקומען נייע פאַרטייען. די דאָזיקע פאַרטייען האָבן צווישן זיך געשטריטן איבער דעם, ווי די אידישע מדינה זאָל געפירט ווערן, וואָס פאַר אַן אָרדענונג עס זאָל זיין אין דעם אידישן לעבן.

אמאָל, פאר דעם אויפשטאַנד פון די חשמונאים, האָבן די דעה אין לאַנד געהאַט די אַריסטאָקראַטן, די מיוחסים. די סאַמע גרעסטע מיוחסים זיינען געווען די אַריסטאָקראַטישע כוהנים, די מיטגלידער פון דעם כוהן־גדול׳ס משפחה. די דאָזיקע אַריסטאָקראַטישע כוהנים האָבן געשטאַמט פון צדוק׳ן, דעם ערשטן כוהן אין שלמה׳ס בית־המקדש. אין דער צייט פון דעם מאַקאַבייאישן אויפשטאַנד זיינען די קינדער פון צדוק׳ן (בני־צדוק) געוואָרן העלעניסטן, און מאַנכע פון זיי האָבן אינגאַנצן פארראַטן די אינטערעסן פון זייער פאָלק.

די חשמונאים האָבן געמאַכט דעם אויפשטאַנד, כדי אוועקצונעמען די הערשאַפט פון די העלעניזירטע אידישע אַריסטאָקראַטן. באַזונדערס האָבן די חשמונאים געפירט אַ בלוטיקן קאַמף קעגן אַזעלכע העלעניזירטע כוהנים, ווי מענעלאוס און אלקימוס. די חשמונאים האָבן זיך געשטיצט אַף דעם איינפאַכן פאָלק, אַף די פרומע פויערים. אָנגעהויבן האָבן זיי קעמפן בלויז פאר דער פרייהייט צו היטן די תורה, און אויסגעלאָזן האָט זיך, אַז אַ נייע משפחה פון כוהנים־גדולים האָט באַקומען די הערשאַפט איבער אַ פרייער אידישער מדינה.

איין פאַרטיי אין פאָלק, די פאָרשטייער פון די פויערים, שטאָטישע בעלי־מלאכות און קליין־הענדלער, האָבן ניט געוואָלט, אַז די חשמונאים זאָלן ווערן אַזוי ווי מלכים, אַז זיי זאָלן פירן אַ מלוכה ווי אַלע אַנדערע פעלקער, זאָלן האַלטן אַ גרויסן חיל און איינגעמען פרעמדע שטיקער לאַנד. די דאָזיקע פאַרטיי האָט מען גערופן „פרושים“, עס הייסט אָפּגעשיידט, ווייל זיי האָבן געוואָלט, אַז אידן זאָלן לעבן אָפּגעשיידט פון די פעלקער אַרום און זאָלן אָפּהיטן פּינקטלאַך די תורה. באַ די פרושים איז די תורה געווען וויכטיקער פאר דער מלוכה, און זיי האָבן געוואָלט, אַז פירער פון פאָלק זאָלן זיין די לומדים, די תורה־מענטשן. אַזוי ווי די פרושים זיינען געווען אַ פאָלקס־פאַרטיי, האָבן זיי געזוכט צו מאַכן גרינגער דעם לעבן פון די פאָלקסמאַסן. די געזעצן פון דער תורה זיינען געשאַפן געוואָרן אין עלטערע צייטן, בעת דאָס

אידישע לעבן איז געווען אנדערש, און די מידות בא מענטשן זיינען געווען רוי און הארט. א סך פון די אלטע געזעצן האָבן שוין ניט געפּאַסט צו די נייע אומשטאַנדן, צו די ווייכערע זיטן, און זיי זיינען געווען א שטער פאַר דעם נייעם לעבן. אָבער יעדעם וואָרט פון דער תורה האָט זיך גערעכנט פאַר הייליק און אייביק, אָפּטרעטן פון אים האָט מען ניט געטאָרט. האָבן די פּרושים געזוכט אויסצוטייטשן די תורה אַזוי, אַז אין די אַלטע ווערטער זאָל אַריינגעלייגט ווערן א נייער אינהאַלט. אין דער תורה שטייט, למשל: עין תחת עין — אַן אויג פאַר אַן אויג. האָט מען עס אויסגעטייטשט, אַז דאָס מיינט: ווען איינער נעמט באַם אַנדערן אַרויס אַן אויג — דאַרף ער אים באַצאָלן מיט געלט.

אין דער תורה איז טויט-שטראָף אַן אָפטע ערשיינונג. ווי נאָר עפּעס א פאַרברעכן — באַלד טויט-שטראָף. די פּרושים האָבן אַזוי אויסגעטייטשט די תורה און זיי האָבן איינגעפירט אַזאַ מין אופן פון משפּט'ן מענטשן פאַר קרימינעלע פאַר־ברעכנס, אַז טויט-שטראָף זאָל אָנגעווענדט ווערן וואָס ווייניקער. די אַמאָליקע אידן זיינען געווען כמעט דורכאויס פּויערים, ערד אַרבעטער, און בא זיי האָבן עקזיסטירט געזעצן און מנהגים, וועלכע האָבן געמאַכט שווער דעם האַנדל. שפּעטער, אַז דער האַנדל האָט זיך אַנטוויקלט, האָבן די פּרושים געזען אויסצוטייטשן די אַלטע פּסוקים פון דער תורה אַזוי, אַז זיי זאָלן ניט שטערן דעם מסחר און זאָלן דאָך באַ־שיצן די מאַסן פון שווינדל און אָפּנאַרעריי.

פון דער אַנדער זייט האָבן די פּרושים אָנגעהויבן שאַפן נייע דינים, וועלכע האָבן געדאַרפט דינען פאַר א צאַם (סיג) אָפּצוצאַמען אידן פון אַנדערע פעלקער. אַזוי האָט מען איינ־געפירט, אַז די ערד פון פרעמדע פעלקער איז טמא, כדי אידן זאָלן וואָס ווייניקער אַרויספאָרן פון ארץ-ישראל.

אין די אַלטע צייטן זיינען אַלע געזעצן און מנהגים באַם פאָלק אין מוח געווען פאַרבונדן מיט משה'ס תורה: גאָט האָט זיי אַלעמען געגעבן צו משה'ן אַפן באַרג סיני. ווי זשע

טוט מען מיט די נייע איינפירונגען, וועלכע זיינען אין דער תורה ניטא? האבן פריער די סופרים און דערנאך די פרושים געלערנט, אז עס זיינען פאראן צוויי תורות: איינע א „תורה שבכתב“ — א געשריבענע תורה, די צווייטע א „תורה שבעל-פה“—א תורה, וואס גאט האט משה׳ן איבערגעגעבן אפן בארג סיני אויסוויייניק. אין יענער תורה גייען אריין אלע אויס-טייטשונגען פון דער געשריבענער תורה, אויך אלע דינים און געזעצן, וואס וועלן שפעטער צוקומען. גאט האט זיי אלע פאראויסגעזען און האט זיי איבערגעגעבן משה׳ן. די תורה שבעל-פה האט מען ניט געטארט פארשרייבן: מ׳האט גע-גלויבט, אז גאט אליין האט אזוי אנגעזאגט משה׳ן. און דער-ביי איז געווען א געזונטער מיין: אויב מ׳וועט פארשרייבן די נייע געזעצן, וועלן זיי דאך ווערן הייליק און אייביק, אזוי ווי די אלטע, וואס שטייען אין חומש; און אז עס וועלן קומען נייע אומשטענדן און מ׳וועט זיי דארפן אפשאפן אדער בייטן, וועט ווידער זיין שווער, וועט מען ווידער מוזן זיך קליגן אויסצוטייטשן דאס פארשריבענע. מיט דעם, וואס די סופרים און פרושים האבן איינגעפירט דעם באגריף תורה שבעל-פה, האבן זיי געשאפן פאר די אידישע געזעצן, וואס האבן גע-טראגן דעם שטעמפל פון גאט, א וועג פון שטענדיקער אנט-וויקלונג און האבן זיי אפ אזא׳ן אופן פארהיט פון פארגליווערט ווערן.

די צדוקים זיינען געווען די אריסטאקראטן, וועלכע האבן געזוכט פרייהייט צו דריקן די פאלקס מאסן. זיינען זיי געווען קעגן די אלע נייע אויסטייטשונגען פון די פרושים, וואס האבן געזאלט גרינגער מאכן דעם לעבן פון די מאסן; זיי האבן געוואלט איבערלאזן פאר׳ן פאלק אלע שטרייגע שטראפן, פונקט אזוי ווי זיי זיינען פארשריבן אין דער תורה. בא זיי איז די מלוכה געווען וויכטיקער פאר דער תורה און זיי האבן געהאלטן, אז רעגירן איבער׳ן אידישן פאלק דארפן ניט די פרושים, וואס זיינען באהאוונט אין גאט׳ס תורה, נאר זיי, די וועלטלאכע מלוכה-מענטשן. אלס א הערשנדיקער קלאס,

באַמטע פון פירשטלאַכן הויף, העכערע כוהנים און רייכע האַנדלסלייט, האָבן זיי געוואָלט זיין וואָס איינגער פאַרבונדן מיט די אַריסטאָקראַטן און סוחרים פון די אַרומיקע גריכישע מלוכות; האָבן זיי דעריבער ניט געוואָלט לײַדן די צאַמען, וואָס די פרושים האָבן געשאַפן כדי אָפצוזונדערן אידן פון די אַרומיקע פעלקער. דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז די צדוקים האָבן ניט געהאַלטן פון דער תורה שבעל-פה. הייליק איז בײַ זיי געווען נאָר די תורה שבכתב — די געשריבענע תורה, וועלכע מ׳האָט געדאַרפט פאַרשטיין און אָפּהיטן לויט די ווערטער, ניט לויט די אָדער יענע אויסטײַטשונגען.

אַזוי ווי די אַריסטאָקראַטן און הערשער אין דער צייט פון אַנטיוכוס׳ן — די קינדער פון צדוק — האָבן איבערגעלאָזן אַ שלעכטן נאָמען אין פאָלק — האָבן די פרושים אַ נאָמען געגעבן זייערע געגנער, די נײַע אַריסטאָקראַטן: צדוקים, און האָבן דערמיט אָנגעדייט, אַז זיי זיינען ניט בעסער פאַר יענע קינדער פון צדוק.

די ערשטע חשמונאים האָבן געהאַלטן מיט די פרושים און האָבן זיך אויף זיי געשטיצט. אָבער יוחנן הורקנוס איז זיך מיט זיי פאַנאַנדערגעגאַנגען, וואָרים די פרושים זיינען געווען קעגן זיין פירונג פון דער מלוכה. פון איצט אָן זיינען די צדוקים געווען די הערשנדיקע פאַרטיי, וועלכע האָט געשטיצט די חשמונאים און זיי געהאָלפן אויפבויען אַ גרעסערע אידישע מלוכה. זיי זיינען געווען די אָנפירער פון דעם חיל און די מלוכה-באַמטע. זיי זיינען אויך געזעסן אין דער גערוזיא, דעם ראַט פון די עלטסטע אין ירושלים.

## .4

## אַריסטאָבול און אַלעקסאַנדער ינאַי.

יוחנן הורקנוס האָט אָנגעהויבן מאַכן פון יהודה אַ קיניג-רייך, און זיינע זין האָבן עס פאַרענדיקט. זיין זון אַריסטאָבול האָט רעגירט נאָר איין יאָר (104—103 פאַר קר.). ער איז

געווען דער ערשטער פון די חשמונאים, וואס האט אנגענומען דעם טיטל קיניג. ער, דער אוראייניקל פון מתתיהו חשמונאי, איז געווען געניגט גאר צו העלעניזם און האט גע־ביטן זיין אידישן נאמען יהודה אף דעם גריכישן נאמען ארים־טאבול. כדי צו זיין זיכער מיט זיין טראן, האט ער ארייננגע־זעצט אין געפיינקעניש זיין מוטער און זיינע דריי ברידער. ער האט געלאזט די מוטער שטארבן אין געפיינקעניש פון הונגער, ווייל יוחנן הורקנוס האט אנגעזאגט פאר׳ן טויט, אז זיין פרוי, די אלמנה, זאל רעגירן, און אריםטאבול זאל זיין נאר א כוהן־גדול.

אין דעם יאר, וואס אריסטאבול האט רעגירט, האט ער באוויזן אויפצוטאן איין זאך. ער האט איינגענומען גליל (גאלילעא), אין צפון פון ארץ־ישראל, און האט געצוואונגען די גוי׳אישע איינוואוינער פון יענער געגנט צו ווערן אידן.

אריסטאבול איז געשטארבן און האט ניט איבערגעלאזן קיין קינדער. זיין פרוי סאלמא אלעקסאנדרא האט באפרייט פון געפיינקעניש דעם קיניג׳ס ברידער. דער עלטסטער פון זיי איז געווארן קיניג און כוהן־גדול און האט חתונה געהאט מיט אלעקסאנדרא׳ן. זיין אידישער נאמען איז געווען יונתן, פאר־קירצט אין ינאי (יאנאי). ער האט אבער צוגעלייגט צו זיין אידישן נאמען דעם גריכישן נאמען אלעקסאנדער.

אלעקסאנדער ינאי איז געווען מיט לייב און לעבן אריינ־געטאן אין פירן מלחמות און האט זיינע מערסטע יארן פאר־בראכט אפן שלאכטפעלד. נאך מער ווי די פריערדיקע הער־שער פון דער פאמיליע חשמונאים האט ער ברייטער געמאכט די גרעניצן פון דער אידישער מלוכה.

דאס פאלק איז אבער ניט געווען צופרידן מיט די שטענ־דיקע מלחמות, און די פרושים, די פארטיי פון פאלק, זיינען דעריבער געווען קעגן אלעקסאנדער׳ן און זיין פירונג. די פרומע אידן האבן אויך ניט געקאנט פארטראגן, וואס אזא מלחמה־מענטש ווי אלעקסאנדער, וועלכער האט געפירט א לעבן פון א סאלדאט, איז אפט געווען שיכור און האט פארגאסן

אזוי פיל בלוט אַף די שלאַכטפעלדער, זאָל קומען יום-טוב אין בית-המקדש און דאָרטן טאָן די הייליקע עבודה. און איינמאָל איז אויסגעבראָכן אַן אָפענער אויפשטאַנד קעגן דעם קיניג.

דאָס איז געווען אום סוכות. דאָס פאָלק איז געווען פאַרזאַמלט אין בית-המקדש מיט לולבים און אתרוגים אין די הענט. דער קיניג, אין די פּראַכטקליידער פון כוהן-גדול, איז צוגעגאַנגען צום מזבח ברייגען דעם קרבן. מיט אַמאָל האָט דאָס פאַרזאַמלטע פאָלק, וואָס איז געווען אויפגעבראַכט קעגן אים, גענומען שרייען, ער זאָל אַוועק פון מזבח, און האָט אָנגעהויבן וואַרפן אַף אים די אתרוגים. אַלעקסאַנדער האָט געשיקט נאָך זיינע געדונגענע סאָלדאַטן, און זיי האָבן אַפן אָרט אויסגעהרג׳עט עטלאַכע טויזנט אידן. פון דעמאָלט אָן איז דאָס פאָלק פאַרבליבן פאַרביטערט און האָט געוואַרט אַף אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט דעם פאַרהאַסטן קיניג.

באַלד איז אַזאַ געלעגנהייט געקומען. אַלעקסאַנדער איז צעשלאָגן געוואָרן אין אַ מלחמה און איז קוים מיט׳ן לעבן אַנטלאָפן קיין ירושלים. דעמאָלט זיינען די פּרושים אַרוים אָפן אין אַן אויפשטאַנד, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברודער-קריג צווישן די פּרושים, דעם קיניג׳ס געגנער, און די צדוקים, דעם קיניג׳ס אָנהייגגער. זעקס יאָר האָט זיך עס געצויגן, און טויזנטער אידן האָבן אין דעם קריג פאַרלאָרן זייער לעבן.

די פּרושים האָבן געהאַט הינטער זיך די מערהייט פון פאָלק, און אַלעקסאַנדער׳ס לאַגע איז אין אָנהויב געווען אַזוי שלעכט, אַז ער איז געווען געצוואונגען צו בעטן שלום בײַ זיינע געגנער. די פּרושים זיינען אָבער געווען איינגעשפּאַרט און האָבן אים געענטפערט, אַז ווי לאַנג ער לעבט, וועלן זיי מיט אים קיין פרידן ניט שליסן.

שפּעטער איז אַלעקסאַנדער׳ס לאַגע בעסער געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן ווערן שטאַרקער. די פירער פון דעם אויפ-שטאַנד האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ געוויסער שטאָט; האָט אַלעקסאַנדער איינגענומען יענע שטאָט און אָפּגעשיקט אַכט

הונדערט פון זיי קיין ירושלים. דאָרטן האָט ער געלאָזט פאר זיי אין די אויגן טויטן זייערע ווייבער און קינדער, דערנאָך האָט ער זיי אַליין געלאָזט קרייציגן אין מיטן שטאָט.

מיט די דאָזיקע רציחות האָט אַלעקסאַנדער אָנגעוואָרפן אַזאַ שרעק אַף זיינע געגנער, אַז אַ סך פון זיי זיינען אַנטלאָפן פון ארץ־ישראל. קיין אויפשטאַנדן אין לאַנד האָט אַלעקסאַנדער מער ניט געהאַט, אָבער מלחמות האָט ער נאָך געפירט אַ סך מיט די שכנים אַרום. וואָרים ער האָט ניט אויפגעהערט צו פירן מלחמות, הגם ער האָט אין זיינע לעצטע יאָרן געליטן פון אַ קראַנקהייט, וואָס איז געקומען פון צופיל טרינקען.

ער איז געשטאָרבן אין מיטן באַלאַגערן אַ פעסטונג אין עבר־הירדן. ער האָט איבערגעלאָזן צוויי זין: הורקנוס און אריסטאָבול. אָבער פאר׳ן טויט האָט ער אָנגעזאָגט, אַז זיין פרוי זאָל ירשנ׳ען זיין טראָן.

## 5.

# אַלקסאַנדראַ און די הערשאַפט פון די פרושים

(67—76).

די קיניגין אַלעקסאַנדראַ איז געווען דער היפוך פון איר מאַן. זי איז געווען אַ גוטע און אַ קלוגע פרוי, און די ניין יאָר, וואָס זי האָט רעגירט, זיינען געווען רואיקע און פרידלאַכע. איר עלטערן זון הורקנוס׳ן האָט זי באַשטימט פאַר אַ כוהן־גדול און די אינערלאַכע הערשאַפט פון לאַנד האָט זי איבערגעגעבן אין די הענט פון די פרושים.

די געלערנטע און די פירער פון די פרושים האָבן איצט באַקומען אַ וויכטיקן פלאַץ אין דער גערוזיא. ביז דעמאָלט זיינען דאָרטן געזעסן נאָר געבאָרענע מיוחסים און כוהנים. איצט האָבן דאָרטן די פרושים באַקומען די דעה, און זיי האָבן אָפגעשאַפט די אַלטע, שטרייגגע געזעצן פון די צדוקים און

איינגעפירט נייע, בעסערע. די פרושים האָבן איינגעפירט אַ סך רעפאָרמען און האָבן געשאַפן אַ בעסערע, אַ מער גערעכטיקע אָרדענונג אין לאַנד.

אָבער די פרושים זיינען זיך באַגאַנגען צו שטריינג מיט די צדוקים. זיי האָבן האַרט אונטערגעדריקט און פאַרפאָלגט זייערע געגנער. זיי זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן פאַר׳משפט צום טויט די אַמאָליקע ראַטגעבער פון אַלעקסאַנדער ינאַי, וואָס האָבן אים געראָטן צו טויטן די אַכט הונדערט אידן אין ירושלים. די אידישע מיוחסים פון ירושלים, די צדוקים, האָבן געציטערט פאַר זייער לעבן. דער אָנפירער זייערער איז געווען אַלעקסאַנדראַ׳ס צווייטער זון אריסטאָבול. איז אַ דעפּוטאַציע פון די צדוקים, אָנגעפירט פון אריסטאָבול׳ן, געקומען צו דער קיניגין און זי געבעטן, זי זאָל זיי באַשיצן פון די פרושים. די קיניגין האָט דערפילט זייער בקשה און האָט איבערגעגעבן אין זייער האַנט די פעסטונגען פון לאַנד.

ווי נאָר די קיניגין איז קראַנק געוואָרן, איז שוין אריסטאָבול געווען גרייט אויפצוהויבן אַן אויפשטאַנד. ביז וואָס ווען אָבער איז די קיניגין געשטאָרבן (אין עלטער פון 73 יאָר), און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג פון די ברידער, וועלכער האָט זיך געענדיקט מיט דעם אונטערגאַנג פון דער אידישער זעלבשטענדיקייט.

## 6.

## דער ברודער קריג און דער אונטערגאַנג פון דער חשמונאים-מלוכה.

אַז אַלעקסאַנדראַ איז געשטאָרבן, איז איר עלטערער זון הורקנוס געוואָרן קיניג און כוהן-גדול. הורקנוס איז געווען אַ שטילער מענטש מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער, ניט איבעריקס קלוג און ניט איבעריקס העלדיש. אריסטאבול, פאַרקערט, איז געווען אַ מוטיקער העלד און האָט זיך בעסער געפּאַסט פאַר אַ קיניג, איידער זיין עלטערער ברודער.

אריסטאבול איז באַלד אַרוים מיט אַ חיל קעגן זיין ברו־דער. באַ יריחו איז עס געקומען צו אַ שלאַכט. אַ סך פון הורקנוס'עס חיל זיינען איבערגעגאַנגען צו אריסטאָבול'ן. אריס־טאָבול האָט געזיגט, און הורקנוס האָט געמוזט אַנטלויפן קיין ירושלים. הורקנוס האָט זיך אונטערגעגעבן, און ביידע ברידער האָבן געשלאָסן שלום. אריסטאָבול איז געוואָרן קיניג און כוהן־גדול, און הורקנוס'ן האָט ער געגעבן די פרייהייט צו לעבן אומגעשטערט אַלס פריוואַטער מענטש.

הורקנוס וואָלט געווען צופרידן. אָבער די פרושים זיינען געווען אומצופרידן, וואָס די צדוקים האָבן איצט, אונטער אריסטאָבול'ן, ווידער באַקומען די גאַנצע דעה אין דער מלוכה. מער ווי אַלע איז געווען אומצופרידן הורקנוס'עס פריינט און ראַטגעבער אַנטיפּאַטער.

אַנטיפּאַטער האָט געשטאַמט פון די אדומים, וואָס יוחנן הורקנוס האָט געצוואונגען מיט געוואַלד צו ווערן אידן. זיין פאָטער האָט זיך דעמאָלט מגייר געווען און איז געווען דער גובערנאַטאָר פון אדום אונטער אלעקסאַנדער ינאי און אַלעק־סאַנדראַ. דער זון אַנטיפּאַטער האָט געזען, אַז אונטער דעם שוואַכן הורקנוס וועט ער קאָנען האָבן מער דעה און שפּילן אַ גרעסערע ראָלע, איידער אונטער דעם העלדישן און קרי־גערישן אריסטאבול. איז ער געוואָרן דער פירער פון הורקנוס'עס אָנהייגער און האָט אָנגעהויבן איינרעדן הורקנוס'ן, ער זאָל צוריק פאָדערן זיין רעכט אַפן קיניגלאַכן טראָן. הורקנוס איז אין אָנהויב געווען גלייכגילטיק צו אַנטי־פּאַטער'ס פּלענער, אָבער צום סוף האָט ער זיך געלאָזט איינ־ריידן אָנצוהויבן פון דאָס ניי אַ קריג קעגן אריסטאבול'ן. ער איז באַנאַכט אַנטלאָפן מיט אַנטיפּאַטער'ן פון ירושלים קיין פּעטרא, די הויפּטשטאָט פון דער אַראַבישער מלוכה פון די נאַבאַטייער. וואָרים אַנטיפּאַטער האָט אַרעטאַס'ן, דעם נאַ־באַטייאישן קיניג, אויך אַריינגעצויגן אין דעם בונד קעגן אריסטאבול'ן.

אַרעטאַס איז געקומען מיט אַ גרויסן חיל און האָט צע־

שלאָגן אריסטאבול׳ן. דער גרעסטער טייל פון פאָלק האָט איצט געהאַלטן מיט הורקנוס׳ן. אריסטאבול האָט זיך גע־מוזט איינשליסן אין דער פעסטונג פון בית־המקדש, און ארע־טאַס און הורקנוס האָבן אים דאָרטן באַלאַגערט.

אין יענער צייט איז רוים שוין געווען אַ מעכטיקע אים־פּעריע, און פּאָמפּעאוס איז געווען דער גרעסטער גענעראַל און שטאַרקסטער מאַן אין דער רוימישער מלוכה. ער איז דעמאָלט געווען מיט זיין אַרמיי אין אַזיע, וואו ער האָט איינ־גענומען איין לאַנד נאָכ׳ן אַנדערן. אויך ארץ־ישראל האָט פריער אָדער שפּעטער געמוזט אַרונטערפאַלן אונטער דער רוימישער הערשאַפט. עס וואָלט אָבער ניט אָנגעקומען די רוימער אַזוי גרינג אַרויפצולייגן זייער האַנט אַף דעם אידישן לאַנד, ווען אידן וואָלטן ניט געווען צעריסן דורך דעם ברודער־קריג.

פּאָמפּעאוס׳עס גענעראַל סקאורוס איז דעמאָלט געווען מיט אַ רוימישן חיל אין סיריע. זיינען ביידע ברידער, הורקנוס און אריסטאבול, געקומען צו סקאורוס׳ן. יעדערער פון זיי האָט געבעטן דעם רוימישן גענעראַל, ער זאָל האַלטן מיט אים, און האָט אים דערפאַר צוגעזאָגט אַ הויכע סומע געלט.

סקאורוס האָט געהאַלטן מיט אריסטאבול׳ן און האָט באַ־פוילן ארעטאַס׳ן צו פאַרלאָזן ארץ־ישראל. ארעטאַס האָט מורא געהאַט פאַר רוים און האָט געפאָלגט. אין אַ קורצער צייט אַרום איז פּאָמפּעאוס אַליין געקומען אין דמשק, און ביידע ברידער זיינען געקומען צו אים. אריסטאבול האָט אים געשיקט אַ מתנה אַ גאָלדענעם וויינשטאָק אין ווערט פון 500 טאַלענטן זילבער. אָבער די טייערע מתנה האָט אַריסטאָבול׳ן ווייניק געהאָלפן. פּאָמפּעאוס האָט אויסגעהערט די טענות פון ביידע צדדים. הורקנוס האָט גע׳טענה׳ט, אַז אריסטאבול האָט מיט גוואַלד אַוועקגערויבט פון אים די קרוין. אריסטא־בול ווידער האָט גע׳טענה׳ט, אַז הורקנוס איז ניט פייאיק צו זיין אַ הערשער.

עס זיינען אויך געקומען דעלעגאַטן פון פאָלק, וואָס האָבן

גע׳טענה׳ט, אַז זיי ווילן נישט ניט הורקנוס׳ן און ניט אריסטאָ־בול׳ן: זיי ווילן איבערהויפּט גאָר קיין קיניג ניט. זיי ווילן זיין ניט מער, ווי אַ פרומע געמיינדע אונטער דער פירערשאַפט פון דעם כוהן־גדול.

פּאָמפּעאוס האָט אַלעמען אויסגעהערט און זיי געהייסן וואַרטן, ביז ער וועט קומען צוריק פון זיין עקספּעדיציע קעגן די נאַבאַטייער. אריסטאבול האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז פּאָמפּעאוס זוכט די טובה פון רוים, עס זאָל איר אָנקומען וואָס גרינגער איינצונעמען דאָס אידישע לאַנד. איז ער דער־פאַר אַוועק פון פּאָמפּעאוס׳ן. אָבער פּאָמפּעאוס האָט געהאַט אַ חשד אַף אים און איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַ חיל און האָט געפאָדערט, ער זאָל איבערגעבן אין זיין האַנט אַלע פעס־טונגען. אריסטאָבול האָט געזען, אַז ס׳איז אוממעגלאַך זיך צו שטעלן קעגן דער מאַכט פון רוים, און האָט נאָכגעגעבן.

אינגאַנצן האָט אַריסטאבול זיך ניט אונטערגעגעבן. ער איז נאָך אַוועק קיין ירושלים און האָט גענומען זאַמלען אַ אי־דישן חיל. אָבער ווען פּאָמפּעאוס איז צוגעקומען נאָענט צו ירושלים, האָט אריסטאבול פאַרלוירן דעם מוט און האָט צו־געזאָגט איבערצוגעבן ירושלים אין זיין האַנט, אויב ער וועט אָפּשטעלן די מלחמה און לאָזן ארץ־ישראל צו־רו. פּאָמפּעאוס האָט פאַרהאַלטן אריסטאָבול׳ן אין זיין לאַגער און האָט געשיקט זיינעם אַ גענעראַל איבערנעמען די שטאָט.

אָבער די איינוואוינער פון ירושלים האָבן פאַרשלאָסן די טויערן, און פּאָמפּעאוס׳עם גענעראַל איז געקומען צוריק אין רומישן לאַגער מיט ליידיקע הענט. פּאָמפּעאוס איז געוואָרן זייער אויפגעבראַכט. ער האָט גלייך געשמידט אריסטאָבול׳ן אין קייטן און איז אַוועק מיט אַ חיל אַף ירושלים.

די איינוואוינער פון ירושלים זיינען ניט געווען אייניק. דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן געהאַלטן מיט הורקנוס׳ן; זיי האָבן ניט געוואָלט פירן קיין מלחמה קעגן פּאָמפּעאוס׳ן און האָבן מיט׳ן גוטן ווילן געעפנט די טויערן און אריינגעלאָזן

די רוימער. אָבער די אָנהייבער פון אריסטאבול׳ן זיינען גע־וועןן פעסט אַנטשלאָסן זיך ניט אונטערצוגעבן מיט גוטן. זיי האָבן פאַרכאַפּט דעם בית־המקדש, וואָס איז געווען ווי אַ פעסטונג פון אַלע זייטן.

די רוימער האָבן באַלאַגערט דעם באַרג פון בית־המקדש (הר־הבית), אָבער ניט אַזוי גרינג איז זיי אָנגעקומען אים איינצונעמען. וואָרים די באַלאַגערטע האָבן געשאָסן אַף די רוימישע סאָלדאַטן מיט אַ האָגל פון פיילן און האָבן זיי ניט געלאָזט אויפשטעלן קיין וואַל. אָבער שבת האָבן אידן על־פי דין געמעגט נאָר זיך פאַרטיידיקן. איבערפאַלן דעם פיינט האָבן זיי ניט געטאָרט. אין דעם דאָזיקן טאָג האָבן די רוימער דעריבער געקאָנט רואיק טאָן זייער אַרבעט.

אַז די רוימער האָבן געהאַט פאַרטיק אַ הויכן וואַל, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אויבן זייערע גרויסע באַלאַגערונגס־מאַ־שינען און האָבן פון זיי געשאָסן מיט גרויסע שטיינער אַף דער פעסטונג. נאָך אַ באַלאַגערונג פון דריי חדשים האָט זיך די רוימער איינגעגעבן דורכצוברעכן אַ לאָך אין די מויערן און זיי זיינען אַריין אין דער פעסטונג.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בלוטיקע שחיטה. די כוהנים האָבן געהאַלטן אין טאָן די עבודה. האָבן זיי ניט איבער־געריסן זייער הייליקע דינסט, ביז זיי זיינען באַם מזבח גע־פאַלן דורכ׳ן שווערד פון די רוימישע סאָלדאַטן. טויזנטער אידן זיינען אין יענעם טאָג געפאַלן טויט.

צווישן די גויים זיינען אין יענע צייטן געווען פאַרשפּריט אַלערליי ווילדע מעשיות וועגן דעם אידישן הייליקטום. זיי האָבן ניט געוואָלט גלויבן, אַז דער „קודש־הקדשים“, אַוואו נאָר דער כוהן־גדול האָט געמעגט אַריינגיין איינמאָל אין יאָר, איז געווען אַ ליידיקער צימער, און דאָרטן איז ניט געשטאַנען קיין סטאַטוע, קיין בילד פון דעם אידישן גאָט. פּאָמפּעאוס איז דערפאַר פון נייגעריקייט אַריין אין דעם אינעווייניקסטן הייי־ליקטום. גערויבט די אוצרות פון בית־המקדש האָט ער אָבער

ניט. פארקערט, ער האָט געהייסן אָפּרייניקן דעם הייליקן אָרט און טאָן ווייטער אומגעשטערט די עבודה.

דערמיט איז געקומען אַ סוף צו דער זעלבשטענדיקער מלוכה פון די חשמונאים, און אידן זיינען ארונטערגעפאלן אונטער דער הערשאפט פון רוים.

## יהודה אונטער רוים.

1. די רוימער.
2. הורקנוס און אַנטיפּאַטער.
3. די קורצע הערשאַפט פון אַנטיגאָנוס׳ן.
4. הורדוס׳עס רעגירונג (4—37 פאר קר.).
5. די ערשטע פּראָקוראַטאָרן. די קנאים.
7. אגריפּא און קאַליגולא.

.1

# די רוימער.

די רוימישע מלוכה איז אין אָנהויב באַשטאַנען פון דער שטאָט רוים מיט דער געגנט אַרום. די רוימער זיינען געווען פּויערים און האָבן געלעבט פון ערדאַרבעט. אָבער שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן מאַכן אָנפאַלן אַף די שכנים אַרום און אויסשפּרייטן אַלץ ווייטער זייער הערשאַפט. האָט זיך אין זיי אַלץ מער און מער צעוואַקסן דער קריגערישער גייסט, און זיי זיינען געוואָרן די בעסטע סאָלדאַטן אין דער וועלט.

ביסלאַכווייז האָבן זיי אויסגעשפּרייט זייער הערשאַפט איבער דעם גאַנצן איטאַליענישן האַלבאינזל, און שפּעטער האָבן זיי איינגענומען אויך אַלע לענדער אַרום דעם מיטל-לענדישן ים.

אין דער צייט, ווען די רוימער האָבן איינגענומען ארץ-ישראל, האָבן זיי שוין געהערשט כמעט איבער דעם גרעסטן טייל פון דער ציוויליזירטער וועלט. און אַלע לענדער און פעל-קער זיינען געווען אונטערטעניק אונטער זיי.

די איינגענומענע לענדער פלעגן די רוימער אַף אַלערליי וועגן אויסרויבן. און די רוימישע אַריסטאָקראַטן, די גענעראַלן און גובערנאַטאָרן פון די פּראָווינצן, זיינען זייער רייך גע-וואָרן. זיי האָבן פאַרמאָגט גרויסע מאַיאָנטקעס, וואָס זיי האָבן געלאָזט באַאַרבעטן מיט שקלאַפן. שקלאַפן האָבן זיי געהאַט אַ סך צוליב די שטענדיקע מלחמות, וואָס האָבן זיי צוגעשטעלט אַ סך קריגס-געפאַנגענע; און באַגאַנגען זיינען זיך די רוימער מיט די שקלאַפן שטרייננג און אוממענטשלאַך.

אויך די רוימער האָבן געדינט צו אַ סך געטער, אַזוי ווי די גריכן. אָבער אין קולטור זיינען זיי געשטאַנען נידעריקער פאַר יענע. די רוימער האָבן נאָר גוט פאַרשטאַנען צו פירן אַ גרויסע מלוכה, צו האַלטן אַן אַרמיי אין אָרדענונג און צו בויען גוטע וועגן און בריקן. אָבער אין אַלע אַנדערע זאַכן האָבן זיי זיך געלערנט פון די גריכן און האָבן איבערגענומען פון זיי זייער גאַנצע קולטור.

## 2.

## הורקנוס און אַנטיפּאַטער.

פּאָמפּעאוס האָט געלאָזן די מלוכה פון יהודה אונטער דער הערשאַפט פון הורקנוס'ן. ער האָט אים באַשטימט פאַר כוהן־גדול און האָט אים געגעבן דעם טיטל פירשט (עטנאַרך). הורקנוס האָט אָבער ניט געהאַט די גאַנצע דעה אין לאַנד. ער איז געווען אונטערגעוואָרפן אונטער דעם רוימישן פאַר־וואַלטער (פּראָקוראַטאָר) פון דער פּראָווינץ סיריע און האָט אים געמוזט צאָלן צינזן.

אידן זיינען ניט געבליבן רואיק. אַריסטאָבול און זיינע זין, אַלעקסאַנדער און אַנטיגאָנוס, האָבן נאָך געהאַט אַ סך אַנהייגנער אין לאַנד, און זיי האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד נאָך אַן אויפשטאַנד קעגן דער רוימישער אונטערדריקונג.

אַנטיפּאַטער האָט יעדעס מאָל געהאָלפן די רוימער אונ־טערדריקן דעם אויפשטאַנד, און זיין מאַכט און איינפלוס זיינען וואָס ווייטער, אַלץ מער געוואַקסן.

אין דער רוימישער מלוכה האָט אין יענע צייטן זיך זייער לאַנג געצויגן אַ בירגער־קריג. פאַרשיידענע גרויסע גענעראַלן האָבן געזוכט צו פאַרכאַפּן די מאַכט און ווערן די הערשער איבער דער וועלט־אימפּעריע. אַלע פּראָווינצן פון דער מלוכה האָבן אַ סך געליטן פון די דאָזיקע מהומות, און אויך אין ארץ־ישראל איז דעמאָלט געווען זייער טומלדיק.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט אויסגעבראָכן אַ קריג

צווישן די צוויי גרעסטע רוימישע גענעראלן פּאָמפּעאוס און יוליוס צעזאַר. יעדערער פון זיי ביידן האָט געהאַט אַ שטאַרקע אַרמיי און האָט געזוכט צו ווערן דער הערשער איבער דער מלוכה. הורקנוס און אַנטיפּאַטער האָבן געהאַלטן מיט פּאָמפּעאוס׳ן. האָט צעזאַר געגעבן אַ חיל אַריסטאָבול׳ן מיט זיינע זין און האָט זיי געשיקט איינגעמען ארץ־ישראל. אָבער פּאָמפּעאוס׳עס אַנהייגער האָבן פאַר׳סם׳ט אַריסטאָבול׳ן אין רוים און געטויט אַלעקסאַנדער׳ן אין דמשק.

געזיגט האָט צעזאַר. אָבער אַנטיפּאַטער האָט פאַרשטאַנען אַריבערצוגיין אין דעם פּאַסיקן מאָמענט אויף צעזאַר׳ס זייט. הורקנוס און אַנטיפּאַטער האָבן אַ סך אַרויסגעהאָלפן צעזאַר׳ן אין זיין מלחמה קעגן עגיפּטן. צעזאַר האָט דערפאַר באַשטעטיקט הורקנוס׳ן פאַר כוהן־גדול און פירשט, און אַנטיפּאַטער׳ן האָט ער באַשטימט פאַר דעם פאַרוואַלטער איבער גאַנץ ארץ־ישראל. הורקנוס איז אָבער געווען אַ פירשט נאָר לויט׳ן נאָמען. דער אמת׳ער באַלעבאָס אין לאַנד איז געווען אַנטיפּאַטער.

אַנטיפּאַטער האָט באַשטימט זיינע צוויי זין, הורדוס׳ן און פּאַזאַעל׳ן פאַר די גובערנאַטאָרן פון לאַנד. פּאַזאַעל׳ן פאַר׳ן גובערנאַטאָר פון ירושלים און דעם דרום־טייל פון לאַנד, און הורדוס׳ן פאַר׳ן גובערנאַטאָר פון גליל.

אַנטיפּאַטער און זיינע זין האָבן געדריקט דאָס פאָלק. אידן האָבן זיי רעריבער פיינט געהאַט און זיינען געווען פאַרביטערט קעגן זיי. דאָס לאַנד איז דערפאַר געווען שטענדיק אויפגערודערט. אויפשטאַנדן פלעגן כסדר אויסברעכן, און אַנטיפּאַטער און זיינע זין פלעגן זיי אונטערדריקן מיט אַ מערדערישער האַנט.

אַזאַ אויפשטאַנד קעגן דער הערשאַפט פון רוים האָט אויך אויסגעבראָכן אין גליל. איר אָנפירער איז געווען איינער מיט׳ן נאָמען חזקיה. הורדוס האָט אים און אַ סך אָנהייגער זיינע געכאַפּט און גאָר אָן אַ משפט געלאָזט טויטן. אין ירושלים

איז מען געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן דעם דאָזיקן מאָרד, און הורקנוס האָט געמוזט נאָכגעבן און רופן הורדוס'ן צו אַ משפט פאַר דעם סנהדרין. (דעם אידישן סענאַט, וואָס האָט פריער געטראָגן דעם נאָמען גערוזיא, האָט מען פון די רוימישע צייטן אָן גערופן סנהדרין).

אָבער הורדוס איז געקומען ניט ווי אַ באַשולדיקטער, נאָר אָנגעטאָן אין אַ פּורפּורמאַנטל און אָנגעגורט מיט אַ שווערד. די מיטגלידער פון סנהדרין האָבן זיך פאַר אים דערשראָקן. בלויז איינער פון זיי האָט זיך דערוועגט אים שאַרף אָנצוקלאָגן. דערווייל אָבער האָט הורקנוס באַקומען אַ באַפעל פון דעם רוימישן פאַרוואַלטער איבער סיריע פריי צו לאָזן הורדוס'ן. הורקנוס האָט דעריבער אָפּגעלייגט די זיצונג אויף מאָרגן און האָט געגעבן הורדוס'ן אַ געלעגנהייט צו אַנטלויפן.

דערווייל איז צעזאַר דערמאָרדעט געוואָרן אין רוים פון אַ גרופּע סענאַטאָרן, וועלכע האָבן געוואָלט איינהאַלטן די מאַכט פון דעם אַריסטאָקראַטישן סענאַט קעגן דער הערשאַפט פון איין מענטשן. איינער פון די מערדער, קאַסיוס, איז געקומען קיין סיריע און האָט דאָרטן געזאַמלט אַ גרויסן חיל מלחמה צו האַלטן קעגן צעזאַר'ס אָנהייגער. אַנטיפּאַטער און הורדוס האָבן געהאָלפן קאַסיוס'ן אַרויספּרעסן פון אידן זיבן הונדערט טאַלענטן זילבער אויפצוהאַלטן זיין חיל. טויזנטער אידן, וואָס האָבן ניט געקאָנט צאָלן אַזעלכע הויכע ציינזן, זיינען פאַרקויפט געוואָרן פאַר קנעכט.

אידן זיינען געוואָרן זייער פאַרביטערט קעגן אַנטיפּאַ־טער'ן, און אין הורקנוס'עס הויף האָט מען געמאַכט אַ פאַר־שווערונג קעגן אים. אַנטיפּאַטער איז בײַ אַ מאָלצייט פאַר־סמ'ט געוואָרן. אָבער געהאָלפן האָט דאָס ניט. זיינע זין זיינען אָלץ געבליבן די הערשער איבער'ן לאַנד.

אין דער דאָזיקער צייט איז אַנטיגאָנוס, דער לעצטער גע־בליבענער זון פון אַריסטאָבול'ן, אַריינגעפאַלן מיט אַ חיל אין גליל. אָבער הורדוס האָט אים צעשלאָגן און ער האָט באַקומען

דורך דעם מער אַנזען באַם פאָלק. אפילו הורקנוס אליין האָט אים עפנטלאַך אַרויסגעוויזן פריינדשאַפט. ער האָט פאַר׳קנס׳ט פאַר אים זיין אייניקל מרים (מרים׳ס מוטער איז געווען אַלעק־סאַנדראַ, אַ טאָכטער פון הורקנוס׳ן, און איר פאָטער איז גע־ווען אַלעקסאַנדער, דער זון פון אַריסטאָבול׳ן). אַף אַזאַ אופן איז הורדוס אַזוי ווי אַריין אין דער אַלטער קיניגלאַכער פאַמי־ליע חשמונאים.

## 3.

## די קורצע הערשאַפט פון אַנטיגאַנוס׳ן.

אַף אַ קורצע צייט האָט אַנטיגאָנוס׳ן דאָך אָפּגעגליקט צו דערגרייכן זיין ציל. די פּאַרטיער, אַ שטאַרק און קריגעריש פאָלק, וואָס האָט געהערשט איבער דער אַמאָליקער פּערסישער מלוכה, האָבן דעמאָלט זיך אַריינגעריסן אין סיריע. מיט זייער הילף האָט אַנטיגאַנוס איינגענומען ירושלים און איז געוואָרן כוהן-גדול און קיניג.

אָבער הורדוס׳ן האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן קיין רוים. דאָרטן זיינען געווען אַנטאָניוס און אָקטאַוו, צעזאַר׳ס יורשים, וואָס האָבן צעשלאָגן זיינע מערדער און באַקומען די הערשאַפט איבער דער רוימישער אימפּעריע. הורדוס האָט זייער אויסגענומען באַ זיי, און אַף זייער וואָרט האָט דער רוימישער סענאַט אים באַשטימט פאַר קיניג איבער גאַנץ ארץ-ישראל.

דריי יאָר האָט אַנטיגאַנוס געטראָגן די קיניגלאַכע קרוין פון די חשמונאים (פון דעם יאָר 40 ביז 37 פאַר קר.). ביז הורדוס האָט מיט דער הילף פון רוימישע סאָלדאַטן איינגע־נומען ירושלים. די רוימער האָבן דעם לעצטן קיניג פון די חשמונאים געלאָזט אָראָפּהאַקן דעם קאָפּ, און הורדוס, וועל־כער איז דעמאָלט שוין געווען פאַרהייראַט מיט מרים׳ען, איז אין נאָמען און מיט דער אונטערשטיצונג פון רוים געוואָרן קיניג איבער ארץ-ישראל.

## 4.

# הורדוס'עס רעגירונג (37—4 פאר קר.).

הורדוס האט רעגירט א לאנגע צייט און האט ארויסגעוויזן גרויסע פייאיקייטן אלס הערשער. ער איז געווען א גרויסער דיפלאמאט, א גרויסער מיליטערישער פירער און א גרויסער אדמיניסטראטאר. דאך אבער האבן אידן אים ניט אפגעשאצט פאר די דאזיקע מעלות זיינע, ווייל ער איז געווען מער געטריי די רוימער, ווי די אידן. דערצו האט ער זיך ניט אפגעשטעלט פאר קיין אכזריות, פאר קיין בלוטפארגיסונג, ווען זיין הערשאפט איז געשטאנען אין געפאר.

הורדוס האט פיל אויפגעטאן צו פארבעסערן די מאטעריעלע לאגע פון אידן. איבערהויפט האט ער געזוכט צו אנטוויקלען דעם האנדל אין לאנד. צוליב דעם דאזיקן צוועק האט ער געלאזט אויסבויען באם מיטעללענדישן ים א שטאט מיט א קינסטלאכן האפן. די שטאט האט ער א נאמען געגעבן צעזארעא (נאך צעזאר אויגוסטוס). אויך א סך אנדערע שטעט האט הורדוס געבויט אין ארץ-ישראל.

כדי זיך צו מאכן באליבט באם פאלק, האט ער אראפגעווארפן דעם אלטן בית-המקדש, וואס זרובבל האט געבויט, און געלאזט אויפבויען א נייעם, פראכטיקן בנין. אז ס'איז געווען איינמאל א הונגער אין לאנד, האט הורדוס פארקויפט די מעבל פון זיין הויז און געקויפט תבואה אין עגיפטן פאר די הונגעריקע אידן. לפנים האט ער זיך אויך אויפגעפירט אין ירושלים ווי א פרומער איד, כדי ניט אויפצורייצן די פרומע קעגן זיך.

און דאך האט דאס פאלק אים פיינט געהאט. מ'האט געקוקט אף אים, ווי אף א פרעמדן, וואס האט קיין רעכט ניט צו קיניגן אין ירושלים. הורדוס האט אויך שרעקלאך געדריקט דאס פאלק מיט שווערע שטייערן.

דאס פאלק האט דערפאר געווארט אף א געלעגנהייט זיך

אויפצוהויבן קעגן אים און קעגן די רוימער. וואָס אין זייער נאָמען האָט ער געהערשט.

הורדוס האָט עס געוואוסט און ער האָט מיט אַ בלוטיקער האַנט אונטערגעדריקט יעדן סימן פון אומצופרידנקייט. דאָס גאַנצע לאַנד האָט ער געהאַלטן פול מיט שפּיאָנען. יעדער פאַרזאַמלונג איז געווען פאַרבאָטן. אַף די גאַסן פון ירושלים האָט מען ניט געטאָרט שטיין אין אַ געזעמל און שמועסן. איז אַף עמיצן געפאַלן עפּעס אַ פאַרדאַכט, איז ער מער ניט געווען זיכער מיט זיין לעבן.

אפילו זיינע נאָענטסטע און טייערסטע האָט הורדוס מיט אַ בלוטיקער האַנט אָפּגעראַמט פון וועג, ווען ער האָט זיי חושד געווען, אַז זיי זיינען אומגעטריי און ווילן אים פאַרראַטן.

אין די ערשטע יאָרן פון זיין רעגירונג האָט הורדוס אומגעבראַכט די גאַנצע פאַמיליע פון די חשמונאים און אַ סך אָנהייגגער זייערע.

דער ערשטער קרבן איז געווען אריסטאָבול, מרים׳ס יונגער ברודער. הורדוס האָט אים באַשטימט פאַר אַ כוהן-גדול, און ווען ער האָט געזען, אַז דאָס פאָלק האָט אים זייער ליב און ער קאָן ווערן זיינער אַ שטאַרקער קאָנקורענט, האָט ער אים געלאָזט דערטרינקען. אויך דעם אַלטן הורקנוס׳ן האָט ער געלאָזט טויטן גאָר אָן אַ משפּט. מ׳האָט אים באַשולדיקט, אַז ער, דער אַכציק יעריקער פירשט מאַכט קאָנספּיראַציעס קעגן קיניג.

עס וואָלט דערפאַר גאָר קיין וואונדער ניט געווען, ווען מרים און איר מוטער אַלעקסאַנדראַ וואָלטן פיינט געהאַט הורדוס׳ן. און הורדוס האָט טאַקע איינמאָל געוואָרפן אַ פאַרדאַכט אַף מרים׳ען, אַז זי איז אים פאַלש, און האָט זי געלאָזט פאַר׳משפּט׳ן צום טויט.

אַלעקסאַנדראַ האָט דערנאָך געפּלאַנעוועט אַרויפצוזעצן אַפן טראָן איינעם פון מרים׳ס זין. אָבער הורדוס האָט זיך דערפון דערוואוסט און זי געלאָזט טויטן.

דאָס אַלץ האָט ער געטאָן אין דער ערשטער צייט פון זיין

רעגירונג, און ער האָט געמיינט, אַז איצט האָט ער שוין אָפּגעראַמט אַלע שטרויכלונגען פון זיין וועג. אָבער לאַנג האָט דער פרידן זיך ניט געהאַלטן אין הורדוס׳עס הויז. וואָרים הורדוס האָט געהאַט אַ סך קינדער פון פאַרשיידענע פרויען. און אַז די קינדער זיינען אויסגעוואַקסן, איז דער קיניגלאַכער הויף געוואָרן פול מיט אינטריגעס.

די שענסטע און גרעסטע פון אַלע קינדער זיינען געווען מרים׳ס צוויי זין: אריסטאבול און אַלעקסאַנדער. זיי האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט אין רוים, און אַז זיי זיינען געקומען צוריק קיין ירושלים, האָט דאָס פאָלק זיי זייער ליב געקראָגן, און אויך הורדוס האָט זיי באַטראַכט פאַר זיינע יורשים.

אָבער הורדוס׳עס שוועסטער האָט אַזוי לאַנג אינטריגירט קעגן זיי, ביז איר האָט זיך איינגעגעבן איינצורעדן הורדוס׳ן, אַז זיי זוכן אים צו טויטן, ווייל זיי ווילן פון אים נקמה נעמען פאַר זייער מוטער׳ס בלוט. אויך הורדוס׳עס עלטסטער זון (פון אַן אַנדער פרוי) אַנטיפּאַטער האָט געהאָלפן אינטריגירן קעגן מרים׳ס קינדער, ווייל ער האָט געוואָלט פּטור ווערן פון זיי.

צוויי מאָל האָט מען געמאַכט שלום צווישן דעם פאָטער מיר די ביידע זין. אָבער צום סוף האָט הורדוס באַקומען אַ דערלויבעניש פון רוימישן קייסער צו שטעלן זיי צום משפּט, און ביידע זיינען זיי פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט.

אַנטיפּאַטער איז איצט געוואָרן דער יורש פון הורדוס׳עס מלוכה. אָבער ער האָט געזוכט צו טויטן דעם פאָטער, איז ער אויך פאַר׳משפּט געוואָרן צום טויט.

הורדוס איז דעמאָלט שוין געווען אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. זיין קראַנקהייט איז וואָס וויטער אַלץ ערגער געוואָרן. צווישן פאָלק האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער קיניג איז שוין געשטאָרבן. האָבן צוויי פרושים אָנגעהעצט זייערע תלמידים צו צעברעכן דעם רוימישן אָדלער, וואָס הורדוס האָט אוועקגעשטעלט איבער דעם הויפּט-טויער פון

בית-המקדש. ליגנדיק אפן טויטן בעט, האָט הורדוס געגעבן א באַפעל צו פאַרברענען די דאָזיקע צוויי פרושים לעבעדי-קערהייט.

הורדוס איז באַלד געשטאָרבן און האָט געלאָזן א צוואה, אַז זיין מלוכה זאָל, מיט דער דערלויבעניש פון דעם קייסער, צעטיילט ווערן צווישן זיינע דריי זין: אַרכעלאוס, אַנטיפּאַס און פיליפּוס. אין דעם אידישן פאָלק האָט הורדוס איבערגעלאָזן זייער א טרויעריקן נאָמען. ער איז געבליבן אין זכרון באַם פאָלק, ווי א קראַנקהאַפּט בלוטדורשטיקער טיראַן, ווי א פרעמדער, וואָס האָט אויסגעראָטן דאָס הויז פון די חשמונאים און האָט מיט דער גרעסטער אכזריות געדריקט דאָס אידישע פאָלק.

## .5
## הורדוס׳עס נאָכפאָלגער.

ווי נאָר הורדוס איז געשטאָרבן, האָט גלייך אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד אין לאַנד. אין ירושלים האָט דאָס פאָלק זיך צעבונטעוועט קעגן אַרכעלאוס׳ן, הורדוס׳עס יורש, און דער אויפשטאַנד איז ערשט אונטערגעדריקט געוואָרן, ווען אַר-כעלאוס האָט געבראַכט א גרויסן חיל פון רייטער און געלאָזט אויס׳הרג׳ענען דריי טויזנט אידן.

ווען אין ירושלים איז שטיל געוואָרן, איז אַרכעלאוס אַוועקגעפאָרן קיין רוים. אָבער באַלד האָבן אויסגעבראָכן אויפשטאַנדן איבער׳ן גאַנצן לאַנד: אין עבר-הירדן, אין גליל און ווידער אַמאָל אין ירושלים. די מרידות זיינען אונטער-געדריקט געוואָרן מיט בלוט און מיט פייער דורך דעם רוימישן פאַרוואַלטער פון סיריע.

דערווייל האָט דער קייסער באַשטעטיקט הורדוס׳עס צוואה, און זיין מלוכה איז צעטיילט געוואָרן. אַרכעלאוס האָט באַקומען א העלפט פון הורדוס׳עס מלוכה, דעם דרום׳דיקן טייל. ער איז געוואָרן דער הערשער פון יהודה, אדום און

שומרון, מיט דעם טיטל פירשט (עטנאַרך). אַנטיפּאַס איז געוואָרן דער הערשער פון גליל און עבר-הירדן, און פיליפּוס — דער הערשער פון דעם צפון-מזרח געגנט פון ארץ-ישראל. אַנטיפּאַס און פיליפּוס האָבן באַקומען דעם טיטל טעטראַרך (עס הייסט אַ קליינער פירשט, אַ הערשער איבער אַ פערטן טייל פון אַ לאַנד).

אַנטיפּאַס און פיליפּוס האָבן זיך געהאַלטן אַ לייַנגערע צייט אַלס הערשער פון זייערע פּראָווינצן. אָבער די הערשאַפט פון אַרכעלאַוס'ן האָט לאַנג ניט געדויערט. וואָרים אַרכעלאַוס האָט פאַרמאָגט אַלע חסרונות פון זיין פאָטער, אָבער ניט זיינע מעלות.

אין צענטן יאָר פון זיין רעגירן איז אַ אידישע דעפּוטאַציע געקומען צום קייסער אין רוים און האָט זיך באַקלאָגט אויף אַר-כעלאַוס'ן, אַז ער איז אַ גרויסער אכזר און פירט זייער שלעכט די מלוכה.

דער קייסער אויגוסטוס האָט אַרכעלאַוס'ן אַראָפּגעזעצט און פאַרשיקט אין ווייטע מקומות. זיין לאַנד איז געשטעלט גע-וואָרן אונטער דער פאַרוואַלטונג פון אַ רוימישן פּראָקוראַטאָר (פאַרוואַלטער, גובערנאַטאָר).

פון דעמאָלט אָן איז דאָס לאַנד יהודה געשטאַנען דירעקט אונטער דער הערשאַפט פון רוים.

## 6.

## די ערשטע פּראָקוראַטאָרן. די קנאים.

באַלד ווי דאָס לאַנד איז געשטעלט געוואָרן אונטער אַ פּראָקוראַטאָר, האָבן אויסגעבראָכן אומרוען; וואָרים דער קייסער האָט געשיקט דעם רוימישן פאַרוואַלטער פון סיריע צו ציילן די אידן און צו שאַצן זייערע פאַרמעגנס, און אידן האָבן דאָס ניט געוואָלט דערלאָזן.

אין יענער צייט פון דעם צענז איז אויפגעקומען די רע-וואָלוציאָנערע פּאַרטיי פון די קנאים (קאַנאַאים, אייפעריקע,

היציקע. מ׳רופט זיי אויך מיט׳ן לאַטייניש נאָמען זעלאָטן). זיי זיינען געשטאַנען נאָענט צו די פּרושים. אָבער די מערסטע פּרושים האָבן ניט געוואָלט, אַז אידן זאָלן זיך שטעלן אַנט־קעגן רוים, ווייל בּאַ זיי איז געווען דער עיקר, אידן זאָלן אָפּהיטן די דינים פון דער תורה. דעמאָלט, האָבן די פּרושים געגלויבט, וועט שוין פון זיך אַליין קומען גאָט׳ס מלוכה, און משיח וועט אויסלייזן אידן פון אַלע זייערע אונטערדריקער. די קנאים אָבער האָבן אַגיטירט פאַר אַן אויפשטאַנד קעגן רוים. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי דינען נאָר גאָט און זיי צאָלן שטייערן נאָר אַף דעם בית־המקדש; אָבער דעם קייסער אָנערקענען זיי ניט און זיי צאָלן קיין שטייערן ניט צו די רוימער. אידן, האָבן די קנאים געזאָגט, מוזן מיט׳ן שווערד אין האַנט זיך באַפרייען פון דער רוימישער הערשאַפט. ערשט דעמאָלט וועט משיח קומען.

דער גרינדער און ערשטער פירער פון דער קנאים־פּאַרטיי איז געווען יהודה הגלילי (יהודה האגלילי, יהודה פון גליל). ער איז געפאַלן טויט אין דעם אויפשטאַנד, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט קעגן רוים אין דער צייט פון דעם צענז. אָבער די פּאַרטיי פון די קנאים איז נאָך זיין טויט נאָך שטאַרקער געוואָרן און האָט באַקומען אַלץ מער און מער אָנהייגער אין פאָלק, באַזונדערס אין די אָרימע קרייזן.

וואָס לייגנער עס האָט זיך געצויגן די הערשאַפט פון די פּראָקוראַטאָרן, אַלץ שווערער איז געוואָרן די רוימישע אונ־טערדריקונג און אַלץ שטאַרקער זיינען געוואָרן די אומרועז. באַזונדערס גרויסע צוזאַמענשטויסן צווישן אידן און רוימער זיינען פאָרגעקומען אונטער דעם פּראָקוראַטאָר פּאָנטיוס פּי־לאַטוס.

דער דאָזיקער פּראָקוראַטאָר איז געווען אַ מענטש מיט זייער אַ האַרטן כאַראַקטער. דערצו האָט ער פיינט געהאַט אידן און געזוכט זיי אָנצוטאָן אַלערליי צרות און נגישות. ער האָט איינמאָל געלאָזט אַריינברענגען אין ירושלים פאָנען פון דער רוימישער אַרמיי מיט דעם קייסער׳ס בילד. אַ גרויסע

מאַסע אידן זיינען באַלד אוועק אין צעזאָרעאַ פאָדערן פון פי־לאַטוס'ן, ער זאָל אוועקנעמען די בילדער פון דער הייליקער שטאָט. פינף טעג נאָכאַנאַנד זיינען די אידן אַזוי געשטאַנען באַ דעם פּאַלאַץ פון'ם פּראָקוראַטאָר און האָבן פּראָטעס־טירט. פּילאַטוס האָט געהייסן זיינע סאָלדאַטן צעטרייבן די אידן מיט שווערדן. אָבער די אידן האָבן אויסגעשטרעקט זייערע העלזער פאַר די סאָלדאַטן און געזאָגט, אַז זיי זיינען גרייט זיך לאָזן טויטן, אַבי זייער הייליקע שטאָט זאָל ניט פאַרשוועכט ווערן. דער טיראַנישער פּראָקוראַטאָר האָט צום סוף נאָכגעגעבן און געהייסן אַרויסטראָגן די פאַנען פון ירושלים.

אָבער דאָס איז ניט געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס פּילאַטוס האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אידן. אַ סך מיאוסע און בלוטיקע מעשים איז ער באַגאַנגען אין ארץ־ישראל, ביז דער רוימישער פאַרוואַלטער פון סיריע האָט אים אַראָפּגע־זעצט און האָט געגעבן אידן פיל הנחות, כדי זיי צו באַרואיקן.

## 7.

## אַגריפּאַ און קאַליגולאַ.

דערווייל איז דער קייסער טיבעריוס געשטאָרבן, און זיין נאָכפאָלגער איז געווען קאַיוס קאַליגולאַ, זיין ברודער'ס אַן אייניקל. קאַליגולאַ איז געווען אַ גוטער פריינט פון הורדוס'עס אייניקל אגריפּאַ (אַ זון פון אריסטאָבול, דער זון פון הורדוס און מרים); און אַז ער איז געוואָרן קייסער, האָט ער געשאָנ־קען אגריפּאַ'ן אַ קרוין און אים געמאַכט פאַר אַ קיניג איבער צפון־מזרח געגנט פון ארץ־ישראל. (אגריפּאַ'ס פעטער פיליפּוס איז אונטער דער צייט געשטאָרבן.) באַלד האָט קאַליגולאַ אַראָפּגעזעצט אַנטיפּאַס'ן און אויך זיין לאַנד אוועקגעגעבן אגריפּאַ'ן.

אָבער הגם קאַליגולאַ איז געווען אַ גוטער פריינט אגריפּאַ'ן, האָבן אידן געליטן פון אים גרויסע צרות. קאַליגולאַ איז געווען אַ ווילדער טיראַן. דערצו האָט ער זיך איינגערעדט,

אַז ער איז נים קיין מענטש, נאָר אַ גאָט. ער איז דערפאַר נים געווען צופרידן, ווי די פריערדיקע רוימישע קיסאָרים, אַז מ'זאָל זיך בוקן צו אים נאָך זיין טויט; ער האָט גע־וואָלט, מ'זאָל צו אים דינען, ווי צו אַ גאָט, נאָך בײַ זיין לעבן.

דעריבער האָט ער געהייסן אַריינשטעלן זיין סטאַטוע אין בית־המקדש און האָט באַפוילן פּעטראָניוס'ן, דעם פאַרוואַלטער פון סיריע, צו גיין מיט אַ גרויסן חיל אויף ירושלים און מיט גוואַלד דורכפירן זיין באַפעל. אַ גרויסע מאַסע אידן זיינען אַרויסגעגאַנגען פון ירושלים אַנטקעגן פּעטראָניוס'ן און זיי האָבן זיך געבעטן, ער זאָל נים אַריינשטעלן קיין געץ אין בית־המקדש. די רייד פון די אידן האָבן געווירקט אויף פּעטראָניוס'ן; ער האָט געשטעלט זיין לעבן אין געפאַר און אָפּגעלייגט דעם קייסער'ס באַפעל.

דערווייל אָבער איז אַגריפּאַ אַוועק אין רוים און האָט גע־פועל'ט בײַ קאַליגולאַ'ן צוריקצוציען זיין גזירה. אין אַ קורצער צייט אַרום איז קאַליגולאַ גע'הרג'עט געוואָרן אין אַ פאַרשווערונג, וואָס מ'האָט געמאַכט קעגן אים, און דער באַפעל איז אינגאַנצן בטל געוואָרן.

אויך אין אַלעקסאַנדריע האָבן אידן דעמאָלט דורכגעלעבט אַ ביטערע צייט. די גריכן און עגיפּטער האָבן געוואָלט אַריינשטעלן קאַליגולאַ'ס בילדער אין די אידישע סינאַגאָגעס. אידן האָבן נים געלאָזן, און די גויים האָבן געמאַכט אַ שרעק־לאַכן פּאָגראָם אויף זיי. זיי האָבן געראַבעוועט און גע'הרג'עט אידן, און דער רוימישער פאַרוואַלטער פון עגיפּטן האָט גע־האַלטן מיט די פּאָגראָם־מאַכער. אידן האָבן געשיקט אַ דע־פּוטאַציע צום קייסער. אָבער די גריכן האָבן אויך געשיקט אַ דעפּוטאַציע, און זיי האָבן בײַם קייסער געוואונען. ערשט נאָך קאַליגולאַ'ס טויט האָט דער נייער קייסער קלוידיוס באַ־שטראָפט די אָנפירער פון פּאָגראָם, און אידן האָבן ווידער גע־קאָנט לעבן רואיק אין אַלעקסאַנדריע.

אַגריפּאַ האָט פיל געהאָלפן קלוידיוס'ן צו ווערן קייסער.

און קלוידיוס האָט אים דערפאַר באַלוינט און געמאַכט פאַר אַ קיניג אויך איבער יהודה.

דריי יאָר האָט אַגריפּא געקיניגט איבער גאַנץ ארץ־ישראל. און די דאָזיקע יאָרן זיינען געבליבן באַ אידן אין זכרון ווי אַ גוטע צייט. וואָרים אַגריפּא איז געווען אַ געטרייער איד און האָט שטענדיק געזוכט די טובה פון זיין פאָלק. אָבער אין דריי יאָר אַרום איז ער פּלוצלונג געשטאָרבן, און אידן האָבן שטאַרק געטרויערט אָף זיין טויט.

אַגריפּא האָט איבערגעלאָזן אַ יונגן זון פון זיבעצן יאָר, וואָס האָט אויך געהייסן אַגריפּא. אַגריפּא דער צווייטער איז נאָך געווען צו יונג צו קיניגן איבער אַ גרויסע לאַנד. דער קייסער קלודיוס האָט דערפאַר ווידער געשטעלט ארץ־ישראל אונטער אַ פּראָקוראַטאָר. אַגריפּא דעם צווייטן האָט ער געמאַכט פאַר אַ קיניג איבער'ן צפון־מזרח געגנט און דערצו האָט ער אים געמאַכט פאַר דעם אויבערשטן פאַרוואַלטער איבער דעם בית־המקדש און האָט אים געגעבן דאָס רעכט אָנצושטעלן און אָפּצוזעצן דעם כוהן־גדול.

## דאָס אידישע לעבן אין ארץ־ישראל אין יענער צייט.

1. די פאַרוואַלטונג.
2. די לערער פון דער תורה.
3. די אסיים און אַנדערע טויפער סעקטעס.
4. אידישע פרנסות אין יענע צייטן.

1.

## די פאַרוואַלטונג.

דער פּראָקוראַטאָר האָט געהאַט די אויפגאַבע איינצומאַנען די שטייערן פאַר דער רוימישער רעגירונג. ער איז אויך געווען דער מיליטערישער קאָמאַנדיר אין לאַנד און דער העכסטער ריכטער.

געוואוינט האָט דער פּראָקוראַטאָר אין צעזאַרעאַ. קיין ירושלים פלעגט ער קומען נאָר, ווען ס׳איז נויטיק געווען, באַזונדערס צו די גרויסע יום-טובים, ווען הונדערטער טויזנטער עולה-רגל׳ניקעס פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין דער הייליקער שטאָט, און ס׳איז געווען אַ געפאַר פון אַן אויפשטאַנד.

די אָרדענונג איז אויפגעהאַלטן געוואָרן דורך גאַרניזאָנען, וואָס זיינען געווען פאַרטיילט איבער׳ן גאַנצן לאַנד. אויך אין ירושלים איז געשטאַנען אַן אָפּטיילונג רוימישע סאָלדאַטן.

אידן האָבן געמוזט שווערן טרייקייט צו דעם קייסער. אָבער דינען צו דעם קייסער און זיך בוקן צו אים, ווי צו אַ גאָט, אַזוי ווי אַלע אונטערגעוואָרפענע פעלקער האָבן דעמאָלט געטאָן, דאָס האָט מען פון אידן ניט געפאָדערט. זיי האָבן נאָר מקריב געווען אין בית-המקדש צוויי מאָל אין טאָג אַ קרבן פאַר דעם קייסער.

די רוימישע רעגירונג האָט נאָר געזוכט צו האַלטן אָרדענונג אין לאַנד און איינצומאַנען די שטייערן און אָפּצאָלונגען, וואָס זי האָט אַרויפגעלייגט. אין דער אינערלאַכער אידישער פאַרוואַלטונג האָט זי זיך ניט געמישט. דאָס האָט זי איבערגעגעבן אין אידישע הענט.

דאָס לאַנד איז געווען צעטיילט אין פּראָווינצן. אין יעדער

פּראָווינץ איז געווען אַ קליינער סנהדרין (סאַנהעדרין, סענאַט) וואָס איז באַשטאַנען פון דריי און צוואַנציק מיטגלידער. דער קליינער סנהדרין האָט אָנגעפירט די פאַרוואַלטונג פון דער פּראָווינץ. די צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון לאַנד איז געלעגן אין די הענט פון דעם גרויסן סנהדרין אין ירושלים, וואָס איז באַשטאַנען פון איין-און-זיבעציק מיטגלידער.

דער סנהדרין אין ירושלים איז געווען אויך דער העכסטער געריכט. צו אים האָט מען געקאָנט אַפּעלירן פון די קלענערע געריכטן אין דער פּראָווינץ. נאָר פאַר'משפּט'ן צום טויט האָט דער סנהדרין אַליין קיין מאַכט ניט געהאַט. דערויף איז געווען נויטיק די באַשטעטיקונג פון דעם פּראָקוראַטאָר.

די דעה אין סנהדרין האָבן געהאַט ניט די ברייטע, אָרימע מאַסן פון פאָלק, נאָר די אַריסטאָקראַטיע, די פּריצים פון ירושלים, באַזונדערס די רייכע, אַריסטאָקראַטישע כוהנים, וואָס האָבן שוין געהאַלטן איינמאָל די שטעלע פון אַ כוהן-גדול, אָדער זיי זיינען געווען קאַנדידאַטן אויף דעם. אַן אַריסטאָקראַטישער כוהן האָט געדאַרפט זיין כוהן-גדול אפילו נאָר אַ פּאָר יאָר, איז ער שוין אויפן גאַנצן לעבן געבליבן רייך און מיטן טיטל כוהן-גדול.

פאָרזיצער פון סנהדרין איז געווען דער כוהן-גדול. אים האָט געהערט דאָס רעכט צונויפצורופן דעם סנהדרין, און ער איז דערפאַר געווען דער פאַרוואַלטער פון ירושלים און פון גאַנצן לאַנד יהודה. ער איז אויך געווען דער פאָרשטייער און פאַרוואַלטער פון דעם בית-המקדש, וואָס זיינע הכנסות און הוצאות זיינען געגאַנגען אין מיליאָנען.

די מאַכט פון דעם כוהן-גדול איז אין דער צייט פון די פּראָקוראַטאָרן געווען געוואַלדיק גרויס. כדי אָבער דער כוהן-גדול זאָל ניט ווערן צו מעכטיק, האָט די רוימישע רעגירונג געגעבן דעם קיניג אַגריפּאַ דאָס רעכט אָראָפּצוזעצן איין כוהן-גדול און צו באַשטימען אַ נייעם, ווען ער האָט נאָר געוואָלט. אָבער ניט אַבי וועלכן כוהן האָט מען באַשטימט



אַט אזוי אומגעפער האָט אויסגעזען א כוהן־גדול אין זיינע „בגדי־כהונה“.

פאַר אַ כוהן-גדול. עס זיינען געווען צווישן די כוהנים עטלאַכע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס, וואָס האָבן געגעבן די קאַנדי-דאַטן פאַר דעם דאָזיקן הויכן אַמט.

אָט די רייכע אַריסטאָקראַטישע כוהנים-גדולים האָבן געהאַט אַזאַ העזה, אַז זיי פלעגן אָפט שיקן זייערע קנעכט צו די פּויערים אין די שייערן און אַוועקנעמען מיט גוואַלד „מעשר“ און „תרומה“, דעם טייל פון די לאַנד פּראָדוקטן, וואָס יעדער איד האָט געמוזט געבן אַלס שטייער פאַר די כוהנים און די לויים. די רייכע כוהנים-גדולים פלעגן עס אָפט אַליין צונעמען, און די אָרימע כוהנים פון נידעריקן ראַנג פלעגן ניט האָבן וואָס צו עסן.

די אָרימע אידישע מאַסן אין ארץ-ישראל האָבן דערפאַר געפילט אַ שטאַרקן האַס קעגן זייערע אייגענע אידישע אונ-טערדריקער — די רייכע אידישע אַריסטאָקראַטן, פּונקט ווי קעגן זייערע פרעמדע אונטערדריקער — די רוימישע באַ-אַמטע און סאָלדאַטן.

## 2.

## די לערער פון דער תורה (הלל און שמאי).

די דעה אין דער אינערלאַכער פאַרוואַלטונג האָבן געהאַט די רייכע כוהנים-גדולים. אָבער דעם איינפלוס אַפן פאָלק האָבן געהאַט די לערער פון דער תורה, די „סופרים“ אָדער, ווי מ׳האָט זיי שפּעטער גערופן, די תנאים (טאַנאָאים).

די באַרימטסטע לערער פון דער תורה אין די לעצטע הונדערט יאָר פאַר׳ן חורבן זיינען געווען הלל און שמאי (הילעיל און שאַמאַי). זיי זיינען געווען די פירער פון די פּרושים און די פאָרשטייער און לערער פון די העכסטע אַקאַ-דעמיעס (בתי-מדרש, ישיבות, לערן-הייזער) אין ירושלים.

דעם אינערלאַכן ווען פון דער פאָלקס פּאַרטיי פּרושים האָט בעסער ווי אַלע אויסגעדריקט הלל. ער האָט אויסגעטראָטן נייע

וועגן. זיין איינפלוס אַף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פונ׳ם אידישן פאָלק איז געווען אומגעהויער גרויס.

הלל האָט ניט געזוכט אַזוי שטאַרק אָפּצוצאַמען דאָס אידישע פאָלק פון אַנדערע פעלקער, ווי דאָס האָבן געטאָן אַ סך פּרושים פאַר אים און נאָך אים. ער האָט געקענט פרעמדע שפּראַכן. ער איז געווען אַ רעפאָרמאַטאָר. די געזעצן פון דער תורה, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין אַלטע צייטן פאַר אַ פאָלק פון קליינע ערד־אַרבעטער, האָט הלל זיך געמיט אומצובייטן אַזוי, אַז זיי זאָלן שטימען מיט דער נייערער צייט, ווען בײַ אידן האָבן זיך אַנטוויקלט האַנדל און מלאכה. ער האָט אפילו אויסגעאַרבעט באַשטימטע כללים, לויט וועלכע מ׳דאַרף אויסטייטשן די תורה, כדי אַריינצולייגן אין די אַלטע ווערטער אַ נייעם אינהאַלט.

פון זיינע רעפאָרמען איז מער ווי אַלע באַוואוסט דער פּרוזבול. אַמאָל איז בײַ אידן געווען אַ געזעץ, וואָס האָט געהייסן „שמיטת־כספים“, ס׳הייסט אַז דער שמיטה־יאָר באַפרייט פון חובות. ווען איינער האָט געליען געלט אין משך פון די זעקס יאָר און האָט עס ניט איינגעצאָלט, ביז עס איז אָנגעקומען דער שמיטה־יאָר, איז דער חוב פאַרפאַלן און מ׳טאָר עס בײַ אים מער ניט מאָנען. אין די אַלטע צייטן, ווען אידן זיינען געווען מער ווי אַלץ קליינע פּויערים, איז ניט אָפט אויסגעקומען צו אַנטלייען געלט איינער בײַ דעם אַנדערן, און אַנטליען האָט מען נאָר אין אַ נויט, כדי צופרידנצושטעלן די נויטיקע באַדערפעניש. אין יענע צייטן האָט דער געזעץ וועגן שמיטת־כספים געשטימט מיט׳ן לעבן, געמאַכט לייכטער דעם לעבן. שפּעטער אָבער, בעת בײַ אידן האָט זיך שטאַרקער אַנטוויקלט דער האַנדל און דער געברויך פון געלט, זיינען הלוואות געוואָרן אַן אָפטע זאַך, און געליען געלט האָט מען אָפט ניט אַזוי צו באַפרידיקן די אייגענע באַדערפעניש, ווי צוליב געשעפט, פון וועלכן מ׳האָט געצויגן פּראָפיט. דעמאָלט איז שוין די שמיטת־כספים געוואָרן אַ שטער צום לעבן. מענטשן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן הלוואות, ווייל

זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דער בעל־חוב וועט פאַרציען די אָפּצאָלונג ביז שמיטה, און דערנאָך וועט דאָס געלט אינגאַנצן גיין פאַרלאָרן. בפרט אַז דער וואָס נעמט דאָס געלט, ווייל עס פאַרטאָן אָפּ געשעפט, איז דאָך שוין אָן אים קיין מצוה אויך ניט.

די שמיטת־כספים האָט אָנגעהויבן שטערן דעם האַנדל; האָט הלל געפונען אַן עצה, אַז מ'זאָל יוצא זיין פאַר'ן אַלטן פסוק פון דער תורה און דאָך זאָל מען מעגן אויפמאָנען חובות אויך נאָך דעם שמיטה־יאָר. ערב דעם זיבעטן יאָר טראָגט דער מלוה אריין זיין וועקסל אין געריכט־הויז און שרייבט זיך אונטער, אַז ער האָט איבערגעגעבן זיין חוב צו בית־דין. ס'הייסט, ער אַליין וועט שוין מער דעם חוב ניט מאָנען, ווי אין דער תורה שטייט, אָבער בית־דין וועט עס פאַר אים אויפמאָנען. כדי צו מאַכן אַזאַ מין פרוזבול, דאַרף דער בעל־חוב פאַרמאָגן וועלכע ניט איז אומבאַוועגלאַכע גיטער, ערד, הייזער. ס'הייסט, אַז דער חוב ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ היפּאָטעק (מאָרגיידזש). אָבער דאָס שטיקל ערד איז אין דער אמת'ן ניט געווען קיין גאַראַנטיע פאַר'ן חוב, וואָרום עס איז גענוג געווען דער בעל־חוב זאָל פאַרמאָגן אַזאַ קליין שטיקל ערד, אַף וועלכע עס קען וואַקסן איין קעפּל קרויט. אויב דער בעל־חוב האָט אפילו אַזאַ שטיקל ערד אויך ניט פאַרמאָגט, האָט עס אים דער מלוה געקאָנט שיינקען; ווייל די גאַנצע זאַך פון פרוזבול איז געווען בלויז אַ פאָרמאַליטעט, כדי דער חוב זאָל בלייבן גאַנץ און דער געזעץ פון דער תורה זאָל ניט געבראָכן ווערן.

אין די דינים פון גאָטס־דינסט האָט הלל אויסגעטייטשט אַ סך פסוקים אַזוי, אַז דער כהן־גדול זאָל האָבן וואָס ווייניגער פריווילעגיעס אין פאַרגלייך מיט'ן פשוט'ן עולם. אַ סך מאָל האָט ער אויסגעטייטשט די רעליגיעזע געבאָטן אַזוי, אַז זיי זאָלן זיין גרינגער אָפּצוהיטן, זאָלן זיך ניט לייגן ווי אַ משא אויפ'ן אידן.

איבערהויפּט איז הלל באַוואוסט מיט זיין פערזענלאַכער

מאַראַל און מיט דער מאָראַל, וואָס ער האָט געלערנט אַנדערע. וועגן דעם זיינען געבליבן אַ סך פאָלקס-מעשיות.

הלל האָט זייער ליב געהאַט צו לערנען תורה. אָבער אין בית-מדרש פון שמעיה און אבטליון האָט מען געדאַרפט באַצאָלן דעם שמש פאַר׳ן אַריינגאַנג, און הלל איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן. זיין ברודער, דער רייכער סוחר שבנא, האָט אים געוואָלט אויסהאַלטן, ער זאָל קאָנען זיך אָפּגעבן דער תורה; אָבער הלל האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט און ער האָט פאַרדינט זיין ברויט דורך שווערער טאָג-אַרבעט. און ער פלעגט טאָן אַזוי: אַ העלפט פון זיין פאַרדינסט פלעגט ער אויסגעבן אויף זיינע נויטיגסטע באַדערפענישן. די צווייטע העלפט פלעגט ער אָפּגעבן דעם שמש פון בית-המדרש, ער זאָל אים אַריינלאָזן הערן תורה. געווען אַמאָל אַ טאָג, ווען הלל האָט ניט געקראָגן קיין אַרבעט. ער איז געבליבן הונגעריק; אָבער דער הונגער האָט אים ניט שטאַרק געקימערט. פאַרדראָסן האָט אים נאָר דאָס, וואָס ער וועט היינט באַנאַכט ניט קאָנען אַריין אין בית-מדרש הערן תורה. וואָס האָט ער געטאָן? אויפן פלאַכן דאַך פון בית-מדרש איז געווען אַ פענצטער, איז הלל אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך, צוגעלייגט זיין געזיכט צום פענצטער און געהערט תורה. ער איז אָבער געווען מיד און שוואַך פון הונגער, איז ער אַזוי ליגנדיק אויפן דאַך אַנשלאָפן געוואָרן. באַנאַכט איז געפאַלן אַ שניי און האָט הלל׳ן פאַרשאָטן. פאַרטאָג, בעת עס איז געוואָרן אַביסל ליכטיק, האָט מען באַמערקט אַ פּנים פון אַ מענטשן פון יענער זייט פענצטער אויפן דאַך. מ׳האָט הלל׳ן אַראָפּגענומען, אים אָנגעוואַרימט און געבראַכט צום לעבן. די פירער פון דער ישיבה זיינען געווען אַזוי באַגייסטערט פאַר הלל׳ן, אַז זיי האָבן געזאָגט: צוליב אים מעג מען אפילו אָנוואַרימען וואַסער אום שבת.

ווי די פאָלקס-מעשיות דערציילן, איז הלל געווען זייער אַ פריינטלאַכער און געדולדיקער מענטש, וועלכן מ׳האָט בשום-אופן ניט געקאָנט אַריינברענגען אין כעס. אַמאָל, בעת

הלל איז שוין געווען אַ באַליבטער פירער באַ אידן, איז איין איד געגאַנגען אין געוועט מיט'ן צווייטן אַף 400 זוזים (אַזאַ מטבע), אַז ער וועט אַריינברייגגען הלל'ן אין כעס. פרייטאָג פאַרנאַכט, ווען הלל האָט געוואַשן זיין לייב לכבוד שבת, הערט ער פלוצלונג, ווי איינער קלאַפט אין טיר: ווער איז דאָ הלל? ווער איז דאָ הלל? הלל האָט זיך אַף גיך אָנגעטאָן און איז אַרוים פאַר דער טיר. — וואָס ווילסטו, מיין זון? — איך וויל דיר עפּעס פרעגן. — אדרבא, פרעג. — פאַרוואָס זיינען באַ די מענטשן פון בבל די קעפּ אין דער פאָרמע פון אַ צילינדער? הלל האָט פריינטלאַך געשמייכלט און געענטפערט: שולדיק אין דעם זיינען זייערע נאַרישע הייבאַמען (אַקושאָרינס), וועלכע פאַרשנורעווען צו שטאַרק דעם קאָפּ באַ אַ ניי געבוירענעם קינד... דער פרעגער איז אַוועק און הלל איז צוריק אַריין אין שטוב זיך וואַשן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום ווידער אַ קלאַפּ אין טיר: ווער איז דאָ הלל? ווער איז דאָ הלל? און ווידער האָט זיך הלל אָנגעטאָן, איז אַרוים און האָט פריינטלאַך געענטפערט אַף אַן אומגעלומפּערטע פראַגע. און אַזוי עטלאַכע מאָל נאָכאַנאַנד. דער פרעגער האָט גערעדט גראָב און העזה'דיק, און הלל האָט געענטפערט רואיק און פריינטלאַך. ענדלאַך איז דער פרעגער אין כעס געוואָרן: דו ביסט דאָס דער הלל, פון וועלכן מ'דערציילט אַזוי פיל גוטע זאַכן? אויב אַזוי, זאָלן קיין סך אַזעלכע, ווי דו, ניט זיין באַ אידן... — פאַרוואָס, מיין זון? — ווייל צוליב דיר האָב איך פאַרלאָרן 400 זוזים... הלל האָט נאָך אַלץ געשמייכלט: בעסער דו זאָלסט פאַרלירן פיר מאָל פיר הונדערט, איידער הלל זאָל פאַרלירן די געדולד.

הלל איז געווען זייער גוט צו אָרימע און נויט-באַדערפטיקע. ער האָט ניט געהאַלטן ניט פון אַ צו שטריינגן איינגעהאַלטענעם לעבן, ניט פון צופיל לוקסוס. ער האָט געוואָלט צופרידנשטעלן סאַי דעם גוף, סאַי די נשמה, די באַדערפענישן פון לייב, ווי די באַדערפענישן פון גייסט. מ'דערציילט, אַז אַמאָל גייענדיק פון דער ישיבה, האָט אים אַ תלמיד געפרעגט:

וואו גייסטו, רבי? הלל האָט געענטפערט: איך גיי טאָן א מצוה. — וואָס פאר א מצוה? — וואשן זיך אין באָד. די תלמידים האָבן זיך פאר׳חדוש׳ט: איז דאָס א מצוה? און הלל האָט זיי דערקלערט: מה דאָך פאר די מירמלשטיינערנע סטאַ־טועז פון די קייסאָרים, וואָס שטייען אין די צירקן און טעאַ־טערס, האלט מען באזונדערע דינער, וואָס זאָלן זיי אלע טאָג וואשן און פוצן — מיין קערפער, וואָס איז באשאפן געוואָרן אין פורעם פון גאָט, דארף מען דאָך אודאי וואשן און ריין האלטן. אַן אַנדערם מאָל, ווען הלל האָט זיך געזעגנט פון דער ישיבה אהיים, האָבן אים די תלמידים געפרעגט: רבי, וואוהין איילסטו זיך? הלל האָט געענטפערט: איך איל זיך מקבל־פנים צו זיין א גאסט. — ווער איז דער גאסט? — דאָס איז מיין אָרימע נשמה, וועלכע איז היינט אין מיין גוף און מאָרגן וועט זי ניט זיין...

אָט זיינען אייניקע מאָראל־ווערטלאך, וועלכע ווערן צו־געשריבן הלל׳ן:

האָב ליב שלום און יאָג זיך נאָך שלום, האָב ליב אלע מענטשן, וואָס זיינען באשאפן אין גאָט׳ס פורעם.

אויב איך אליין וועל פאר זיך ניט טאָן, ווער וועט טאָן פאר מיר? און אויב איך וועל טאָן נאָר פאר זיך אליין — וואָס בין איך? און אויב ניט איצט — טאָ ווען?

טייל זיך ניט אָפּ פון כלל; זיי ניט זיכער אין זיך ביז דעם טאָג פון דיין טויט, און משפט ניט דיין חבר, ביז דו וועסט זיך ניט געפינען אין זיין לאַגע.

דו זאָלסט ניט קומען א נאַקעטער צווישן אָנגעטאָנענע און אַן אָנגעטאָנענער צווישן נאַקעטע; שטיי ניט צווישן די, וואָס זיצן, און זיץ ניט צווישן די, וואָס שטייען; זיי ניט קיין לאַכנדיקער צווישן די, וואָס וויינען, און קיין וויינענדיקער צווישן די, וואָס לאַכן.

הלל האָט געלעבט און געווירקט אין דער צייט פון הורדוס׳ן. אָבער מיר ווייסן גאָר ניט וועגן זיין באציאונג צו

די פּאָליטישע געשעהענישן פון יענער אומרואיקער צייט. מיר ווייסן נאָר, אַז ער איז געווען אַ גרויסער געגנער פון גוואַלד-טאָטן. מ׳דערציילט, אַז אַמאָל האָט ער געזען, ווי אַ טויטער קאָפּ איז געשוואומען איבער׳ן וואַסער; האָט ער געזאָגט: דערפאַר, וואָס דו האָסט דערטרונקען אַנדערע, האָט מען דיך דערטרונקען; און דער סוף פון די, וואָס האָבן דיך דערטרונקען, וועט זיין, אַז מ׳וועט זיי אויך דערטרינקען.

אָבער צו דער העכסטער מדרגה פון מאָראַל האָט הלל דערגרייכט אין דער באַוואוסטער מעשה מיט׳ן גר. אַ געצנ-דינער, וועלכער האָט זיך געוואָלט מגיר זיין, איז געקומען צו שמאי און האָט אים געזאָגט: לערן מיר אויס די גאַנצע תורה אין דער צייט, וואָס איך קאָן שטיין אויף איין פוס. שמאי האָט אים אָפּגעשטויסן מיט׳ן שטעקן, וואָס אין זיין האַנט. איז דער געצנדינער געקומען צו הלל׳ן און האָט בא אים אויך געבעטן דאָס זעלבע. און הלל האָט געענטפערט: זאָלסט ליב האָבן דיין חבר, ווי זיך אַליין, דאָס איז דער טייטש: וואָס דיר איז ניט אַנגענעם, זאָלסטו צו דיין חבר ניט טאָן. דאָס איז דער עיקר פון דער תורה. דאָס איבעריקע איז נאָר אַ פּירוש, גיי לערן עס.

שמאי איז אויך געווען אַ פירער פון די פּרושים. אָבער אין רעליגיעזע זאַכן האָט ער דאָס רוב געזוכט ניט צו פאַר-גרינגערן דעם יאָך פון די מצוות, נאָר צו מאַכן אים שווערער. כמעט אומעטום, וואו הלל איז געווען אַ מקיל, איז שמאי געווען אַ מחמיר. שמאי איז געווען אַ הייסער אידישער נאַציאָנאַליסט. ער האָט געזוכט איינצופירן אַזעלכע דינים, וואָס זאָלן דערווייטערן אידן פון די אַנדערע פעלקער. פון דער אויבנגעבראַכטער מעשה מיט׳ן גר און פון ענלאַכע מעשיות מיט אַנדערע גרים איז צו זען, אַז שמאי איז געווען אַ פּונקטאַנאָר; די ווערטער פון דער תורה זיינען בא אים געווען ניט ווייניקער וויכטיק, ווי איר גייסט און מאָראַל. מ׳דערציילט, אַז אַמאָל האָבן זיך עטלאַכע גרים צוזאַמענגע-טראָפן און זיי האָבן גערעדט צווישן זיך: „שמאי׳ס שטריינג-

קייט האָט אונז דערוויטערט, און הלל'ס פריינטלאַכקייט האָט אונז אַריינגעבראַכט אונטער גאָט'ס פליגלען"... מעגלאַך, אַז שמאי איז בכלל געווען קעגן גרים, וויל ער האָט געהאַלטן, אַז זיי טראָגן אַריין אין אידישן פאָלק אַ פרעמדן, שעדלאַכן גייסט. אין דער צייט פון הורדוס'ן, וועלכער האָט געשטאַמט פון די אדומים, וואָס דער אַלטער יוחנן הורקנוס האָט זיי געצוואונגען צו ווערן אידן, איז אַזאַ ווידערווילן קעגן גרים געווען פאַרשטענדלאַך; צווישן די אידישע תנאים זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט, אַז וואָס מער געצנדינער זאָלן אָננעמען די אידישע אמונה. אַזעלכער איז מסתמא געווען אויך הלל. געווען אָבער אַנדערע תנאים, וואָס האָבן געזאָגט: די גרים זיינען שווער פאַר אידן, ווי אַ געפערלאַכע געשוויר... צו די דאָזיקע געגנער פון גרים האָט מסתמא געהערט אויך שמאי.

שמאי האָט פאַרמאָגט אַ סך מוט. ער איז אָבער געווען אַ צערייצטער פאַנאַטיקער. און מערקווירדיק איז וואָס גראָד אים שרייבט מען צו אַ שפּריכוואָרט פון אַ פאַרקערטן כאַראַקטער. „רייד ווייניק און טו אַ סך און נעם אויף יעדן מענטשן מיט אַ פריינטלאַכן פנים".

די תלמידים פון הלל און שמאי האָבן זיך צעטיילט אַף צוויי ריכטונגען: בית-הלל און בית-שמאי, וועלכע האָבן לאַנג געשטריטן מיט אַנאַנדער. בכלל האָבן אידן מער ווי אַלע אָנגענומען די מיינונגען פון בית-הלל. אָבער אין דער צייט פון די מלחמות קעגן די רוימער, ווען שמאי'ס תלמידים זיינען געווען אין לאַגער פון די קנאים און באַם פאָלק איז געווען אַ פאַרשאַרפטע נאַציאָנאַליסטישע שטימונג, האָבן די אָנהייגער פון בית-שמאי אין סנהדרין אָפט געצוואונגען אָנהייגער פון בית-הלל מיט'ן שווערד, מ'זאָל אָננעמען זייערע דינים, וואָס צאַמען אָפּ אידן פון די אַרומיקע פעלקער. נאָכ'ן חורבן הערן מיר מער נישט פון דער מחלוקת צווישן בית-שמאי און בית-הלל. אַ סך אָנהייגער פון בית-שמאי זיינען געפאַלן אין קריג. דער גייסטיקער פירער פון אידן איז גע-

וואָרן יוחנן בן זכאי, הלל׳ס אינגסטער תלמיד. בית-הלל האָט געזיגט. אָבער אין משך פון דער ווייטערדיקער אידישער געשיכטע באַגעגענען מיר ניט איינמאָל אין אַנדערע פאָרמען די זעלביקע מחלוקת.

3.

## די עסייער (אסיים) און די אַנדערע טויפער-סעקטעס.

געווען אין יענע צייטן אַזעלכע אידן, וואָס האָבן ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט קיין פּאַרטייען און מיט קיין פּאָליטיק. זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער וועלט און געפירט אַ שטריינג פרומען לעבן אין סעקטעס. בײַ די דאָזיקע סעקטעס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע די טבילה. זיי האָבן געגלויבט, אַז מיט׳ן טובל׳ען דעם קערפּער קריגט מען אויך אַ נייע, ריינע נשמה.

אַזאַ סעקטע פון טויפער זיינען געווען די עסייער. דאָס איז געווען אַ פרומער אָרדן, וואָס האָט געפירט אַ קאָמוניסטיש לעבן.

די צאָל פון די עסייער האָט באַטראָפן אַרום פיר טויזנט. געלעבט האָבן זיי נאָר אין ארץ-ישראל. אין אָנהויב האָבן זיי געוואוינט נאָר אין דערפער, און זיי האָבן געזוכט אויסצומיידן די שטעט. שפּעטער אָבער האָט מען געקאָנט געפינען עסייער כמעט אין יעדער שטאָט אין ארץ-ישראל. דער הויפּט-פּלאַץ זייערער איז געווען אין דער וויסטעניש פון יהודה בײַם „ים-המלח“. אָבער אין יעדן אָרט, וואו ס׳האָט זיך געפונען זייערע אַ קאָלאָניע, זיינען געווען אָנגעשטעלט באַזונדערע באַאַמטע אויפצונעמען דורכרייזנדע מיטגלידער פון דעם אָרדן און זיי פאַרזאָרגן מיט אַלע נויטיקע באַדערפעניש. אין ירושלים איז אפילו געווען אַ טויער, וואָס האָט געהייסן „דער טויער פון די עסייער“.

געלעבט האָבן די עסייער אינאיינעם, אין שותפות (קאָ-

מוניסטיש). זיי האָבן דעריבער ניט געוואוינט אין באַזונ־דערע, פּריוואַטע וואוינונגען, נאָר אין גרויסע הייזער, וואָס האָבן געהערט צו דעם אָרדן. דאָס גאַנצע לעבן פון די עסייער איז געווען שטריינג און איינהייטלאך אָרגאַניזירט, און יעדער מיטגליד האָט געמוזט טאָן דאָס, וואָס מ׳האָט אים אָנגעוויזן צו טאָן. וואָרים עס זיינען געווען אויפזעער, פאַרוואַלטער, וואָס מ׳האָט אויסגעקליבן, און אַלע האָבן זיי געמוזט פאָלגן.

אַריינטרעטן אין אָרדן פון די עסייער און ווערן בא זיי אַ פול־באַרעכטיקטער מיטגליד, איז ניט געווען קיין לייכטע זאַך. ניט יעדן איינעם, וואָס האָט זיך אָנגעבאָטן, האָט מען אַריינגענומען און גלייך געמאַכט פאַר אַ מיטגליד. האָט איינער געוואָלט אַריין צו זיי, האָט מען אים צוערשט געגעבן דריי זאַכן: אַ רידל, אַ פאַרטוך און אַ ווייסן ראָק. אָבער קיין מיטגליד איז ער דערמיט נאָך ניט געוואָרן. מ׳האָט אים איצט געהייסן לעבן אַ גאַנצן יאָר אַזוי שטריינג און איינ־געהאַלטן, ווי אַן עסייער. און אויב ער האָט אויסגעהאַלטן די פּראָבע, האָט מען אים שוין נאָענטער צוגעלאָזן און מ׳האָט אים דערלויבט צו נעמען אָנטייל אין די וואַשונגען און טבילות פון דעם אָרדן. אָבער ער איז נאָך אַלץ ניט געוואָרן קיין פולשטענדיקער מיטגליד. ער האָט איצט צוויי יאָר נאָכאַנאַנד געמוזט באַווייזן מיט זיין טעמפּעראַמענט און כאַ־ראַקטער, אַז ער איז פּאַסיק צו זיין אַן עסייער. ערשט ווען ער האָט אויסגעהאַלטן די פּראָבע גאַנצע דריי יאָר, האָבן די עסייער אים אַריינגענומען אין זייער געזעלשאַפט.

אָבער פריער האָט מען אים געגעבן אַ שטריינגע שבועה: ער האָט געמוזט שווערן —

אַז ער וועט זיין פרום צו גאָט און אָפּהיטן גערעכטיקייט צו מענטשן;

אַז ער וועט קיינמאָל ניט באַגיין קיין גוואַלדטאַט קעגן קיינעם, ניט מיט זיין אייגענעם ווילן און ניט ווען אַנדערע וועלן אים הייסן;

אַז ער וועט אַלע מאָל זיין געטריי צו אַלע מענטשן, באַזונדערס צו די, וואָס רעגירן, ווייל קיינער קריגט ניט די דעה אָן גאָט׳ס הילף;

אַז אויב ער גופא וועט ווען עס איז קריגן די הערשאַפט, וועט ער קיינמאָל זי ניט מיסברויכן, וועט ניט זוכן אַריבערצושטייגן און אַריבערצוגלאַנצן מיט זיינע קליידער אָדער מיט אַנדערע זאַכן די, וואָס וועלן זיין אונטערגעוואָרפן אונטער אים;

אַז ער וועט שטענדיק ליב האָבן דעם אמת און וועט מאַכן אַ פאַרוואורף די ליגנער;

אַז ער וועט האַלטן זיינע הענט ריין פון גנבה און זיין נשמה ריין פון אומערלאַבע פאַרדינסטן;

אַז ער וועט זיין אומבאַדינגט אָפנהאַרציק צו די ברידער פון דעם אָרדן;

אַז ער וועט ניט אַנטדעקן צו קיין פרעמדן די פאַרבאָרגענע לערע און איבערצייגונגען פון די עסייער, און וועט ניט אַרויסגעבן צו קיינעם די געהיימע ביכער זייערע און די געהיימע נעמען פון די מלאכים.

נאָכדעם ווי ער האָט געשוואָרן, אַז ער וועט אונטער אַלע אומשטענדן אָפּהיטן אָט די אַלע זאַכן און וועט זיי ניט איבערטרעטן, אפילו אויב מען זאָל אים פאַרפייניקן צום טויט, איז ער געוואָרן אַ פול-באַרעכטיקטער מיטגליד אין דעם אָרדן פון די עסייער.

אַריינגענומען פאַר מיטגלידער האָט מען געוויינלאַך נאָר דערוואַקסענע מענער. דאָך פלעגט מען אָפטמאָל אַריינגעמען אויך קינדער און זיי דערציען און אויסבילדן אין דער לערע פון די עסייער.

די עסייער האָבן אָפטמאָל אַרויסגעוואָרפן אַלטע מיטגלידער, אויב עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען באַגאַנגען אַ גרויסע זינד. אָבער אויך אין אויסשליסן אַ מיטגליד זיינען זיי געווען זייער פאָרזיכטיק. אין דעם געריכט, וואָס האָט

ארויסגעגעבן אזא אורטייל, האָבן געמוזט זיצן ניט ווייניקער, ווי הונדערט ריכטער.

דער שטאַרקסטער באַנד, וואָס האָט געהאַלטן צוזאַמענגעבונדן אַלע מיטגלידער צווישן זיך, איז געווען דער שטרייגער קאָמוניזם, וואָס האָט געהערשט באַ זיי. אַלצדינג, וואָס איינער האָט פאַרמאָגט, איז געווען דאָס שותפות'ע אייגנטום פון אַלעמען, האָט געהערט צום גאַנצן אָרדן.

די הויפּט-באַשעפטיקונג פון די עסייער איז געווען ערד־אַרבעט. דאָך האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן אויך מיט אַנדערע באַשעפטיקונגען. די מיטגלידער פון דעם אָרדן איז נאָר געווען פאַרבאָטן זיך אָפּצוגעבן מיט האַנדל, ווייל דאָס דערוועקט אַ ליידנשאַפט צו געלט. דערצו איז זיי אויך געווען פאַרבאָטן אויסצואַרבעטן לוקסוס-זאַכן און געווער פאַר מלחמה און אין אַלגעמיין מאַכן געגנשטאַנדן און כלים, וואָס ברייגגען שאָדן מענטשן.

ווי מיר זעען, איז באַ די עסייער דער עיקר געווען צו פירן אַ ריינעם לעבן, אָן אומרעכט און אָן זינד. און אַזוי ווי דער הויפּטקוואַל פון אַלע זינד און אַלע עולות איז די יאָגעניש נאָך געלט, נאָך פּראָפיטן, האָבן זיי עס דערפאַר אינגאַנצן אָפּגעשאַפט און געלעבט צוזאַמען אין קאָמונעס.

די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון די עסייער איז דעריבער געווען זייער הויכע מאָראַל. עס זיינען געווען זייער ווייניק רעליגיעזע סעקטעס אויף דער וועלט, וואָס האָבן זיך געקאָנט פאַרגלייכן מיט די עסייער אין דער מאָראַלישער ריינקייט פון לעבן. צוריקגעהאַלטנקייט, איינפאַכקייט און באַדערפניש־לאָזיקייט איז געווען זייער כלל. פון עסן און טרינקען האָבן זיי גענאָסן נאָר אַזוי פיל, וויפיל עס איז נויטיק צו פאַרטרייבן דעם הונגער. באַ די מאָלצייטן איז מען יעדן טאָג געווען צופרידן מיט דייזעלבע שפּייזן. קליידער און שיך האָט מען ערשט אַוועקגעוואָרפן, ווען זיי זיינען שוין געווען אינגאַנצן צעריסן און עס איז געווען אוממעגלאַך זיי צו טראָגן מער.

און אַחוץ דעם האָט מען זיך צוריקגעהאַלטן פון יעדער ליידנ־שאַפט און פון יעדער אויפרעגונג. אַן עסייער האָט קיינמאָל ניט געטאָרט זיך אויפרעגן, אַרויסווייזן בייזקייט און אַריינ־פאַלן אין כעס.

דער בית־המקדש איז באַ זיי געווען הייליק, און זיי האָבן געשיקט פאַר אים מתנות. אָבער קיין בהמות און עופות פאַר קרבנות האָבן זיי ניט געבראַכט. זיי האָבן דעריבער ניט גע־קאָנט נעמען קיין אָנטייל אין די הייליקע צערעמאָניעס פון בית־המקדש.

אויסער זייערע אייגענע מנהגים און פרינציפּן פון מאָראַל, האָבן די עסייער געהאַט אויך זייער אייגענע רעליגיעזע פילאָ־סאָפיע, זייער אייגענע וועלט־באַנעמונג. קיין אַנדער אידי־שע פּאַרטיי און סעקטע האָט ניט געגלויבט אַזוי שטאַרק, ווי די עסייער, אין גאָט'ס השגחה. אַלצדינג אין דער וועלט ווערט פאַראויס באַשטימט פון גאָט, האָבן זיי געגלויבט. אַלץ הייגנגט אָפּ פון מזל, און אַלץ, וואָס פאַסירט, איז שוין געווען באַשערט פון פריער.

ווי האָבן די עסייער פאַרבראַכט די צייט אין זייערע קאָמונעס?

גלייך באַגינען האָבן זיי זיך געווענדט צו דער זון מיט זייערע תפילות, אַזוי ווי זיי וואָלטן איר געבעטן, אַז זי זאָל אויפשיינען. דערנאָך האָבן די אויפזעער אָפּגעלאָזן אַלעמען צו דער טעגלאַכער אַרבעט, אָף וועלכע יעדערער פון זיי איז געווען פייאיק. אַזוי האָבן זיי געאַרבעט ביז אַרום 11 אַזייגער. דערנאָך זיינען זיי זיך ווידער צונויפגעקומען אין אַ באַשטימטן אָרט, האָבן זיך אַרומגעבונדן מיט אַ לייוונטענעם טוך און זיך גע'טובל'ט אין קאַלטע וואַסער. נאָך דער רייניקונג זיינען זיי זיך אַלע צונויפגעקומען אין עס־צימער פון אַ באַזונדערער געביידע און זיך אַוועקגעזעצט רואיק באַ די טישן, ווי אין אַ הייליקטום. דער בעקער און דער קוכער, וואָס זיינען געווען כוהנים, האָבן אַוועקגעלייגט ברויט פאַר אַלעמען און אַוועק־

געשטעלט פאַר יעדן אַ שיסל מיט איין איינציקער שפּייז. פאַר דעם עסן און נאָך דעם עסן האָט דער כּוהן געזאָגט אַ תּפילה. נאָך דעם מאָלצייט איז מען ווידער אַוועקגעגאַנגען אַרבעטן ביז אָוונט. דעמאָלט האָט מען ווידער געגעסן אָפּן זעלביקן שטייגער. אויב עס זיינען געווען געסט פון אַנדערע קאָמונעס, האָבן זיי אויך אָנטייל גענומען אין דעם מאָלצייט.

באַ מאַנכע אַזעלכע סעקטעס איז געווען די וויכטיקסטע זאַך דער גלויבן אין משיח׳ן און אין גאָט׳ס מלוכה, וואָס דאַרף באַלד קומען.

אין דער צייט ווען הורדוס׳עס זין האָבן געהערשט איבער ארץ־ישראל, איז אין עבר־הירדן אויפגעשטאַנען אַ פרומער מאַן מיט׳ן נאָמען יוחנן, וואָס האָט געגרינדעט אַזאַ סעקטע פון טויפער. מ׳האָט אים דערפאַר גערופן יוחנן דער טויפער (המטביל). יוחנן האָט נביאות געזאָגט, אַז באַלד וועט קומען די צייט פון גאָט׳ס מלוכה און דעריבער זאָל מען זיך טובל זיין און אַוועקוואַרפן אַלע זינד. אַ סך אידן זיינען געקומען צו אים זיך טובל זיין און זיינען געוואָרן זיינע אַנהייגער.

איינער פון יוחנן׳ס תלמידים, וואָס איז געקומען צו אים זיך טובל זיין און גרייטן פאַר גאָט׳ס מלוכה, איז געווען אַ איד פון גליל, פון דעם שטעטל נצרת (נאַצאַרעט), מיט׳ן נאָמען ישוע.

הורדוס אַנטיפּאַס, וואָס האָט רעגירט איבער גליל און עבר־הירדן, האָט מורא געהאַט פאַר יוחנן׳ס איינפלוס אָפּן פאָלק; האָט ער אים אַרעסטירט און געלאָזט אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ.

נאָך יוחנן׳ס טויט האָט זיין תלמיד ישוע אָנגעהויבן פּריידיקן, אַז באַלד קומט אָן גאָט׳ס מלוכה. ער איז געווען טעטיק אין דער געגנט פון ים־כּנרת. דאָרטן צווישן די אי־דישע פישער האָט ער געקראָגן אַ געוויסע צאָל תלמידים און אַנהייגער.

ווער ישוע פון נצרת איז געווען און וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, קאָן מען אָף זיכער ניט וויסן, ווייל מ׳האָט

נאָך זיין טויט אויסגעטראַכט וועגן אים אַלערליי וואונדערלאַכע מעשיות. עס ווייזט אָבער אויס, אַז ווען ער איז איינמאָל גע-קומען מיט זיינע תלמידים אַף פּסח קיין ירושלים, איז אים ניט געפעלן געוואָרן די פירונג אין בית-המקדש, ווייל ער האָט ניט געהאַלטן פון קרבנות און אים איז געווען דערווידער דער האַנדל, וואָס איז פאָרגעקומען אין פאָרהויף פון בית-המקדש. האָט ער אַרויסגעטריבן פון דאָרטן די געלט-בייטער און די בהמות-הענדלער און האָט דאָרטן אָנגעהויבן האַלטן רעדעס קעגן די רייכע אַריסטאָקראַטן און קעגן די פרושים, וואָס זיינען געווען פרום ניט אַף זיין שטייגער. ער האָט אויך נביאות געזאָגט, אַז באַלד וועט אָנקומען גאָט'ס מלוכה. דער כוהן-גדול און די רייכע אַריסטאָקראַטן, די פירער פון דעם סנהדרין, האָבן זיך געשראָקן, ער זאָל ניט אַרויסרופן קיין אומרוען אין ירושלים. האָבן זיי אים געלאָזט באַנאַכט אַרעס-טירן און איבערגעבן צום פּראָקוראַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס, אַלס בונטמאַכער קעגן רוים. פּילאַטוס האָט אים פאַר'משפט צום טויט און אום ערב-פּסח אים געלאָזט קרייציקן.

אָבער זיינע תלמידים און אָנהייגנער, וואָס האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט, האָבן זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ער איז געשטאָרבן. עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז ער באַווייזט זיך צו זיי און רעדט צו זיי. און אַט אַזוי האָבן זיי פאַרשפּרייט דעם גלויבן, אַז ישוע איז געווען דער משיח, אַז ער איז דריי טעג נאָך זיין טויט צוריק לעבעדיק געוואָרן, איז אַרויס פון קבר און אַרויף לעבעדיקערהייט אין הימל.

אַט די תלמידים און אָנהייגנער פון ישוע פון נצרת האָבן נאָך זיין טויט זיך אָרגאַניזירט אין אַ סעקטע פון טויפער און האָבן געלעבט אין אַ קאָמונע ענלאַך צו די עסייער. מ'האָט זיי גערופן „נוצרים“, נאָך דער שטאָט נצרת, פון וועלכער ישוע האָט געשטאַמט.

זיי האָבן זיך אָבער ניט באַנוגנט מיט זייער אייגענער געמיינדע. זיי האָבן אַרויסגעשיקט שלוחים צו פאַרשפּרייטן זייער גלויבן אויך אַנדערשוואו. ביסלעכווייז האָבן זיך גע-

גרינדעט אַזעלכע געמיינדעס אין פאַרשיידענע ערטער, אין ארץ־ישראל און אויך אין אַנדערע לענדער.

אין אָנהויב זיינען די דאָזיקע געמיינדעס באַשטאַנען פון אידן. שפּעטער אָבער זיינען צו זיי צוגעשטאַנען אַ סך געצנדינער. מיט דער צייט איז אָט דער גאַנצער גלויבן אַריבער צו די געצנדינער: דעם נאָמען ישוע האָבן זיי איבערגעלייגט אין גריכיש אַף יעזוס. פון ישוע דער משיח איז געוואָרן באַ זיי אין גריכיש יעזוס קריסטוס (משיח, געזאַלבטער, איז אַף גריכיש קריסטוס), און פון אַ מענטשן איז יעזוס געוואָרן באַ זיי אַ גאָט, גאָט׳ס זון. וואָרים די געצנדינער האָבן אַלעמאָל געגלויבט, אַז אַ מענטש קען זיין אַ האַלבער גאָט און אַז גאָט קאָן האָבן קינדער.

ישוע מיט זיינע תלמידים האָבן צוגעזאָגט צו ברענגען די מלוכה פון גאָט, אין וועלכער די אויבערשטע וועלן זיין אונטן און די אונטערשטע אויבן: די קנעכט וועלן זיין גרעסערע יחסנים, ווי זייערע הערן, און די אָרימע העכער פאַר די רייכע. לויט די פאָלק־לעגענדעס האָט ישוע געזאָגט: עס איז לייכטער פאַר אַ קעמל דורכצוגיין דורך דאָס לעכל פון אַ נאָדל, איידער פאַר אַ גביר אַריינצוגיין אין גאָט׳ס מלוכה. ישוע האָט ניט געהאַלטן פון די לומדים און האָט זיך גע׳חבר׳ט מיט עם־הארצים, אפילו מיט אַזעלכע, וועלכע מ׳האָט אין יענער צייט געהאַלטן פאַר זינדער און ניט אָנשטענדיקע מענטשן. דאָס אַלץ האָט פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון די שקלאַפן און אָרימע, און האָט זיי צוגעצויגן צו דער נייער רעליגיע. זיי זיינען געווען אַזוי באַגייסטערט פאַר דער נייער אמונה, אַז די ערשטע צייטן, ווען זי איז נאָך פאַרפאָלגט געוואָרן פון דער רעגירונג, זיינען זיי געווען גרייט איבערצוטראָגן פאַר איר די גרעסטע יסורים, דעם שרעקלאַכסטן טויט.

אַזוי איז פון דעם גלויבן אין ישוע פון נצרת מיט דער צייט געוואָרן אַ נייע רעליגיע, אַ גלויבן אין יעזוס קריסטוס דעם זון פון גאָט. די דאָזיקע רעליגיע האָט אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן זיך אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. איר

מאָראַל איז געבליבן מער אַפן פּאַפּיר. די ווערטער וועגן גלייכ־קייט פאַר אַלעמען אין גאָט'ס מלוכה זיינען אויסגעטייטשט גע־וואָרן אין זין פון גן־עדן אַף יענער וועלט. קריסטנטום איז גע־וואָרן אַן אמונה פון דער מלוכה, פון די שטאַרקע. און ווען פריער איז זי אַליין פאַרפאָלגט געוואָרן, האָט זי שפּעטער מיט פייער און שווערד אָנגעהויבן פאַרפאָלגן אַנדערע.

4.

## אידישע פּרנסות אין יענע צייטן.

דער גרעסטער טייל פון אידן אין ארץ־ישראל זיינען נאָך אַלץ געווען פּויערים. זיי האָבן ליב געהאַט דאָס שטיקל לאַנד, דאָס פעלד און דעם גאָרטן, און עס האָט זיי ניט געצויגן צום לעבן פון הענדלער.

דאָך האָבן אַ סך אידן זיך פאַרנומען אויך מיט פאַר־שיידענע מלאכות און מיט האַנדל. ניט נאָר אין יעדער שטאָט און שטעטל, אפילו אין יעדן גרעסערן דאָרף זיינען איצט געווען בעל־מלאכות. מאַנכע שטעט האָבן זיך אויסגע־צייכנט מיט אַ געווויסן ספּעציעלן האַנטווערק. איין שטאָט, למשל, איז געווען באַוואוסט מיט אירע פאַרבער, אַ צווייטע שטאָט — מיט אירע פישער, אַ דריטע — מיט אירע טעפּער.

אויך דער האַנדל האָט זיך צעוואַקסן אין לאַנד זינט די חשמונאים, ווען אידן האָבן איינגענומען די גריכישע שטעט באַם ברעג ים און זיך אין זיי באַזעצט. אידן האָבן פון דעמאָלט אָן נאָכגעטאָן די גריכן און זיך אויך באַטייליגט אין דעם ים־האַנדל.

אָבער אָנפירן אַ גרויסן האַנדל אַפן ים האָבן אידן ניט געקאָנט, ווייל זיי האָבן ניט פאַרמאָגט קיין גוטן האַפן אין זייער לאַנד. שפּעטער האָט הורדוס אויסגעבויט אין ארץ־ישראל דעם האַפן צעזאַרעאַ. אָבער ער איז געווען קליין פאַר אַ ברייטן האַנדל.

דער האַנדל מיט אַנדערע לענדער איז אָנגעגאַנגען אין

ארץ־ישראל ניט נאָר דורך שיפן אַפן ים. אויך מיט קאַראַ־וואַנען האָט מען אַריין און אַרויסגעפירט אַ סך סחורות. אידן האָבן עקספּאָרטירט וויין, אויל, באַלזאַם און אויך תבואה אַ סך. זיי האָבן אויך אימפּאָרטירט פיל סחורה פון אַלערליי ווייטע לענדער. אין ארץ־ישראל האָט מען דעמאָלט געקראָגן צו קויפן קעמלען און אייזלען פון אַראַביע, פּורפּור און גאָלד פון צור און צירונג פון אַלעקסאַנדריע.

אַ סך מיטגעהאָלפן צו אַנטוויקלען דעם האַנדל אין ארץ־ישראל האָבן די דריי גרויסע יום־טובים: פּסח, שבועות, סוכות. וואָרים אין ירושלים פלעגן אין יענע טעג צוזאַמענקומען אַרום הונדערט טויזנט אידן פון אַלע עקן וועלט. און אַז עס קומען צוזאַמען אַ סך מענטשן אַף איין אָרט, גיט דאָס די סוחרים די בעסטע געלעגנהייט צו פאַרקויפן זייערע סחורות.

געווען דעמאָלט אין ארץ־ישראל אַ קלאַס פון אידן בעלי־מלאכות און אויך אַ קלאַס פון הענדלער, קרעמער און קאַראַ־בעלניקעס, וואָס פלעגן אַרומטראָגן פון דאָרף צו דאָרף, פאַר־שיידענע זאַכן צו פאַרקויפן.

## אַ שפּאַציר דורך ירושלים קורץ פאַר'ן צווייטן חורבן.

קיינמאָל אין איר לאַנגער געשיכטע איז ירושלים ניט געווען אַזוי רייך און שיין און האָט ניט פאַרמאָגט אַזאַ גרויסע באַפעלקערונג, ווי פאַר'ן צווייטן חורבן.

די באַפעלקערונג פון ירושלים אין יענער צייט ווערט געשאַצט אַרום הונדערט טויזנט. אָבער ווי מ'שאַצט, האָבן אין יענע צייטן געלעבט אַרום דריי־פיר מיליאָן אידן צע־שפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט; און אָט פאַר די אַלע אידן איז ירושלים געווען דער מיטלפּונקט, וואָס האָט זיי צוזאַמענגע־האַלטן אין איין גייסטיקן פאָלק. בײַ זיי אַלעמען איז דער גרעסטער וואונטש געווען כאָטש איינמאָל אין לעבן זוכה צו זיין צו שטיין אין די טויערן פון דער הייליקער שטאָט,

זיך בוקן אין פאָרהויף פון בית־המקדש און תפילה טאָן צו גאָט אונטער דער הייליקער מוזיק פון די לויים.

ווען אַ אידישער פויער פון אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף אין ארץ־ישראל איז געקומען אַף יום־טוב קיין ירושלים, אין טומל פון די צענדליקער טויזנטער פרומע עולה־רגל'ניקעס פון אַלע עקן וועלט — האָט זיך אים געדוכט, אַז ער געפינט זיך אין אַ גוואַלדיק גרויסער שטאָט און אַז עפּעס שענערס ווי ירושלים איז גאָר אַף דער וועלט ניטאָ. אַנדערש אָבער האָט זיך גע־פילט אַ איד, וואָס איז געקומען קיין ירושלים פון אַ ריזיקער וועלט שטאָט, פון אַלעקסאַנדריע אין עגיפּטן, אָדער פון אַנט־יוכיע אין סיריע. פאַר אים איז ירושלים געווען אַ שטילע פּראָווינץ־שטאָט, אָן דעם גלאַנץ, אָן די קונסטווערק און אָן די פאַרגעניגנס־פּלעצער פון די גרויסע גוי'אישע שטעט.

אָט, למשל, איז געקומען קיין ירושלים אַ פרומער איד פון דער ווייטער וועלט. לאָמיר זאָגן, אַז ער הייסט מנחם, און ער קומט פון עפעזוס, אַ באַרימטע גרויסע שטאָט אין קליין־אַזיע. ער לעבט דאָרטן מיט זיין משפּחה שוין פון אַ פּאָר דורות. ער איז אַ הענדלער, האָט שוין געזען אַ סך גרויסע שטעט אין קליין־אַזיע און אין סיריע, איז שוין געווען אויך אין אַנטיוכיע, די הויפּטשטאָט פון סיריע, די דריטע שטאָט אין דער וועלט נאָך רוים און אַלעקסאַנדריע.

די ערשטע זאַך, וואָס וואַרפט זיך מנחם'ען אין די אויגן, איז דאָס, וואָס אין אַלע שטעט פון אַזיע, וואו נאָר ער איז געווען, זעט מען אַף יעדן טריט בילדער און סטאַטועס אַלערליי, סטאַטועס פון געטער און געטינס, פון קייסאָרים און העלדן. דאָ אָבער, אין ירושלים, איז ניטאָ קיין שום שפּור פון אַ בילד. וואָרים פאַר אידן איז יעדעס בילד אַ געץ, אַן אָפּגאָט. על־טערע מענטשן דערציילן דאָ נאָך פון דער שרעקלאַכער בהלה אין דער צייט פון דעם קייסער קאַליגולאַ, דעם רשע, ווען עס האָט זיך פאַרוואָלט ניט אַנדערש אַריינשטעלן זיין סטאַ־טוע אין בית־המקדש. זיי דערציילן אויך פון דער מהומה, וואָס איז געוואָרן אין ירושלים, ווען מען האָט אין איין

פרימאָרגן זיך דערוואוסט, אז דער גובערנאַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס האָט געלאָזט זיינע רוימישע סאָלדאַטן אריינמאַר־שירן אין מיטן נאַכט אין שטאָט מיט די פאָנען, אויף וועלכע עס איז געווען דעם קייסער׳ס בילד. אַ שיין ביסל צרות און שרעק האָט מען דאַן דורכגעמאַכט, ביז מען האָט גע׳פּועל׳ט ביי דעם רשע, אַז ער זאָל אַרויסשיקן די בילדער פון דער הייליקער שטאָט.

לאָמיר נאָכגיין מנחם׳ען און באַטראַכטן, ווי אַזוי ער פאַרברענגט די צייט און וואָס ער קריגט צו זען אין ירושלים.

עס איז אַ הייסער זומער פרימאָרגן. עס איז נאָך רעכט טונקל. פאַר דעם ליכט פון פאַקלען עפענען די לוויים די גרויסע טויערן פון בית־המקדש. די כוהנים מאַכן שוין די נויטיקע הכנות און גרייטן צו דעם גרויסן מזבח פאַר דעם טעגלאַכן קרבן פון פרימאָרגן.

דערווייל הויבט די שטאָט אָן זיך צו באַוועגן. אויפן „הר־הזיתים“ עפענען זיך די ביידלעך אונטער די ביימער. די הענדלער פון בהמות און עופות און די געלט־בייטער לויפן האַסטיק צו דעם מאַרק, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון בית־המקדש. די דאָזיקע הענדלער מאַכן גוטע געשעפטן, וואָרים אַ סך רייכע אידן, וואָס קומען קיין ירושלים פון ווייטע לענ־דער, דינגען זיך ניט און באַצאָלן אַ גוטן פרייז פאַר אַ קרבן. אויך די געלט־בייטער פאַרדינען אַ סך אין זייערע געשעפטן. טויזנטער אידן קומען אין בית־המקדש מיט מטבעות, וואָס האָבן אויף זיך דעם קייסער׳ס בילד. די אידן אין ארץ־ישראל האָבן אייגענע געלט אָן אַ בילד. אידן, וואָס קומען מיט טריפ׳ע מטבעות, בייטן זיי אוים אויף כשר׳ע אידישע געלט, כדי צו קענען באַצאָלן דעם האַלבן שקל, וואָס יעטווידער איד מוז צאָלן יערלאַכן שטייער פאַר דעם בית־המקדש.

דער בריק, וואָס פירט צום בית־המקדש, איז געדיכט מיט מענטשן. אָבער ניט אַלע אידן אין ירושלים גייען אין בית־המקדש צו דער תפילה פון שחרית. דאַוונען דאַוונט כמעט

יעדערער. ווארים תפילה טאן איז זייער א גרויסע זאך, א סך גרעסער ווי קרבנות, זאגן די אידישע חכמים. אבער א סך אידן האבן ניט ליב צו גיין דאווענען אין דער וואכן אין פארהויף („עזרה") פון בית-המקדש. עפעס איז דארטן אלץ אריסטאקראטיש. אמת, דער בית-המקדש איז גאט'ס הויז, און בא גאט זיינען אלע גלייך. אבער דאך פילט דארטן דער פשוט'ער איד, גלייך ווי א וואנט וואלט שטיין צווישן אים און גאט. עפעס דוכט זיך אים דארטן, אז דער בית-המקדש געהערט צו די כוהנים; אז ס'איז זייער היילינטום, אז זיי און נאר זיי זיינען גאט'ס פארטרעטער. ווארים צום אמת'ן היילינטום, צו דעם גרויסן מזבח, טאר קיינער, א חוץ א כוהן, זיך ניט צורירן. קומט נאך לכל-הפחות א רייכער איד און ברייננט א סך און רייכע קרבנות און מתנות, איז ער נאך עפעס. אבער וואס פאר א באדייטונג האט אן ארימער פשוט'ער איד אין דעם רייכן, פראכטיקן פארהויף פון בית-המקדש?

דער פשוט'ער איד גייט דעריבער זייער אפט תפילה טאן ניט אין דער „עזרה" פון בית-המקדש, נאר אין דער סינאגאגע (בית-הכנסת, שול). און סינאגאגעס זיינען דא א סך אין ירושלים. די גריכישע אידן, וואס ריידן צווישן זיך גריכיש, האבן זייערע אייגענע סינאגאגעס. אויך מאנכע בעלי-מלאכות האבן זייערע אייגענע סינאגאגעס, ווי, למשל, די קופער-שמידן.

מנחם גייט דאווענען אין דער פרי אין דער סינאגאגע פון די אלעקסאנדרינישע אידן. אפן וועג טרעפט ער צוויי אידן, אנגעטאן אין גריכישע קליידער, פארטיפט אין א שמועס אין א שיינעם גריכיש. זיי גייען אויך אין דער זעלביקער סינאַ-גאגע. ער באקענט זיך מיט זיי, און זיי הויבן אן דערציילן פון די ווייטע לענדער, פון וועלכע זיי קומען, און פון דעם לעבן, וואס אידן פירן דארטן. די אלעקסאנדרינישע אידן דערציילן פון דעם גרויסן פאגראם און די אלע צרות, וואס

אידן אין עגיפּטן האָבן לעצטנס געהאַט אויסצושטיין אונטער דעם משוגענעם קייסער קאַליגולאַ.

אַף דער אַנדער זייט גאַס גייט אַן אויסגעפּוצטע פרוי, קענטיק אַן אַריסטאָקראַטקע, פון די מיוחסים פון ירושלים. זי איז אַ פּלימעניצע פון אַ געוועזענעם כוהן-גדול. זי וויל זיך ניט באַהאַלטן צווישן די אָרימע פרויען הינטער די גראַטעס אין דער סינאַגאָגע. זי גייט בעסער אין פאָרהויף פון די פרויען („עזרת-נשים") אין בית-המקדש. דאָרטן איז אַלצדינג אַזוי שיין, און דאָרטן וועט מען באַמערקן אירע רייכע קליי־דער.

דערווייל איז די זון אויפגעגאַנגען, און ס'איז געקומען די צייט פון „תפילת-שחרית", די צייט, ווען אין בית-המקדש ווערט אָפּגעריכט די צערעמאָניע פון פרימאָרגן-קרבן. אַלע אידן אין ירושלים זאָגן איצט תפילות. אַט דאָ ניט ווייט שטייט אַן אַרבעטער און רייסט פרוכט און דאַוונט מיט כונה, שטייענדיק אַזוי אַפן בוים. אַן אַנדערער, וואָס האַלט אין אַר־בעטן בא שטיינער, לייגט אַוועק זיין האַמער אַף דער הורבע שטיינער און שטעלט זיך אַוועק לייענען „קריאת-שמע".

מנחם איז אַריין אין דער אַלעקסאַנדרינישער סינאַגאָגע. זי שטייט אַפן שפּיץ פון אַ באַרג און איז אַן איינפאַכע, פיר-עקיגע געביידע. אינעווייניק וואַרפט זיך אין די אויגן דער קאַסטן (אָרון), וואו עס ליגן די ספר-תורה'ס און אַנ־דערע הייליקע ספרים. אין מיטן שול איז אויסגעבויט אַ בימה, און אַף דער בימה שטייט אַן עמוד (פּולט) פאַר דעם, וואָס לייענט פאַר און דערקלערט אַ שטיק פון דער תורה. פונקט ווי אין בית-המקדש, אַזוי ברענט דאָ אויך אין שול שטענדיק אַ לאָמפּ, וואָס זיין ליכט גייט קיינמאָל ניט אויס (נר-תמיד). אַף די פאָדערשטע ביינק זיצן די אַלטע לייט, אַף די הינטער־שטע — די אינגערע. מ'לייענט „קריאת-שמע", מ'זאָגט ברכות, קאַפּיטלאַך תהילים. היינט איז דאָנערשטאָג, און איינער פון דעם עולם לייענט פאַר פון חומש, אַ צווייטער פאַר־טייטשט און דערקלערט עס פאַר אַלעמען. שבת דרשנ'ט

דער דרשן וועגן תורה אָדער דעם טייל נביאים, וואָס מ׳לייענט פאָר. היינט אָבער איז אַ וואָכעדיקער טאָג, און נאָכדעם ווי דער עולם זאָגט „אָמן“ נאָך דער לעצטער ברכה, צעגייען זיך אַלע אַהיים.

די שול איז ניט נאָר אַ פּלאַץ אַף דאַוונען און לערנען, זי איז אויך אַ פאָלקס-הויז. דאָ דיסקוטירט מען וועגן אַ דין אין דער תורה, דאָ הערט מען נייעס פון טאָג, און דאָ רעדט מען אַרום פּאָליטישע פראַגן. דער פּשוט׳ער איד פילט זיך דאָ, ווי אין דער היים.

די צייט פון דאַוונען איז אַריבער, און אַפן מאַרק-פּלאַץ פון ירושלים הויבט אָן זיך באַוועגן אַ לעבן, וואָס איז רייך אין פאַרבן. עס איז אַ לאַנגע גאַס. אַף ביידע זייטן שטייען רייעןביידלאַך, קראָמען און טישלאַך. אָט פאַרקויפט איינער פיינע קוכנס, געבאַקן פון דעם ווייץ פון באַרג אפרים. אַביסל ווייטער פאַרקויפט מען פאַרשיידענע סאָרטן פיש, נאָר וואָס געבראַכט פון ים-כנרת. אין יענעם ביידל אַף דער אַנדער זייט גאַס פאַר-קויפט מען אַלערליי פוץ-זאַכן און צירונג. ניט ווייט פון טישל מיט די פיינע קוכנס שטייט אַן אָרימע מיידל מיט שטיק-לאַך האַלץ אָנשטאָט אויררינגלאַך אין אירע אויערן. זי קוקט מיט הונגעריקע אויגן אַף די פיינע קוכנס, זי קריגט עס קיינמאָל ניט צו עסן. איר פאָטער איז אַ משא-טרעגער, איינער פון דער גרויסער מאַסע אָרימע אַרבעטער פון ירושלים.

מנחם גייט אַרום אַפן מאַרק און באַטראַכט דעם פאַר-שיידנפאַרביקן עולם פון קויפער און פאַרקויפער. אָט באַט איינער אָן צום פאַרקויף סיראָפּ פון ווייַנטרויבן. אַ צווייטער באַט אָן עגיפּטישע לינזן. אַ דריטער מאָלט פעפער אין אַ האַנט-מילכל. קיין ליידיקער פּלאַץ באַ די הייזער פון פאָרנט איז ניטאָ; וואָרים אַזאַ שטיקל פּלאַץ ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ וואַרשטאַט. אָט זיצט אַ שניידער אין אַזאַ וואַרשטאַט אַפן גאַס און קניפּט אַריין שיינע פרענז אין אַ טלית. דערביי שטייט אַ וואַפנשמיד און האַמערט אַף דער הענטל

פון אַ שווערד. אַף דער אַנדער זייט גאָס האַלט אַ שוסטער אין צורעכטמאַכן אַ פּאָר הילצערנע שיך פאַר אַ קאַלך־ברענער, וואָרים קאַלך צעברענט לעדערנע שיך.

פון דעם מאַרק נעמען זיך אַראָפּ שטילערע און קילערע געסלאַך, ווי, למשל, דאָס געסל פון די קצבים און דאָס געסל פון די וואָלהענדלער, וואו מ׳בערשט וואָל און מ׳קאַמט פלאַקס אַפן גאַס. אָבער מנחם בלייבט אַפן מאַרק, וואו עס ווערט פון מינוט צו מינוט געדיכטער און טומלדיקער. קויפער, פאַר־קויפער און צוקוקער קומען זיך דאָ אַלץ מער און מער צונויף פון אַלע טויערן פון שטאָדט. מנחם גייט דורך די גאַנצע גאַס און קומט צו צום ענד, צום טויער. דאָ שטייען אַ מאַסע האַ־רעפּאַשניקעס און וואַרטן, מ׳זאָל זיי דינגען אַף אַן אַרבעט. באַם טויער שטייען אויך די כיטרע אייזל־טרייבער און וואַרטן אַף קונדן און מאַכן שאַרפע באַמערקונגען וועגן יעדן, וואָס גייט פאַרביי. אַ פעלדשער שטופּט זיך מיט זיינע עלנבויגנס דורך דעם געדיכטן עולם און רופט אוים: „באַנקעס ביליג געשטעלט. צען פאַר אַ פּרוטה!“

אַרום און אַרום באַמערקט מנחם, אַז ירושלים איז ניט קיין שטאַרק שיינע שטאָט. די הייזער זיינען איינפאַכע, די גאַסן — שמאָלע און אַן אַ ברוק. מ׳זאָגט, אַז באַלד וועט קיניג אַגריפּאַ דער צווייטער לאָזן אויסברוקירן די גאַסן מיט ווייסע שטיינער. די אָרימע אַרבעטער פון ירושלים פרייען זיך שוין: עס וועט זיין אַרבעט פאַר אַלעמען.

אָבער עס זיינען אויך פאַראַן שיינע געביידעס אין ירושלים, געבוים אין גריכישן סטיל, באַזונדערס אין דער אויבערשטער שטאָט. אָט זעען זיך שוין פון וויטן די הויכע טויערן פון הורדוס׳עס פּאַלאַץ, אַ פּראַכטיקע געביידע, נאָך שענער און גלענצענדער, ווי דער בית־המקדש גופא. דאָס איז אַ פּאַלאַץ און צוגלייך אויך אַ ציטאַדעל, אַ פעסטונג: וואָרים עס איז אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן מויער, און אַפן מויער זיינען אויפגעשטעלט טורעמס איבער הונדערט פוס די הויך.

אין דעם דאָזיקן שלאָס געפינען זיך אַלערליי וואוינונגען און באַקוועמלעכקייטן. עס זיינען דאָ פאַראַן צוויי גרויסע זאַלן מיט סאָפעס פאַר הונדערט געסט, בעדער און ברייטע הויפן אויפצושטעלן לאַגערן. אַרום און אַרום ציען זיך ברייטע קאָלאָנאַדעס, אָפענע הויפן, באַוואַקסן מיט גרינס, און וועלדלאַך פון קוסטעס מיט לאַנגע שפּאַציר-וועגן אין מיטן. אַף די קוסטעס שפּריצט עס מיט וואַסער פון מעטאַלענע פאָנטאַנען, און עס שפּרינגען אַף זיי אַרום טויבן. דאָ איז די קוואַרטיר פון דעם רוימישן גובערנאַטאָר, ווען ער קומט אין ירושלים, און דאָ איז אויך די קאַזאַרמע פאַר דעם רוימישן גאַרניזאָן.

א גאַנץ שיינע געביידע איז אויך דער אַלטער פּאַלאַץ פון די חשמונאים. פון צייט צו צייט האַלטן דאָ קוואַרטיר דער קיניג אַגריפּאַ און זיין באַרימטע שוועסטער בערעניקאַ, ווען זיי קומען צוגאַסט אין ירושלים. אגריפּא און בערעניקא לעבן אפילו שטענדיק צווישן די גויים און פירן אין אַלגעמיין אַ גוי'אישן לעבן. דאָך האַלטן זיי זיך פאַר אידישע פּרינצן, און זיי קומען אַף אַ יום-טוב אין ירושלים, לאָזן מקריב זיין אַ סך קרבנות און גיבן רייכע מתנות אַפן בית-המקדש.

אָבער אַזעלכע פּראַכטיקע בנינים, און נאָך פיל שענערע, האָט מנחם געזען אַ סך אין זיין היים, אין עפעזוס.

די היץ ווערט שטאַרקער, און דער גרויסער וואַסער-בעקן בא די בוימער אין מיטן מאַרק-פּלאַץ איז אַרומגערינגלט פון אַ מאַסע מענטשן, יונגע און אַלטע. אַט האָט דאָ אַ יונגערמאַן פון גליל אויסגעשפּרייט אַ שטיק ווייסע לייוונט אַף דר'ערד און אַוועקגעשטעלט אַף דעם אַ גרויסע כלי מיט אויל פון לבנון צו פאַרקויפן. ניט ווייט פון אים שטייט אַ מענטש מיט רויטע און בלויע פעדים דורכגעצויגן דורך איין אויער, און גרינע און געלע פעדים דורכגעצויגן דורך דעם אַנדער אויער. ער איז אַ פאַרבער, און דאָס מאַכט ער אַ רעקלאַמע פאַר זיין אַרבעט. מיט אַמאָל האָט דער עולם זיך צוריקגעצויגן אַף ביידע זייטן גאַס און געמאַכט פּלאַץ פאַר אַ רוימישן אָפיצער פון דעם גאַרניזאָן, וועלכער איז דורכגעריטן אַף אַ פערד.

עס איז מיטאָגצייט. די זון ברענט ווי אַ קאַלך-אויוון. דער געדיכטער עולם צעגייט זיך ביסלעכווייז פון מאַרק. דער בית-המקדש שיינט הויך איבער דער שטאָט, ווי אַ ים פון ליכטיקייט. קוקט מען אין דער הויך אַף די טויערן פון הורדוס'עס פּאַלאַץ, ווערן די אויגן ווי געבלענדט. די גאַסן זיינען כמעט ליידיק. די שטילקייט ווערט נאָר ווײַלעווייז אונטערגעבראָכן פון די פּעדלער, וואָס טראָגן אַרום פּאַרקויפן וואַסער און וויין-עסיק און רופן אוים מיט אַ הויכן קול זייער סחורה. די אַרבעטער און אייזל-טרייבער ליגן אין שאָטן און עסן ברויט איינגעטונקט אין וויין-עסיק. אַנדערע אַר-בעטער לעבן אַף בעסערע קעסט. אָט די אַרבעטער דאָרטן באַ דעם פּאַרבער עסן אַ זופּ פון געבראָטענעם פלייש און שטיקלאַך ציבעלע, און פּאַרטרינקען מיט ביר פון גערשטן. באַ דעם גאָלדשמיד אַפן טיש שטייט אַ קרוג וויין און מ'פּאַר-בייסט נאָכ'ן עסן מיט פּרוכטן.

מנחם איז הונגעריק און דורשטיק. אין דער גאַס פון די וואָל-הענדלער זעט ער, ווי עס שטייען אין דרויסן עטלאַכע גרויסע קרוגן וויין צו יוירן אַף דער זון. אַ סימן, אַז דאָ איז אַן אַכסניא, וואו מ'קריגט עסן און טרינקען. מנחם גייט אַריין, זעצט זיך אַנידער באַ אַ טיש און באַשטעלט אַ קריגל ביר פון טייטלען, און היישעריקן געבאַקן מיט האָניק. דאָס הויז איז פול מיט פּאַרשיידענע מענטשן. מ'הערט דאָ ריידן העברייאיש און גריכיש. אָבער אַם מערסטן רעדט מען דאָ אַראַמיש אין פּאַרשיידענע דיאַלעקטן.

מנחם זיצט אין אַ ווינקעלע, און זיין האַרץ איז פול מיט טרויער און זאָרג פּאַר דער צוקונפט פון ירושלים. ער האָט זיך היינט אַזוי פיל אָנגעהערט וועגן די אומרועז, וואָס וואַקסן און פּאַרשפּרייטן זיך וואָס אַ טאָג אַלץ מער איבער'ן לאַנד. „ירושלים איז אַ פאַס מיט ברענשטאָף, און יעדער פונק, וואָס פאַלט אין איר אַריין, קאָן זי אָנצינדן און מאַכן פון איר אַ באַרג אַש", האָט ער היינט געהערט, ווי אימיצער האָט געזאָגט אַפן מאַרק-פּלאַץ. די פּאַרטיי פון די עקסטרעמע

פיינט פון די רוימער, די „קנאים", קריגט וואָס ווייטער אלץ מער אָנהייבנגער צווישן די פאַראָרימטע פויערים פון גליל און די אָרימע האָרעפּאַשניקעס פון ירושלים. די דאָזיקע „קנאים" זאָגן, אַז מיט'ן שווערד אין האַנט וועלן זיי אַרויסטרייבן פון ארץ-ישראל די רוימער און זייערע פריינט, די אידישע אָרים-טאָקראַטן, און וועלן מאַכן ירושלים פאַר דער הויפּט-שטאָט פון גאָט'ס מלוכה. ניין, דאָס איז אַ פאַלשער וועג, טראַכט מנחם. מיט'ן שווערד און בויגן וועט מען ניט אַראָפּברענגען משיח'ן, ניט אויפשטעלן גאָט'ס הערשאַפט איבער דער וועלט.

און אַ ביטערער געדאַנק עגבערט מנחם'ען אין מוח: וואָס וועט ווערן פון ירושלים, ווען דער פונק וועט אַריינפאַלן און זי אָנצינדן?

# אַ באַזוך אין הורדוס'עס בית-המקדש.

דער בית-המקדש, וועלכן מיר באַזוכן איצט, איז שוין דער דריטער, דער, וואָס קיניג הורדוס האָט געלאָזט אויפבויען. מ'דערציילט, אַז טויזנט וואָגנס האָבן געפירט די מירמל-שטיינער פאַר דעם בית-המקדש; טויזנט פון די בעסטע אַרכיטעקטן זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דער אַרבעט. טויזנט כוהנים האָבן זיך אויסגעלערנט פאַר מוליאַרעס און בויער, כדי צו בויען דאָס הייליקטום, וואו קיין אַנדערער אַחוץ אַ כוהן האָט ניט געטאָרט צוקומען. אינגאַנצן זיינען אַרום צוואַנציק טויזנט מענטשן געווען באַשעפטיקט בא דער אַר-בעט. נאָכדעם ווי דער בית-המקדש איז שוין געווען אויס-געבויט, האָט מען צענדליקער יאָרן נאָך געאַרבעט צו מאַכן זיין שיינקייט פולקאָם. ביז הורדוס'עס בית-המקדש איז גע-ווען אינגאַנצן פאַרטיק מיט אַלע באַפוצונגען, זיינען אַריבער פיר און אַכציק יאָר. דאָס איז געווען פיר יאָר פאַר'ן צווייטן חורבן פון ירושלים. פיר יאָר איז געשטאַנען דער בית-המקדש אַ פאַרענדיקטער; דערנאָך איז ער פאַרברענט געוואָרן דורך דער רוימישער אַרמיי אונטער דער קאָמאַנדע פון טיטוס'ן.

שוין פון ווייטן בלישטשעט דער בית־המקדש פאַר די אויגן און מאַכט אַ וואונדערלאַכן איינדרוק. ער איז געבויט פון דעם טייערסטן מירמל־שטיין, ווייס ווי שניי. פון אויבן איז ער אינגאַנצן באַדעקט מיט דיקע גאָלדענע פּלאַטן. שיינט די זון אויף, וואַרפן די גאָלדענע פּלאַטן אַ פייערדיקן גלאַנץ פון זיך, און עס דוכט זיך, אַז פלאַמען פייער בלישטשען דאָרטן אויף אַ באַרג שניי.

מיר קומען צו צום פּלאַץ פון דעם בית־המקדש, וואָס הייסט „הר־הבית" (דער באַרג פון דעם הויז). דער הייליקער באַרג הויבט זיך אויף אין טעראַסן, פלאַכע בערגלאַך, איינס העכער פון דעם אַנדערן, ווי ריזיגע טרעפּ. דער מזבח איז אויף דער אויבערשטער, העכסטער טעראַסע, און איבער אַלץ שטייט הויך און פּראַכטיק דאָס הייליקע הויז. אין דעם פאָדערשטן טייל פון בית־המקדש מעגן אַריינגיין נאָר כוהנים צו טאָן געוויסע אַרבעט פון דעם הייליקן דינסט; און אין דעם הינטערשטן טייל, אין „קודש־הקדשים" גייט נאָר דער „כוהן־גדול" אַריין איינמאָל אין יאָר, יום־כיפור.

דער גאַנצער פּלאַץ איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט אַ גוואַלדיק־ברייטן מויער. אויף דעם מויער זיינען דאָ הויכע שפּיצן, און אין מיטן שטייען פעסטע טורעמס. פון אַלע פיר זייטן זיינען פאַראַן טויערן, וואָס פירן אינעווייניק אין בית־המקדש אַריין. מיר גייען דורך איינעם פון די טויערן און קומען אַריין אין אַ קאָלאָנאַדע. פיר רייען פון מירמל־שטיינערנע זיילן טראָגן אויף זיך אַ דאַך פון טייערן צעדערהאָלץ. פאַראַן אַ סך אַזעלכע קאָלאָנאַדעס. אָבער די קאָלאָנאַדע, אין וועלכער מיר שטייען, איז די גרעסטע און שענסטע. זי הייסט די „קיניגלאַכע" און פאַרמאָגט 162 מירמל־שטיינערנע זיילן.

מיר גייען אַריין אין אַ צווייטער קאָלאָנאַדע, און מיר זעען צייכנס פון אָפּגעהאַלטענע זיגן: שווערדן, פּאַנצערס, פאָנען, וואָס אידן האָבן אַמאָל מיט פרייד געבראַכט פון

שלאַכט־פעלד פאַר אַן אָנדיינק פון זייער זיג. מיר הויבן אָבער אויף אונזערע אויגן און זעען אַ וואָרנונג ניט צו טראַכטן מער פון מלחמה און נצחון: איבער דעם הויפט־טויער שטייט דער גאָלדענער רוימישער אָדלער אַלס אַ צייכן פון דער הערשאַפט פון רוים איבער ירושלים; קוקן מיר אַף דעם ווייסן מירמלשטיין פון די ווענט אָדער אַף די פּאָלירטע שטיינער פון דעם דיל, שיינט אונז אומעטום אַנטקעגן, ווי אין אַ שפּיגל, דער אָדלער פון רוים.

אין די דאָזיקע זאַלן געפינען זיך קאַמערן פאַר די לויים, די דינער, וואָס טוען די איינפאַכע אַרבעט אין בית־המקדש. אין מאַנכע קאַמערן זיצן אידישע געלערנטע און לערנען מיט תלמידים.

מיר גייען אַרויס פון די געדעקטע זאַלן אַף דעם אָפענעם פּלאַץ, אין דעם גרויסן פאָר־הויף, וואָס ציט זיך אַרום און אַרום, און איז געברוקירט מיט פאַרשיידענע שטיינער. מ׳רופט אים „דער פאָרהויף פון די גוים“, ווייל אַהין האָבן גוים אויך געמעגט אַריינקומען. דער פאָרהויף איז זייער גרויס, אַ סך גרעסער ווי די אַנדערע אינעווייניקסטע הויפן. דאָ איז גע־דיכט און טומלדיק אומעטום. דאָ זעט מען אַלערליי אידן און אויך גויים פון פאַרשיידענע לענדער, וואָס קומען זען דעם אידישן טעמפּל. מ׳זעט דאָ מענטשן, וואָס טראָגן אַלערליי מלבושים און ריידן אַלערליי שפּראַכן. אין דעם געדיכטן עולם זעען מיר גריכן, רוימער און סיריער. אָט שטייען צוויי גע־בילדעטע גריכן און פירן אַ דיסקוסיע אין גריכיש איבער די אידן און זייער גלויבן. די דאָזיקע גריכן ווייסן אַ סך וועגן אידנטום, וואָרים זיי לייענען אָפט די אידישע תורה און די נביאים אין דער גריכישער איבערזעצונג, און זיי לייענען אויך אַנדערע ביכער, וואָס אידן האָבן פאַרפאַסט אין גריכיש.

לעבן זיי גייען פאַרביי אידישע פויערים פון גליל. זיי קוקן אַף דעם רוימישן אָדלער און קריצן מיט די ציין. אין איין אָרט פון פאָרהויף שטייט אַ „רבי“ און זאָגט מוסר

דעם עולם; ער דערציילט שיינע משלים, און דער עולם האָט גרויס הנאה פון זיינע רייד. עס דרייען זיך אויך אַרום און טומלען זיך צווישן עולם פאַרשיידענע סוחרים און געלט-בייטער.

מיר גייען דורך דעם ערשטן גרויסן פאָרהויף און מיר קומען צו אַ שטיינערנעם צאַם. דאָס איז דער גרענעץ, ווי ווייט ניט-אידן מעגן גיין. אַף דעם צאַם, וואָס איז נאָר דריי איילן הויך, זיינען אָוועקגעשטעלט שטיינערנע טאָוולען מיט אויפשריפטן אין גריכיש און לאַטיין, אַז „קיין פרעמדער זאָל זיך ניט דערוועגן צו גיין ווייטער אינעווייניק. פאַר ניט פאָלגן קומט טויט-שטראָף".

הינטער דעם צאַם גייען מיר אַרויף פערצן טרעפּ, און קומען אַף אַ גלאַטער טעראַסע, צען איילן די ברייט. מיר גייען ווידער אַרויף אַף טרעפּ און קומען צו דעם טויער פון אינעווייניקסטן פאָרהויף. אַכט טויערן פירן פון ביידע זייטן, פון צפון און פון דרום, צו דעם אינעווייניקסטן פאָר-הויף. מיר גייען דורך דעם גרויסן טאָפּלטן טויער פון מזרח. אַלע טוי-ערן פון פאָרהויף זיינען באַדעקט מיט גאָלדענע פּלאַטן. דער גרויסער טויער אָבער האָט ניט קיין גאָלדענע באַדעקונג, ווייל ער איז געמאַכט פון טייערן קופּער, וואָס בלאַנקט נאָך שענער ווי גאָלד. מ'רופט אים „ניקאַנאָר'ס טויער", ווייל אַ רייכער עגיפּטישער איד מיט'ן נאָמען ניקאַנאָר האָט אים געגעבן אַ מתנה פאַר'ן בית-המקדש.

דערציילט מען אין ירושלים אַלערליי לעגענדעס וועגן דעם דאָזיקן פּראַכטיקן טויער. בשעת ניקאַנאָר האָט געפירט דעם טויער פון אַלעקסאַנדריע קיין ארץ-ישראל, האָט זיך אויפ-געהויבן אַ שטורעם אַפן ים. האָט מען גענומען איינע פון די צוויי טויער-טירן און מ'האָט זי אין ים אַריינגעוואָרפן. מ'האָט שוין די צווייטע אויך געוואָלט אַריינוואַרפן, האָט ני-קאַנאָר געזאָגט: „אויב איר וואַרפט זי אַריין, שפּרינג איך אויך אַריין אין ים". דעם גאַנצן וועג האָט ניקאַנאָר'ן ווי געטאָן

דאָס האַרץ אָף דער טיר. ווען די שיף איז אָבער אַריינ־געקומען אין יפו, האָט דער ים אַרויסגעשפּיגן די טיר אָף דער יבשה.

יעדן אוונט ווערט דער טויער געשלאָסן, און מ׳מוז האָבן צוואַנציק מענטשן צוצושטופּן די שווערע טירן און אַריינצו־רוקן די ריגלען אין קלאַמערן אין דעם שטיינערנעם שוועל. אַרום און אַרום זיינען באַשעפטיקט יעדן טאָג צוויי הונדערט מענטשן מיט׳ן עפענען און פאַרמאַכן די טויערן.

אַרום דעם טויער פון ניקאַנאָר איז געדיכט און לעבעדיק. מענטשן גייען אַריין און אַרויס; בעטלער פאַרשיידענע, בלינ־דע און הינקענדיקע, זיצן פון ביידע זייטן באַ דעם אַריינגאַנג און בעטן נדבות. דורך דעם טויער קומען מיר אַריין אין פאַרהויף פון די פרויען, וועלכער איז אַ פיר־קאַנטיקער: 35 איילן די לייגג און אַזוי פיל אויך די ברייט. מענער מעגן אַריין אין פאַרהויף פון די פרויען; אָבער קיין פרוי טאָר ניט אַריין אין פאַרהויף פון די מענער. די פרויען האָבן אָבער באַלקאָנען אין דער הויך און קענען זען אַלע צערעמאָניעס, וואָס קומען פאָר העכער אין די אינעווייניקסטע הויפן. אין די פיר ווינקלען פון פאַרהויף פון די פרויען געפינען זיך פיר קאַ־מערן, אַרומגעמויערט, אָבער אָן אַ דאַך. איינער איז פאַר „נזירים", אַזעלכע, וואָס גיבן זיך אַ נדר ניט צו פאַרזוכן אַ געוויסע צייט קיין ווייַן און זיך ניט צו שערן די האָר. דער צווייטער קאַמער איז פאַר האָלץ. דאָ זיצן די כוהנים, וואָס האָבן אַ מום אין זייער קערפּער און זיינען פּסול זיך צוצורירן צום מזבח, זייטיקע אַרבעט אָבער מעגן זיי טאָן. זיצן זיי דאָ און קלייבן איבער די האָלץ פאַר׳ן מזבח. געפינען זיי אין שייטל האָלץ אַ לעכל פון אַ ווערעמל, איז עס פּסול, און מ׳טאָר זיך ניט באַנוצן דערמיט צו מאַכן פייער אָפן מזבח. דער דריטער קאַמער איז באַשטימט פאַר „מצורעים", וואָס קומען אַהער צו רייניקן זיך פון זייער צרעת (לעפּראַז). אין דעם פערטן קאַמער האַלט מען ווייַן און אויל.

מיר גייען דורך דעם הויף פון די פרויען, גייען אַרויף

אף א פופצן-שטופיקער טרעפ, געבויט האלב-קיילעכדיק, און מיר קומען צו צו דער וואנט, וואס שניידט אפ דעם פרויען-הויף פון דעם מענער-הויף. מיר גייען ווידער דורך א טויער אין דעם ליינגלאכן הויף פון די מענער („עזרת-ישראל“), וואס ציט זיך אף דריי זייטן ארום בית-המקדש. פאר אונזערע אויגן הויבט זיך אויף דאס שענסטע און גרעסטע פאר אלע אידן אין דער וועלט: דער גרויסער מזבח מיט'ן שטענדיקן פייער, וואס גייט קיינמאל ניט אוים, און דאס הויז פון גאט הינטער'ן מזבח.

נאר איין העלפט פון דער דאזיקער „עזרה“ איז באשטימט פאר פשוט'ע אידן. אין מיטן שטייט א נידעריקער שטיינערנער צאם, ווייטער פון דעם צאם מעגן גיין נאר כוהנים; אן איינפאכער איד טאר זיך ניט געפינען אין פארהויף פון די כוהנים, נאענט פון דעם גרויסן, ריזיקן מזבח פון אומבאהאקטע שטיינער, מיט פיר שפיצן, ווי הערנער.

אף ביידע זייטן פון פארהויף פון די כוהנים געפינען זיך די אוצרות פון בית-המקדש, וואו עס ליגן אלע טייערע זאכן. א סך אלמנות און יתומים האלטן דא באהאלטן זייער געלט, ווייל דא איז דער זיכערסטער פלאץ. רעכטס פון מזבח איז דער שעכט-פלאץ מיט פיר און צוואנציק רינגען אנצובינדן די קרבנות; פון הינטן שטייען אכט זיילן מיט דריי רייען קרוקעם, אויפצוהייגען די געשאכטענע קרבנות, און אכט מירמלשטיינער צו וואשן אף זיי די געדערים פון די קרבנות. אחוץ דעם שטייען דערביי טישן פאר די כלים פון מזבח און פאר די צעשניטענע שטיקער קרבנות, און א בראנזענער וואשבעקן פאר די כוהנים צו וואשן די הענט און די פים.

ארום די ווענט פון פארהויף פון די כוהנים געפינען זיך די צימערן, וואו עס זיצט דער סנהדרין; די צימערן פון כוהן-גדול; די צימערן, וואו די כוהנים וואשן זיך און טוען זיך אן, און נאך א סך אנדערע קאמערן און זאלן.

דורך א גרויסן אפענעם טויער, אן טירן, זיבעציק איילן הויך און פינף און צוואנציק איילן ברייט, גייען די כוהנים פון זייער

פאָרהויף אין דער וועראַנדע אַריין, וואָס איז געבויט פאַר דעם הייליקן הויז. פון דער דאָזיקער וועראַנדע, וואָס איז אינגאַנצן באַפּוצט מיט גאָלד, פירט אַ טיר אין בית־המקדש גופא. די טיר שטייט אָפן, אָבער זי איז פאַרצויגן מיט אַ שווערן קאָלירטן פאַר־האַנג. איבער דער טיר הייגגט אַ גרויסער גאָלדענער וויינ־שטאָק. ער האַלט זיך אָפּ באַלקנס פון צעדערהאָלץ און פאַרשפּרייט זיינע צווייגן אונטער די געזימסן פון דער וועראַנדע. קומט אַ רייכער איד פון וויטן, לייגט ער צו אַ גאָל־דענעם טרויב; אַ צווייטער לייגט צו אַ גאָלדן בלאַט, און דער וויינשטאָק ברעכט זיך שיר אונטער דער שווערער משא פון די גאָלדענע פרוכטן.

פון דער וועראַנדע גייען די כוהנים אַריין אין היילקטום גופא. ס'איז אַ לייגגלאַכער צימער; די ווענט באַפּוצט מיט גאָלד, אָבער כמעט טונקל, אָן פענצטער, נאָר אָפּ דער גאָלדענער מנורה ברענען די זיבן לאָמפּן; אַנטקעגן דער מנורה שטייט דער גאָלדענער טיש מיט די צוועלף לעבלאַך ברויט („לחם־הפנים"). צווישן דער מנורה און דעם טיש שטייט דער גאָל־דענער מזבח, אָף וועלכן מ'רויכערט אַלע טאָג בשמים פאַר גאָט.

צווישן דעם הייליקן און דעם העכסט־הייליקן צימער (דעם „קודש" און דעם „קודש־הקדשים") הייגגען איינער הינטער דעם אַנדערן צוויי פרוכת'ן. איין מאָל אין יאָר, יום־כיפור, גייט דער כוהן־גדול דורך צווישן די דאָזיקע צוויי פאָרהאַנגען און גייט אַריין אין קודש־הקדשים. דאָס איז אַ שטאָק־פינצטערע, ליידיקער צימער. אַלץ, וואָס עס געפינט זיך אין אים, איז אַ שטיין דריי פינגער די הויך. אָפּ אָט דעם שטיין שטעלט דער כוהן־גדול אַוועק די פאַן, אין וועלכער עס רויכערן זיך בשמים.

באַגינען. ס'איז נאָך גאַנץ טונקל אין דרויסן; כוהנים און לויים האָבן געהאַלטן וואַך אַ גאַנצע נאַכט. די כוהנים, וואָס זיינען דעם פריערדיקן טאָג ניט געווען אין דינסט, שטייען אויף, טוען אָן די קליידער פון דער כהונה און וואַשן זיך

העגט און פּיס אין דעם בראָנזענעם בעקן. מ'וואַרפט גורל, וועלכע כוהנים זאָלן היינט טאָן די פאַרשיידענע דינסטן פון טאָג; דערנאָך בלאָזן די כוהנים אין זייערע שופרות, און דער שאַל קלינגט אָפּ ווייט אַרום און וועקט אויף די איינוואוינער פון שטאָט און רופט זיי צו דער תפילה.

אַפן באַפעל פון דעם אויבערשטן פון דער טעמפּל־וואַך עפענען די לויים אַלע טויערן פון בית־המקדש. זיי ציען אַרויס



די גאָלדענע מנורה, ווי געמאָלן אַף טיטוס'עס טריומף־בויגן אין רוים.

אַ מירמלשטיינערנע פּלאַטע פון אַ וואַנט און נעמען פון הינ־טער איר אַרויס אַ גאָלדענע קייט, וואָס אויף איר הייגען די שליסלען פון די טויערן. דערווייל הויבט מען אָן צוגרייטן דעם גרויסן מזבח פאַר דעם קרבן פון פרימאָרגן. מ'ראַמט אַוועק די אַש פון דעם נעכטיקן קרבן, און די הורבעס האָלץ אַף די גליענדיקע קוילן צינדן זיך אָן און צעברענען זיך. די משוררים נעמען זיך צו זייערע אינסטרומענטן. די הייליקע

כלים, וואָס מ׳געברויכט פאַר די קרבנות און פאַר אַנדערע טיילן פון דער „עבודה“, לייגן די לויים אויס אין אָרדענונג אַף אַ זילבערנעם טיש. דערנאָך ווערט די וואַך געביטן, און די כוהנים און לויים, וואָס זיינען נעכטן געווען אין הייליקן דינסט, ווערן באַפרייט. מ׳זאָגט די „עשרת-הדיברות“, און די כוהנים בענטשן דאָס פאָלק און לייענען „קריאת-שמע“.

דאָס אַלץ ווערט געטאָן פאַר דעם ליכט פון פאַקלען. דער פאַרוואַלטער פון בית-המקדש שטייט און קוקט, צי ס׳הויבט זיך ניט אָן ווייזן די ליכטיקייט פון טאָג. ער שיקט אַרויף אַ פּאָר כוהנים אַפן דאַך פון בית-המקדש, און אַז דער הימל איז שוין אַזוי ליכטיק, אַז זיי קענען דערזען די שטאָט חברון צווישן די בערג אין דרום-מזרח זייט פון ירושלים, רופן זיי אויס: „די ליכטיקייט פון מאָרגן האָט שוין דערגרייכט חברון!“ און מ׳נעמט זיך גלייך צו דער „עבודה“.

אין „עזרה“ זיינען שוין צונויפגעקומען אַ סך אידן. די כוהנים טרעטן אַריין אין „היכל“ (דעם פאָדערשטן טייל פונ׳ם הייליקן הויז) צו פאַרברענען דעם קרבן פון בשמים אַפן גאָלדענעם מזבח. אַלע, וואָס שטייען אין דרויסן, אין די פאָרהויפן, זאָגן תפילות מיט אַ טיפער כונה. די כוהנים טרעטן ווידער אַרויס און מיט אויפגעהויבענע הענט בענטשן זיי דאָס פאָלק. איצט גייען אַנדערע כוהנים צו צום גרויסן מזבח אין דער „עזרה“ פון די כוהנים און זיינען מקריב דעם בראַנד-קרבן, דעם מעל-קרבן און דעם גוס-קרבן אַלס דעם שטענדיקן קרבן (קרבן-תמיד) פון דער געמיינדע. דערצו זיינען זיי אויך מקריב אַ באַזונדערן מעל-קרבן פאַר דעם כוהן-גדול. ווי נאָר דער כוהן גיסט אויס דעם גוס-קרבן פון ווייַן אַפן פונדאַמענט פון מזבח, בלאָזן צוויי כוהנים אין זילבערנע שופרות. דאָס פאָלק אַרום אין פאָרהויף פאַלט כורעים און טוט תפילה אין דער שטיל; און די לויים, וועלכע שטייען אין מזרח-זייט פון דעם גרויסן מזבח, הויבן אָן זינגען און שפּילן אַ געזאַנג פון תהילים.

אַלע פרומע אידן, וואָס וואוינען ווייט פון ירושלים,

שטייען איצטער מיט'ן פּנים צו דער הייליקער שטאָט און דאַווענען.

דער מאָרגן-קרבן איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרברענט; עס קלינגען נאָך די לעצטע טענער פון די לוויים'ס געזאַנג, און דורך איינעם פון די טויערן, וואָס פירן פון שטאָט צום הייליקן באַרג, ווערן אַריינגעטריבן שאָף און רינדער. און פון הינטן גייט נאָך אַ מענטש אין יום-טוב'דיקע קליידער, מיט אַ פריי-לאַכן פּנים און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. בײַ דער זייט גייט זיין ווייב מיט אַ פריילאַכער חברה קינדער, גרויסע און קליינע, מיט קנעכט און דינסטן. ס'איז אַ רייכע אידישע פאַמי-ליע פון אַ שטעטל אין די בערג פון יהודה. זיי גייען מקריב זיין אַ דאַנק-קרבן צו גאָט פאַר דער הילף, וואָס ער האָט זיי געשיקט אין דער נויט, און נאָך דעם קרבן ריכטן זיי אָפּ אַ פריי-לאַכן מאָלצייט. הינטער דער דאָזיקער פאַמיליע קומט אָן אַן איינצלנער מענטש. ער גייט מיט לאַנגזאַמע טריט, און פאַראויס טרייבט ער אַ ציג. מ'קאָן לייכט זען אויף זיין פּנים, אַז עפּעס דריקט אים. ציטערנדיק, ווענדט ער זיך צו אַ לוי, וואָס גייט גראַד פאַרביי, און בעט אים, ער זאָל אים צופירן צו אַ כהן. דער מאַן האָט עפּעס אויף זיין געוויסן, און ער זוכט אַ כפּרה אויף זיין זינד דורך אַ קרבן.

אָט גייט אַ „מצורע", וואָס האָט זיך געלאָזט אונטערזוכן פון אַ כהן. דער כהן האָט אים דערקלערט פאַר ריין, און ער גייט גלייך מקריב זיין דעם ריינינגונגס-קרבן, וואָס וועט אים געבן דאָס רעכט ווידער צו קומען צווישן מענטשן. אייניקע נזירים זיינען געקומען ענדיקן זייער נדר און ברענגען דעם געהעריקן קרבן.

פאַרנאַכט פאַרזאַמלט זיך ווידער די פרומע געמיינדע אין פאָרהויף. די כהנים זיינען מקריב דעם אָוונט-קרבן פאַר דער געמיינדע, און דעם מעל-קרבן פאַר'ן כהן-גדול. ווידער גייען כהנים אַריין אין הייליקן הויז. זיי צינדן אָן די לאָמפּן פון דער זיבן-רעריקער מנורה און לאָזן אַרויפשטייגן דעם ריח פון די בשמים און ווייראויך פאַר גאָט. די פאַרזאַמלטע זיינען

איצט מתפלל און צוזאמען מיט זיי זיינען מתפלל אַלע פרומע אידן אין ארץ-ישראל און אַלע אַנדערע לענדער. די כוהנים טרעטן אַרויס, הויבן אויף די הענט און בענטשן דאָס פאָלק. נאָך זון-אונטערגאַנג ווערן די טויערן געשלאָסן.

## אין אַ שטאָט אין גליל.

די געגנט אַרום איז זייער פרוכטבאר און געדיכט באַזעצט; יעדעס שטיקל לאַנד איז גוט באַארבעט; פון פיטער-פלעצער פאַר בהמות זיינען געוואָרן פעלדער, באַדעקט מיט תבואה, און גערטנער, געדיכט באַוואַקסן מיט פרוכטבוימער. אַף די בערג וואַקסן רויטע, פייערדיקע פלאַנצן; און אין אויל קען מען זיך באָדן.

די איינוואוינער זיינען דאָ שווערע און ערלאַכע האָרעפּאַשני-קעס. מ׳אַרבעט אין די וויין-גערטנער, מען אַקערט די פעלדער, מען גראָבט אין די גערטנער. פאַר די מילן ליגן אָנגעגרייט מיל-שטיינער, וועלכע ווערן געשלעפּט און געדרייט פון אייזלען; די שייערן זיינען אָנגעפילט מיט תבואה; ווייט אַף די בערג ציען זיך וויין-גערטנער; אָן אַ זייט פון די שטעט און שטעטלאַך גלאַנצן פון ווייטן געקאַלכטע שטיינער פון די בית-עולם׳ס; באַ די זייטן פון די שליאַכן און די פאַרקאַנעס זיצן בעטלער, בלינדע און הונגעריקע, און בעטן נדבות פון די פאַרבייגייער.

די באַפעלקערונג אין די גרעסערע שטעט איז אַ געמישטע. צווישן די אידן וואוינען אויך אַ סך גויים: פעניקיער, סיריער, אַראַבער און אויך גריכן. מאַנכע שטעט זיינען דאָ כמעט אינגאַנצן גוי׳אישע. וואָרים דער גרויסער האַנדלס-וועג, וואָס פאַרבינדט דמשק און פּטאָלעמאַיס („עכו", באַם ברעג ים), שניידט דורך די פּראָווינץ גליל. מ׳זעט דאָ פיל קאַראַוואַנען, וואָס פירן אַלערליי פּראָדוקטן און סחורות פון איין לאַנד אין דעם אַנדערן. צוליב דעם גרויסן פאַרקער פון די קאַראַוואַנען באַזעצן זיך דאָ אָפט פיל הענדלער פון די אַרומיקע פעלקער. אויך אַ סך אידן מאַכן דאָ אַ לעבן פון קאַראַוואַנען;

זיי אַרבעטן אַלס פּירער, קעמל־טרייבער, שפּאַנער, טאָג־לוינער, און אין נאָך הונדערט אַנדערע באַשעפטיקונגען, וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדען. אידן קומען דאָ דערפאַר זייער פּיל אין באַרירונג מיט די אַרומיקע פעלקער און לעבן ניט אַזוי שטריינג אָפּגעזונדערט פון די גוים, ווי די אידן אין דרום ארץ־ישראל, אין דער פּראָווינץ יהודה.

אָבער הגם די אידן אין צפון ארץ־ישראל, אין גליל, פאַרטראָגן זיך גאַנץ גוט מיט די גוים, זיינען זיי אָבער בשום־אופן ניט קיין שלעכטע אידישע פּאַטריאָטן. אדרבה, זיי זיינען די שטאַרקסטע פיינט פון דער רוימישער הערשאַפט; זיי וואַרטן אַף משיח'ן, ער זאָל קומען און ברענגען גאָט'ס מלוכה אַף דער ערד; זיי זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די סינאַגאָגעס, וואָס זיי האָבן אין אַלע שטעט, און אַף יום־טוב זיינען זיי עולה־רגל קיין ירושלים; זיי זיינען זייער היציקע אידן, שטאַרקע פאַנטאַזיאָרן; און יעדן יום־טוב, ווען די יונגע, העלדישע אידישע פּויערים פון גליל קומען אין גרויסע מאַסן קיין ירושלים, באַזונדערס אַף פּסח, ציטערט מען דאָרטן פאַר אומרועןֿ, פאַר אַ צוזאַמענשטוים מיט די רוימישע באַאַמטע און סאָלדאַטן.

אָבער ניט נאָר אין ירושלים איז אומרואיק; אויך דאָ, אין גליל, ווערן די וועגן וואָס ווייטער אַלץ מער אומזיכער און געפערלאַך. די אומרואיקייט האַלט אין איין וואַקסן; אַ סך קליינע פּויערים ווערן אינגאַנצן פאַראָרימט פון די הויכע אָפּצאָלונגען, וואָס די רוימישע רעגירונג לייגט אַרויף, און פון די הויכע ציגזן, וואָס זיי האָבן צו צאָלן די רייכע פּריצים, וועמען זיי זיינען שולדיק געלט. זיי פאַרלאָזן זייערע פעלדער און טרייבן זיך אַרום אין באַנדעס איבער די בערג. די גאַנצע געגנט איז פול מיט רויבער, וואָס באַהאַלטן זיך אין די היילן און מאַכן אָפט אָנפאַלן אַף רוימישע באַאַמטע און אַף רייכע דורכרייזנדער. צייטנווייז איז די אומרואיקייט אַזוי גרויס, אַז ס'איז פשוט אַ ריזיקע צו גיין אַף זייטיקע וועגן.

מיר וועלן ניט גיין אין די שטעט, וואו די באַפעלקערונג

איז אַ געמישטע; מיר וועלן בעסער באַזוכן אַ ריין אידישע שטאָט און באַטראַכטן, ווי מ׳לעבט דאָרטן.

די שטאָט, וואו מיר מאַכן דעם באַזוך, ליגט אַפן שפּיץ פון אַ באַרג און איז באַשיצט מיט אַ געמויערטער פעסטונג־וואַנט; אין דעם מויער איז דאָ אַ גרויסער טויער, באַשלאָגן מיט אייזן און באַוואָרנט מיט שטאַרקע ריגלען און קלאַמערן; אויבן, איבער׳ן טויער, איז דאָ אַ הויכער טורעם, וואו אַ וועכטער שטייט באַנאַכט און היט די שטאָט.

באַם טויער געפינט זיך דער פּלאַץ, וואו די עלטסטע פון שטאָט, די זקנים, די פירער, זיצן און באַראָטן זיך. דאָ טרעפן זיך די ערנסטע באַלעבאַטים און שמועסן זיך דורך וועגן אַלע וויכטיקע זאַכן.

אַרום דעם טויער געפינט זיך אַ גרויסער, ברייטער פּלאַץ, אַ מאַרק, וואו די פאַרשיידענע גאַסן קומען זיך צוזאַמען. דעריבער איז דאָ גרויס דער פאַרקער, און עס גייט דאָ אָן אַ ברייטער האַנדל. די פּויערים פון די דערפער אַרום פאַרקויפן דאָ די תבואה פון זייערע פעלדער, די פּרוכט פון זייערע גערטנער און די מילכיקס פון זייערע בהמות. סוחרים פון דער פרעמד שטייען דאָ מיט טישלאַך, אַף וועלכע עס ליגן אויסגעלייגט אַלערליי טייערע זאַכן. זיי באַטן אָן אַלעמען די נייעסטע מאָדעס פון רוים און אַלעקסאַנדריע, די שענסטע לוקסוס־אַרטיקלען פון וייטן מזרח און די טייערסטע קונסטזאַכן פון די גאָלדשמידן, וואָס אין ירושלים.

צווישן די פּויערים מיט די לאַנד־פּראָדוקטן און די הענדלער מיט זייערע טישלאַך סחורה באַוועגט זיך אַ געדיכטער עולם פון אַלערליי מענטשן, באַשעפטיקטע און ליידיקגייער. דער עולם שמועסט, אַמפּערט זיך, פירט ויכוחים, מאַנכע גוטמוטיק, מאַנכע מיט ביטערע ווערטער און מיט שטעך־ווערטלאַך. אָט רוקן זיך אַלע אָפּ און מאַכן אַ ווארע פאַר אַן אָנגעזעענעם אידן פון שטאָט. ער איז פון די „פּרושים“, זייער אַ געלערנטער איד, און מ׳ווענדט זיך צו אים מיט אַלערליי פראַגן.

לאָמיר גיין ווייטער אין שטאָט אריין. מיר באַוואונדערן די גוטע אָרדענונג. אין מאַנכע גרעסערע שטעט, אין צעזאַרעאַ, למשל, איז אפילו פאַראַן אַ סיסטעם פון קאַנאַלן, וואָס ציען אָפּ דעם גאַנצן שמוץ און אָפּפאַל אין ים אריין. אין אַנדערע שטעט, באַזונדערס אין די קלענערע שטעטלאַך, איז דאָס, נאַטירלאַך, ניטאָ. אָבער אין יעדער שטאָט און אין יעדן דאָרף היט מען שטריינג אָפּ געוויסע געזעצן וועגן ריינקייט און געזונטקייט; קברים-פּלעצער, גאַרבערייען און אַלץ, וואָס איז שעדלאַך פאַר דעם געזונט, מוזן זיין ווייט פון די וואוינונגען, ווייניקסטנס פופציק איילן פון שטאָט. בעקערייען, פאַרבערייען אָדער שטאַלן טאָר מען ניט האַלטן לעבן דער וואוינונג פון אַ מענטשן. די הייזער אין גאַס מוזן אַלע זיין אין איין ליניע, און מ'טאָר ניט אַרויסרוקן קיין הויז אָדער עפּעס אַ געבוי ווייטער, ווי די ליניע. קיין ברוק פון שטיינער איז אָף די גאַסן ניטאָ. אָבער דאָס איז ניט אַזוי נויטיק, וואָרים די שטאָט שטייט אָף אַ באַרג, און זי איז פון נאַטור אַלע מאָל טרוקן.

מיר דאַרפן זיך ניט וואונדערן, וואָס אין שטאָט הערשט אַזאַ גוטע אָרדענונג. אין אַלע שטעט איז פאַראַן אַ שטריינגע פאַרוואַלטונג, וואָס גיט אַכטונג אָף אַלצדינג. ערשטנס, זיינען דאָ פאַראַן פאַרטרעטער פון דער רוימישער רעגירונג; אָבער זיי פּאַסן נאָר אויף, אַז די שטייערן זאָלן ריכטיק געצאָלט ווערן און אַז מ'זאָל זיך ניט בונטעווען. אין די אינערלאַכע אידישע ענינים מישן זיי זיך ניט. אידן האָבן פולע זעלבסטפאַרוואַלטונג, און אין יעדער שטאָט איז דאָ אַ קליינער סנהדרין, אַ ראט פון די עלטסטע פון שטאָט, וואָס האָבן אין זייער האַנט די פאַרוואַלטונג פון דעם גאַנצן דיסטריקט אַרום. אין אַ מיטעלער שטאָט באַשטייט דער קליינער סנהדרין פון דריי און צוואַנציק מיטגלידער. אין אַ קליין שטעטל באַשטייט ער נאָר פון דריי מיטגלידער. אָט די סנהדרינס פון דער פּראָווינץ ווערן באַשטימט פון דעם גרויסן צענטראַלן סנהדרין אין ירושלים, וועלכער באַשטייט פון איין

און זיבעציק מיטגלידער. און אַזוי ווי אין דעם גרויסן סנהדרין האָבן די גאַנצע דעה די כוהנים-גדולים און די רייכע אַריסטאָקראַטן, ליגט דערפאַר די גאַנצע אידישע זעלבספאַר-וואַלטונג אין די הענט פון די רייכע, די פּריצים, די מיוחסים.

די הייזער זיינען פאַרשיידן אין זייער גרויס און אויסזען: קליינע און אָרימע הייזקעס, איינגאַנצן עטלאַכע איילן די לייננג און די ברייט, און גרויסע, רייכע הייזער, וואָס מאַנכע פון זיי זיינען צוויי און אפילו דריי עטאַזש די הויך, און מאַנכע זיינען אַזוי רייך, אַז זיי האָבן קאָלאָנאַדעס און אַלערליי שיינע און טייערע באַפּוצונגען.

לאָמיר פריער אַריינגיין אין אַן אָרימע הויז. מיר וועלן זיך דאָ ניט דאַרפן לאַנג אויפהאַלטן. וואָרים, ערשטנס, איז דאָ גאָר קיין אָרט ניטאָ פאַר זייטיקע מענטשן; און צווייטנס, האָבן מיר דאָ לחלוטין ניט אַף וואָס צו קוקן. דאָס איז אַ קליין, פיר-קאַנטיק הייזל, וואָס באַשטייט אין גאַנצן פון איין צימער. דאָס איז די קיך, דער שלאָפצימער און אויך דער עס-צימער. עס איז געבויט פון ציגל, געברענטע אָדער גע-טריקנטע אַף דער זון. אויבן איז אַ פלאַכער דאַך, וואָס באַ-שטייט פון הילצערנע באַלקנס, באַלייגט מיט צווייגן פון בוי-מער און געדיכט באַשאָטן מיט ערד. זייער אָפט טרעפט מען אין אַזעלכע הייזלאַך באָס אַריינגאַנג אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פאַר בהמות. קיין פענצטער איז אין אַזעלכע הייזלאַך דאָס רוב אינגאַנצן ניטאָ. אַמאָל איז פאַראַן אַ לאָך אין וואַנט מיט אַ דראָט-נעץ. ס'איז אויך נישטאָ קיין ספּעציעלער אַרויסגאַנג פאַר דעם רויך, ס'הייסט קיין קוימען. דערפאַר אָבער שטייט אָפן די טיר, און דורך איר גייט אַרוים דער רויך און עס קומט אַריין לופט און ליכטיקייט. די ווענט זיינען באַ-שמירט מיט ליים און אָפּגעקאַלכט ווייס.

די הייזער פון די רייכערע זיינען אַ סך גרעסער און זיינען אָפט געבויט פון שטיינער. זיי האָבן עטלאַכע צימערן און אויך מער באַקוועמלאַכקייטן. אין מיטן הויז פון אַ רייכערן אידן איז געוויינלאַך דאָ אַ הויף מיט אַן אָפענער ווערענדע

אַרום. אין הויף איז דאָ אַ ברונים און אַ גרויסער בעקן, וואָס מ'קען באַנוצן פאַר אַ באָד. דער דאַך איז באַדעקט מיט ציגל אָדער שטיינער און איז אַרומגערינגלט מיט אַ געלענדער (אַ צאַם פון שטאַכעטן, מעקה). קיין סך פענצטער זיינען ניטאָ און זיי זיינען קליין און פון דינע דראָט-נעץ, וועלכע מ'קען עפענען. די צימערן זיינען בכלל ניט קיין גרויסע. זיי זיינען אָבער גאָר ניט שטאַרק וויכטיק, וואָרים מ'גייט אין זיי אַריין נאָר באַנאַכט. באַטאָג זיינען אַלע שטענדיק אין דרויסן.

אַ ברייטע טרעפּ אָדער אַ לייטער פירט פון דרויסן גלייך צום דאַך. דער דאַך איז דער איינציקער אָרט אין הויז, וואו מ'קען זיצן רואיק און נאָכטראַכטן איבער עטוואָס. אין אַל-געמיין איז ער דער שענסטער און באַקוועמסטער אָרט פאַר פאַרשיידענע אַרבעטן און אַלערליי געלעגנהייטן. דאָ טראָגט מען אַרויף פלאַקס צו טריקענען. מאַנכע לייגן דאָ אויס פייגן, אויילבערטן און ראָזינקעס. אַ סך האָבן זומער-געצעלטן אַף די דעכער, וואו זיי רוען זיך אָפּ, כאַפּן פרישע לופט און שלאָפן זיך אויך אויס.

איז דער דאַך אַן אָפענער, קען מען פון אים האָבן נוצן בלויז פון אָוונט, ווייל באַטאָג איז צו היים צו זיצן אַף אים. זיצן טאַקע אָרימע לייט זומער אַף די דעכער און געניסן פון דער פרישער לופט און פון דעם פרישן ווינטל נאָר אין די אָוונטן. דער ערשטער לוקסוס, צו וועלכן אַן אָרימאַן כאַפּט זיך, איז דעריבער אַ געדעקטער צימער אַפן דאַך.

דער דאַך שפּילט אויך אַ גרויסע געזעלשאַפטלאַכע ראָלע. אַ וויכטיקע שטיק פון געזעלשאַפטלאַכן לעבן שפּילט זיך אַף אים אָפּ. פּאַסירט אין שטאָט עפּעס אַ וויכטיקע געשעעניש, אַ פריילאַכע אָדער אַ טרויעריקע, הערט זיך דאָס אַף די דע-כער. האָט אַן אומגליק געטראָפן, איז אַף די דעכער אַ קלאָג און אַ געוויין. אַז עס ברעכן אויס אומרוען אין שטאָט און עס ווערט אַ מהומה, שטייען אַלע אַף די דעכער.

לאָמיר שטיין אַ ווײַלע אַף אַ דאַך פון אַ הויז, וואָס געפינט

זיך אַף אַ הויכן אָרט. פון דאַנען זעען מיר שיינע סצע־נעס אַף די אַנדערע דעכער ארום, וואָס ליגן אַביסל ני־דעריקער. אַט זעען מיר אַפן דאַך פון הויז דערביי אַ סך גראָז אָנגעוואַקסן. עס שפּרינגען און טומלען זיך דאָרטן אַרום יונגע שעפּסעלאַך, וואָס מ׳האָט אַרויפגעטראָגן אָפּפּרעסן דאָס אָנגעוואָקסענע גראָז. אַפן צווייטן דאַך זיצט אַ פרוי און נייט און היט אירע קינדער, וואָס זיצן לעבן איר און שפּילן זיך אין קליינע שטיינדלאַך. אַף אַ דאַך דאָרטן ווייטער אַביסל, גייט אַרום דער באַלעבאָס פון הויז און וואַרפט נייגעריקע בליקן אַפן הויף פון אַ דערבייאיקן שכן.

מיר גייען אַראָפּ פון דאַך און גייען אַריין אין די צימערן פון הויז. קיין שיינע מעבל און קיין באַקוועמלאַכקייטן איז ניטאָ אפילו אין די רייכערע און שענערע הייזער. און ווער דאַרף איבערהויפּט באַקוועמלאַכקייטן אין שטוב, אַז מען איז סאַי ווי מערסטנס אין דרויסן: אַפן פעלד, אין ווײַנגאָרטן, אין גאַס, אַף דעם מארק פּלאַץ באַם טויער. אין אַ בעסערן סאָרט צימער שטייט געוויינלאַך אַ בעט, אַ טיש, אַ שטול און אַ לאָמפּ. אָרימע לייט שלאָפן מייסטנס אַף דר׳ערד אַף אַ מאַטראַץ, געמאַכט פון פּאַלמען־בלעטער, און דעקן זיך צו מיט דעם מאַנטל. רייכערע לייט שלאָפן געוויינלאַך אַף היל־צערנע בעטלאַך. אַף די געשטעלן זיינען אָוועקגעלייגט פּעריִנעס, דעקעס, טיכער און קישנס, וועלכע ווערן גע־וויינלאַך אימפּאָרטירט פון דמשק אָדער פון עגיפּטן. אין מיטן צימער הייננגט אַ לאָמפּ — אַ שיסעלע אויל מיט אַ קנויט. צו די זאַכן פון שטוב געהערן אויך כלים צום קאָכן, לאָגלען און קרוגן צו האַלטן וואַסער און אַנדערע פליסיגקייטן; קערב, שיסלען, בעקנס און בעכערס צום עסן און טרינקען, אַ הילצערנער קאַסטן אָדער אַלמער פאַר קליידער.

עס הייבט שוין אָן טונקלען. פון דער ים־זייט טראָגן זיך מחיה׳דיקע ווינטלאַך און קילן אָפּ די לופט. אַף דעם הויכן טורעם איבער דעם טויער שטייט שוין דער וועכטער. באַ

אַ פרישן שפּרודלדיקן קוואַל הינטער'ן שטאָט האָט זיך צונויפ־געזאַמלט אַן עולם מענטשן. זיי האָבן ניט קיין ברונימער בּאַ זיך אין דער היים, קומען זיי צום גרויסן קוואַל שעפּן וואַסער. פון דערווייטנס הערן זיך געזאַנגען, דאָס גייען אַר־בּעטער פון די ווייַנגערטנער צוריק אַהיים. זיי פאַרדינגען זיך פאַר אַ „דינאַר" (אַרום 20 סענט) אַ טאָג, און יעדן אָוונט קריגן זיי בּאַצאָלט זייער לוין.

זיי אַרבּעטן שווער אַ גאַנצן לאַנגן טאָג, אַרום צען שעה. דאָך זינגען זיי, ווען זיי גייען אַהיים פון דער אַרבּעט. וואָרים אַ סך אַזעלכע האָרעפּאַשניקעס, וואָס פאַרמאָגן ניט קיין אייגן שטיקל לאַנד, גייען אַרום ליידיק און פאַרדינען אפילו קיין האַלבן דינאַר אַ טאָג אויך ניט. זיי ווערן בּעטלער אָדער שליסן זיך אָן אָן די רויבער־בּאַנדעס און אָן די טעראָריסטן, די „סיקאַריער", וואָס האָבן זיך אַזוי שטאַרק צעשפּרייט אי־בּער'ן לאַנד.

עס פאַלט צו די נאַכט. אָבער גאָר שטאָק פינצטער איז אָף די גאַסן ניט. וואָרים אין יעדן הויז בּרענט דער לאָמפּ אַ גאַנצע נאַכט, און דער מאַטער שיין פון קנויט, וואָס בּרענט אין אויל, דרינגט דורך די דראָט־נעצן פון די פענצטער און שוואַכט אַביסל אָפּ די פינצטערניש. פרומע אידן לייענען „קריאת־שמע" מיט כונה און זאָגן די תפילות פון אָוונט. אָפן טורעם שטייט דער וועכטער און היט די שטאָט. אָבער די פרומע אידן גלויבּן, אַז „אויב גאָט היט ניט די שטאָט, וואַכט אומזיסט דער וועכטער".

## ווי מ'האָט דערצויגן די קינדער.

אין די צייטן פון צווייטן חורבן זיינען אין יעדער שטאָט אין ארץ־ישראל געווען שולן פאַר קינדער. וואו נאָר עס איז געווען אַ „בית־כנסת", אַ סינאַגאָגע פאַר די דערוואַקסענע צום דאַווענען און לערנען, דאָרטן איז אויך געווען אַ „בית־ספר" פאַר די קינדער. אַז ס'איז ניט געווען קיין ספּעציעלער לערער,

האָט דער „חזן" געלערנט מיט זיי. „חזן" האָט מען דעמאָלט גערופן ניט דעם, וואָס דאַוונט פאַר'ן עמוד, נאָר דעם, וואָס מיר רופן היינט „שמש".

דער אָנהויב און דער סוף פון לערנען מיט קינדער איז געווען די תורה. קיינע וועלטלאַכע לימודים האָט מען ניט געלערנט. דער ערשטער אונטערריכט איז דערפאַר באַשטאַנען אין לייענען און איינ'חזר'ן די תורה. דעריבער האָט אַ שול פאַר אָנהויבער געהייסן „בית-ספר", עס הייסט אַ הויז, וואו מ'האָט געלערנט לייענען די הייליקע שריפטן. דער „בית-ספר" איז געווען נאָר פאַר אָנהויבער. עס זיינען אויך געווען העכערע שולן, אַ סאָרט אַקאַדעמיעס, וואו פאָרגעשריטענע און בעסערע תלמידים האָבן פאָרגעזעצט זייער שטודיום. אַזאַ העכערע אַקאַדעמיע האָט געהייסן „בית-מדרש"; און דאָרטן האָט מען געלערנט ווי צו פאַרשטיין, אויסצוטייטשן און אָנצואווענדן אין פראַקטישן לעבן די געזעצן פון דער תורה.

אָבער אַ צייט פריער, נאָך איידער דאָס קינד האָט אָנגעהויבן לערנען בײַ אַ רבי'ן, האָט ער שוין געלערנט אַ סך אין דער היים. נאָך איידער דאָס קינד האָט געקענט גוט ריידן, האָט עס שוין געלערנט, האָט שוין אַריינגעזאַפּט אין זיך די אידישע פרומקייט, וואָס האָט אָנגעפילט די לופט פון אַ אידישער היים אין יענע צייטן. בײַם אַריינטראָגן דאָס קינד אין שטוב און בײַם אַרויסטראָגן עס פון שטוב, האָט דאָס קינד געזען די מזוזה אויף דער טיר, געזען, אַז אַלע קושן די מזוזה. איז געקומען פרייטיק אָוונט, האָט דאָס קינד אַריינגעאָטעמט דעם עונג-שבת.

דאָס קינד איז שטענדיק געווען אַרומגערינגלט מיט אַלערליי היימישע צערעמאָניעס און הייליקע צייכנס: דאָ איז געווען חנוכה מיט אילומינאַציעס, און דאָ איז געווען פורים מיט זיין ווילדער פריילאַכקייט. און ווער רעדט נאָך פון די גרויסע יום-טובים, וואָס אפילו אויב מען איז ניט געגאַנגען קיין ירושלים, זיינען זיי דאָך געפייערט געוואָרן אין דער היים

מיט צערעמאָניעס. וואָס האָבן באַם קינד געלאָזן אַן איינדרוק אַף זיין גאַנצן לעבן.

ווי נאָר דאָס קינד האָט זיך אויסגעלערנט ריידן גוט, האָט דער פאָטער אים אָנגעהויבן לערנען צו זאָגן אַף אויס־ווייניק „שמע־ישראל" און אַנדערע אַזעלכע פסוקים. מ'האָט אים דערציילט די מעשיות פון די הייליקע ביכער, און מען האָט געזוכט פאָרצושטעלן פאַר אים אין די שענסטע פארבן דאָס לעבן פון די גרויסע אידן אין די אַלטע צייטן. מ'האָט אים אָנגעטאָן אַ טלית'ל מיט ציצית: איין ציצה איז געווען אַ בלויע. דאָס אינגעלע האָט גלייך געפרעגט, ווארום איינע פון די פעדים איז בלוי, און דער פאָטער האָט אים דערקלערט, אַז דאָס איז צוליב דעם, כדי מ'זאָל שטענדיק קוקן אַף די ציצית און זיך דערמאָנען אַן גאָט און היטן זיינע געבאָטן און ניט נאָכגעגעבן די בייזע פאַרלאַנגען פונ'ם הארץ און פון די אויגן.

מ'האָט געלערנט דעם קינד פון זיין ערשטער יוגנט אָן אויך פרומע געזאַנגען. דער בית־המקדש איז ניט געווען דער איינציקער אָרט, וואו מ'האָט געזונגען פרומע גע־זאַנגען. מ'האָט זיי געזונגען אויך אין יעדער סינאַגאָגע און אין יעדער אידישער היים.

אַז דער אינגל איז צו זעקס אָדער זיבן יאָר געשיקט גע־וואָרן אין שול צום רבי'ן לערנען תורה, האָט ער אַף אַזאַ'ן אופן שוין געוואוסט אַ סך זאַכן. ער האָט שוין געקאָנט זאָגן אַ סך פסוקים אַף אויסווייניק; האָט געקאָנט מאַנכע הייליקע געזאַנגען; האָט שוין געוואוסט אַ סך אידישע מנהגים .און רעליגיעזע געבאָטן.

קיין מיידלאַך האָט מען דעמאָלט ניט געשיקט אין שול לערנען. אַלע שולן זיינען געווען פאַר אינגלאַך, און אַלע לע־רער זיינען געווען מענער. אַ רבי האָט געקענט האַלטן אין זיין קלאַס נאָר פינף און צוואַנציק קינדער; איז די צאָל קינ־דער געווען אַ גרעסערע ווי פינף און צוואַנציק, האָט ער גע־

מוזט האַלטן אַ באַהעלפער. האָט די צאָל תּלמידים דער־גרייכט פופציק, האָבן געמוזט זיין צוויי באַזונדערע לערער און צוויי באַזונדערע קלאַסן.

לאָמיר אַריין אין אַ אידישער שול אין ירושלים אָדער אין אַן אַנדער שטאָט אין ארץ־ישראל ניט לאַנג פאַר׳ן חורבן, און לאָמיר זען, ווי מ׳לערנט דאָרטן.

די איינציקע זאַך, וואָס די אָנהויבער לערנען דאָ איז ליי־ענען און שרייבן העברייאיש, די שפּראַך פון די הייליקע ביכער פון תנ״ך. און דאָס איז ניט קיין לייכטע זאַך פאַר די קינדער, וואָרים קיין נקודות זיינען נאָך ניטאָ, און ס׳איז ניט אַזוי גרינג אויסצולערנען זיך איבערצולייענען אַ פּסוק אין תנ״ך אָן נקודות.

מ׳לערנט הויך אָפן קול. דער רבי זאָגט, און די קינדער זאָגן נאָך אָף די הויכע טענער. גייט מען פאַרביי אַ „בית־ספר", הערט מען שוין פון וויטן אַ כאָר פון פרישע שטימען, פון אידישע קינדער. פון לערנען אין דער שטיל האַלט קיינער ניט. וואָס מ׳לערנט אין דער שטיל, פאַרגעסט מען באַלד; אַזוי גלויבן אַלע. די תורה מוז מען לערנען מיט אַלע חושים און גלידער.

פונקט ווי לייענען, אַזוי לערנט מען אויך די קינדער שרייבן. מ׳לערנט עס זיי מיט אַ געוויסער מעטאָדע: פריער די לייכטע בוכשטאַבן „יוד" און „וואָוו". דערנאָך די שווערע. צוערשט שרייבט דער לערער דעם בוכשטאַב אָף אַ טאָוול פון וואַקס אָדער אָף אַ מין פּאַפּיר; דערנאָך שרייבט דאָס קינד עס נאָך. דער לערער האַלט די האַנט פונ׳ם קינד און פירט זי אָפן וואַקס־טאָוול אָדער אָפן פּאַפּיר.

די קינדער זיצן פאַר דעם רבי׳ן אין אַ האַלבן קרייז און קוקן אים אין פּנים אַריין. ער זאָגט יעדע זאַך איבער עט־לאַכע מאָל און זוכט עס צו מאַכן אַזוי קלאָר און פאַרשטענד־לאַך ווי נאָר מעגלאַך. בכלל אָבער קימערט דעם רבי׳ן וויניק, צי דאָס קינד איז פיאיק אָדער ניט. זאָל נאָר דער תּלמיד

זיך אַ סך אָנלערנען, וועט עס אים שוין קלאָר ווערן. דער רבי זוכט שטענדיק אַרויסצורופן אַ פראַגע בײַ די תּלמידים. אַ קלוגער תּלמיד איז דער, וואָס ווייסט צו שטעלן קלוגע פראַגן, קשיות. ווען אַ אינגל ווייסט גאָר ניט אַ מויל צו עפע־נען, אָדער, ווי דער אויסדרוק גייט, ער ווייסט ניט וואָס צו פרעגן („שאינו יודע לשאול"), עפנט דער לערער אים דאָס מויל, עס הייסט: ער לייגט אים די פראַגע אין מויל אַרײַן.

דער רבי באַמיט זיך צו זײַן קורץ ווי מעגלאַך. ער רעדט מיט אַ פעסטער און זיכערער שפּראַך. און זייער אָפט הויבט ער אָן דאָס לערנען מיט אַ שיינער מעשה'לע, וואָס אַנטהאַלט אַ מאָראַל אין זיך. מאַנכע לערער גיבן די אָנהויבער האָניק, כדי זיי צוצוציען, זיי זאָלן וועלן גיין לערנען.

דער אונטערריכט פון תּנ"ך הויבט זיך אָן מיט דעם דריטן פון די פינף חומשים, מיט „ויקרא". דאָס איז אַ מנהג פון די עלטסטע צייטן אָן. מען זאָגט, אַז דאָס זאָל שטאַמען דער־פון, וואָס אַמאָל פלעגן געניסן פון אַ שול־אונטערריכט נאָר קינדער פון כּהנים, און פאַר זיי איז געווען די וויכטיקסטע זאַך צו לערנען פון דער קינדהייט אָן די רעליגיעזע צערעמאָ־ניעס פון חומש „ויקרא"; צו וויסן, ווי מקריב צו זײַן די קרבּנות און ווי צו דערפילן די געבאָטן און פליכטן פון אַ כּהן. און ווען מען האָט שפּעטער אָנגעהויבן צו לערנען אַלע אידישע קינדער, איז שוין געבליבן אײַנגעוואָרצלט דער אַלטער מנהג אָנצוהויבן מיט קינדער אין חומש די דינים פון די קרבּנות.

אין פאַרלויף פון די יאָרן, לערנען די קינדער אַלע ביכער פון תּנ"ך; אָבער די הויפּט זאַך, מיט וואָס זיי גיבן זיך אָפּ איז דער חומש, יענער טייל פון תּנ"ך, וואָס אַנטהאַלט די גע־זעצן, די דינים פון דער תּורה. אַזוי אָבער ווי עס ליגט אַ הייליקייט אין יעדן וואָרט, אין יעדן בוכשטאַב פון דער תּורה, לערנט מען עס און מ'חזר'ט עס דעריבער אויף אויסוווייניק צו געדיינקען גענוי וואָרט בײַ וואָרט, און אות בײַ אות. אַב־סאָלוטע פּינקטלאַכקייט איז דאָ נויטווענדיק. וואָרים מאַנכע

העברייאישע בוכשטאַבן זיינען זייער ענלאַך איינער צום אַנ־דערן, און אַז מ'זאָל ניט געדיינקען גענוי און עפּעס וואָס פאַר־בייטן, קאָן עס קומען צו טעות'ן. דעריבער גיבן זיך די תלמידים אַזוי פיל אָפּ מיט'ן איינ'חזר'ן, מיט'ן זאָגן און איבער־זאָגן אָן אַ צאָל מאָל.

שלאָגן די קינדער מיט אַ שטעקן טאָר אַ רבי ניט. ער האַלט, געוויינלאַך, אין האַנט אַ לעדערנעם רימען, מיט וועלכן ער באַשטראָפט די שלעכטע קינדער.

ווערט דער אינגל עלטער און ער פאַרמאָגט שוין אַביסל קענטעניישן אין די הייליקע ביכער און אין גאָט'ס געזעצן, גייט ער אַוועק אַרבעטן. ער ווערט אַ פויער, אַ בעל־מלאכה און אָפּטמאָל אויך אַ סוחר. ניט אַלע אָבער זיינען צופרידן מיט דעם ביסל תורה, וואָס זיי לערנען אויס אין „בית־ספר", אין דער פאָלק־שול. פיל זעצן פאָרט זייער שטודיום אין דער העכע־רער שול, אין דער אַקאַדעמיע, וואָס הייסט „בית־מדרש". אַנדערע באַקומען אין בית־מדרש אַ הויכע און גרונטלאַכע בילדונג אין אַלע צווייגן פון דער אידישער חכמה, פון דער אידישער געלערזאַמקייט, און געהערן גרויסערהייט צו דעם קלאַס פון די אידישע געלערנטע, די „סופרים".

# דער גרויסער אויפשטאַנד און דער חורבן פון ירושלים.

1. די נייע פּראָקוראַטאָרן.
2. דער אויסברוך פון אויפשטאַנד און דער זיג.
3. די ציַיטוויַיליקע רעגירונג אין ירושלים און די מלחמה אין גליל.
4. דער בירגער-קריג אין ירושלים.
5. די באַלאַגערונג און דער חורבן פון ירושלים.

## 1.

# די נייע פּראָקוראַטאָרן.

די נייע פּראָקוראַטאָרן נאָך אַגריפּאַ'ס טויט זיינען זיך באַגאַנגען מיט אידן נאָך ערגער, ווי די ערשטע פּראָקוראַטאָרן פאַר אַגריפּאַ'ן. זיי האָבן שטאַרק געדריקט דאָס פאָלק, און די פיינטשאַפט קעגן רוים איז וואָס ווייטער אַלץ געוואָרן שטאַרקער.

וואָס מער דאָס פאָלק האָט געזיפצט אונטער דעם שווערן יאָך פון רוים, אַלץ מער אָנהייגער האָבן די קנאים געקראָגן בא די ברייטע מאַסן. אַ טייל פון די קנאים זיינען געוואָרן טעראָריסטן. זיי האָבן געטראָגן באַ זיך באַהאַלטענע וואַפן, מיט וועלכע זיי פלעגן טויטן אין דער שטיל רוימישע באַאַמטע און אויך אידישע רייכע אַריסטאָקראַטן, וואָס זיינען געווען פריינט פון די רוימער און צוזאַמען מיט זיי געדריקט דעם אָרימן המון. די דאָזיקע טעראָריסטן האָט מען גערופן „סיקאַריער“ (ווייל זיי האָבן געטראָגן באַ זיך אַ „סיקא“, אַזאַ קליינעם, קרומען שפּיז). דאָס לאַנד איז געוואָרן פול מיט אַלערליי באַנדעס גזלנים, און אַף די וועגן איז מען ניט געווען זיכער מיט'ן לעבן. די אומרועןן זיינען נאָך גרעסער געוואָרן דערפון, וואָס פון צייט צו צייט פלעגט דאָ און דאָרטן זיך באַווייזן אַ פאַנטאַזיאָר, אַ טרוימער, און איינריידן זיך אַליין און אַנדערע, אַז ער איז משיח און איז געקומען באַפרייען אידן פון זייערע אונטערדריקער. די דאָזיקע „משיחים“ פלעגן קריגן

אַ סך אָנהייגער, וואָס האָבן אין זיי געגלויבט און זיינען זיי נאָכגעגאַנגען. די פּראָקוראַטאָרן האָבן אָט די אַלע באַוועגונגען אונטערגעדריקט מיט אַ בלוטיקער האַנט, און דערמיט האָבן זיי נאָך מער פאַרשטאַרקט די מהומות אין לאַנד.

אַזוי איז דער קריג קעגן רוים געהאַנגען ווי אַ וואָלקן איבער ארץ-ישראל, ביז ער האָט צום סוף אויסגעבראָכן אונטער דעם לעצטן פּראָקוראַטאָר געסיוס פלאָרוס. ער איז געווען אַ גרעסערער טיראַן, ווי אַלע אַנדערע פּראָקוראַטאָרן פאַר אים. זיין אכזריות האָט גאָר קיין גרעניץ ניט געהאַט. ער האָט געטאָן יעדע מיאוסע זאַך, נאָר צו באַליידיקן און צו רייצן די אידן.

## 2.

## דער אויסברוך פון אויפשטאַנד און דער זיג.

דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ געשלעג צווישן אידן און גויים אין צעזאַרעאַ. די אידן האָבן געמוזט אַנטלויפן פון צעזאַרעאַ מיט די ספר-תורה׳ס אין די הענט. פלאָרוס האָט אין אָנהויב גענומען געלט פון די אידן, און אַז זיי זיינען געקומען דערנאָך בעטן בײַ אים שוץ, האָט ער זיי געלאָזט אַרעסטירן.

איז דאָס נאָך ניט גענוג געווען, האָט ער געשיקט אַרויסנעמען אַ גרויסע סומע גאָלד (זיבעצן טאַלענטן) פון דעם אוצר פון בית-המקדש. אין ירושלים איז געוואָרן אַ גרויסער טומל און געשריי. האָבן זיך אײַנגעפונען עטלאַכע אידישע לצים, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען מיט פושקעס איבער די הייזער און האָבן געבעטן נדבות „פאַר דעם אָרימען פּראָקוראַטאָר“.

איז פלאָרוס געקומען מיט אַ חיל אין ירושלים און האָט געפאָדערט פון די כוהנים-גדולים און די פירער, אַז מ׳זאָל אים אַרויסגעבן די שולדיקע, וועלכע האָבן חוזק געמאַכט פון אים. זיי האָבן געענטפערט, אַז ס׳איז אוממעגלאַך צו וויסן, ווער דאָס האָט געטאָן, און האָבן געבעטן שאַנעווען די אומשולדיקע

שטאָט. פלאָרוס איז אָבער געוואָרן אַזוי אויפגעבראַכט פון זייער ענטפער, אַז ער האָט איבערגעגעבן אַ טייל פון שטאָט אין די הענט פון די סאָלדאַטן אַף רויב און מאָרד. און אין ירושלים זיינען דעמאָלט גע׳הרג׳עט געוואָרן אַ סך אידן.

פלאָרוס האָט זיך נאָך אַלץ ניט צופרידנגעשטעלט. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די אידן פון ירושלים זאָלן אַרויסגיין אַנטקעגן און באַגריסן די צוויי אָפּטיילונגען רוימישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהאַלטן אין אָנקומען פון צעזאַרעאַ. די סאָלדאַטן ווידער האָט פלאָרוס אָנגעזאָגט, זיי זאָלן ניט ענטפערן אַף דער באַגריסונג פון די אידן.

דער כוהן-גדול און אַנדערע פירער פון ירושלים האָבן מיט גרוים מי קוים איינגערעדט די אידן אַרויסצוגיין באַגריסן דאָס מיליטער. און אַז די סאָלדאַטן האָבן ניט געענטפערט אַף דער באַגריסונג, זיינען די אידן בייז געוואָרן און האָבן הויך געזידלט דעם פּראָקוראַטאָר. די סאָלדאַטן האָבן זיך גענומען צו געווער און, טויטנדיק אַף רעכטס און אַף לינקס, האָבן זיי געטריבן די אידן אין שטאָט אַריין.

אין שטאָט האָט זיך צעפלאַקערט אַ בלוטיקער קאַמף אַף די גאַסן. פלאָרוס האָט באַלד איינגעזען, אַז ער וועט מיט גוואַלד גאָרנישט אויספירן, האָט ער זיך צוריקגעצויגן קיין צע-זאַרעאַ. אין ירושלים האָט ער איבערגעלאָזן נאָר איין קאָהאָר-טע סאָלדאַטן (אַ צענט-חלק פון אַ לעגיאָן, פינף-זעקס הונדערט מאַן) און האָט אָנגעזאָגט די אידישע פירער, אַז אויב די שטאָט וועט זיך ניט באַרואיקן, וועלן זיי זיין פאַראַנטוואָרטלאַך.

קיניג אַגריפּאַ דער צווייטער איז דעמאָלט געווען אין אַלעק-סאַנדריע, און אַז ער האָט דערהערט, וואָס עס האָט פּאַסירט, איז ער גלייך געקומען אין ירושלים. ער האָט געהאַלטען אַ לאַנגע רעדע פאַר׳ן פאָלק און גע׳פועל׳ט, מ׳זאָל בלייבן געטריי דעם קייסער. ווען ער האָט אָבער דערנאָך געהייסן, אַז דערווייל, ביז וואַנען דער קייסער וועט אַראָפּשיקן אַן אַנדער פּראָקוראַ-טאָר, זאָל מען זיך אונטערגעבן פלאָרוס׳ן, האָט געפּלאַצט באַ

אַלעמען די געדולד. קעגן אַגריפּאַ'ן האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורם, און ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון ירושלים.

דער פירער פון די רעוואָלוציאָנערן אין ירושלים איז געווען אלעזר דער זון פון דעם געוועזענעם כוהן-גדול חנניה. ער האָט ניט געלאָזט מער מקריב זיין דעם טעגלאַכן קרבן פאַר'ן קייסער, און דאָס האָט באַדייט, אַז אידן האָבן דערקלערט קריג קעגן רוים. די אַריסטאָקראַטישע פירער האָבן געזוכט צו פועל'ן, אַז מ'זאָל צוריקרופן דעם דאָזיקן באַשלוס, אָבער זיי האָבן גאָרנישט אויסגעפירט. פלאָרוס'עס רציחות האָבן אַלעמען שרעקלאַך פאַרביטערט קעגן רוים, און די פּאַרטיי פון מלחמה איז וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער געוואָרן.

אָבער די פּאַרטיי פון שלום איז נאָך אויך גענוג שטאַרק געווען. צו איר האָבן געהערט די העכערע קרייזן פון פאָלק: די כוהנים-גדולים, אַ סך פירער פון די פּרושים און אַלע פון הורדוס'עס משפחה. די פירער פון דער שלום-פּאַרטיי האָבן נאָך אַלץ געהאָפט, אַז זיי וועט זיך איינגעבן צו פאַרהיטן, עס זאָל ניט קומען צו אַן אָפענער מלחמה קעגן רוים. זיי האָבן דערפאַר געשיקט שלוחים צו פלאָרוס'ן און צו אַגריפּאַ'ן און געבעטן מיליטער.

פלאָרוס האָט די אידישע שלוחים גאָרנישט געענטפערט. אַגריפּאַ האָט זיך באַלד אָפּגערופן און געשיקט דריי טויזנט רייטער, און ירושלים איז געוואָרן אַ קריגספּלאַץ פאַר ביידע פּאַרטייען. אָבער אַגריפּאַ'ס סאָלדאַטן זיינען געווען צו שוואַך צו באַזיגן די רעוואָלוציאָנערע מאַסע. דערצו נאָך האָבן די רעוואָלוציאָנערן אין ירושלים צוגעקראָגן פאַרשטאַרקונג פון דרויסן.

וואָרים אין דערזעלביקער צייט זיינען אויך די קנאים אַפן לאַנד ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. אונטער דער אָנפירונג פון מנחם, אַ זון פון יהודה הגלילי, האָבן זיי פאַרכאַפּט די פעסטונג מאַסאַדאַ (מצודה) און אויסגע'הרג'עט דעם רוימישן גאַרניזאָן. אין אַרסענאַל פון דער פעסטונג האָבן זיי גענומען געווער און זיי זיינען געקומען באַוואָפנט אין ירושלים העלפן אין קאַמף קעגן די אַריסטאָקראַטן.

די אַריסטאָקראַטן זיינען באַזיגט געוואָרן. די רעוואָלוציאָנערן האָבן באַקומען די הערשאַפט איבער דער גאַנצער שטאָט. אַגריפּאַ׳ס סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געווען אידן, האָבן די רעוואָלוציאָנערן אָפּגעלאָזן, נאָכדעם ווי יענע האָבן אָוועקגעלייגט די געווער. דעם רוימישן גאַרניזאָן האָבן זיי אויסגעה׳רג׳עט.

אָבער באַלד איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג צווישן די מעסיקע רעוואָלוציאָנערן פון ירושלים אונטער דער פירערשאַפט פון אלעזר בן חנניה און די עקסטרעמע קנאים פון דער פּראָווינץ אונטער מנחם׳ס פירערשאַפט. אלעזר בן־חנניה און זיינע אָנהענגער האָבן געוואָלט אַ מלחמה נאָר קעגן רוים. מנחם אָבער און די, וואָס מיט אים, האָבן געוואָלט אַ מלחמה אויך קעגן די אידישע פאַרמעגלאַכע קלאַסן. זיי האָבן דערפאַר אונטערגעצונדן אַ סך פּאַלאַצן פון די רייכע אידישע מאַגנאַטן און האָבן פאַרברענט דעם אַרכיוו, וואו די רייכע האָבן געהאַלטן די וועקסלען פון זייערע אָרימע בעל־חובות. אָבער ניט נאָר מיט פייער, אויך מיט׳ן שווערד האָבן מנחם און זיינע אָנהענגער געווילדעוועט אין ירושלים. זיי האָבן געטויט אייניקע אַריסטאָקראַטישע פירער, צווישן זיי אויך אלעזר׳ס פאָטער, דעם געוועזענעם כהן־גדול חנניה.

עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז מנחם זאָל ווערן דער דיקטאַטאָר פון ירושלים. האָבן אלעזר און זיינע אָנהענגער געמאַכט אַן אָנפאַל אויף מנחם׳ען מיט זיינע עקסטרעמע קנאים. מנחם און אַ סך פון זיינע אָנהענגער זיינען גע׳הרג׳עט געוואָרן, די איבעריקע זיינען צוריק אַנטלאָפן קיין מאַסאַדאַ, און די מעסיקע קנאים זיינען געבליבן באַלעבאַטים אין ירושלים.

אין דעמזעלביקן טאָג, ווען די אידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן אויסגעה׳רג׳עט דעם רוימישן גאַרניזאָן אין ירושלים, האָבן די גוי׳אישע איינוואוינער פון צעזאַרעאַ, מיט דער הילף פון פלאָרוס׳עס סאָלדאַטן, אויסגעה׳רג׳עט די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג פון שטאָט, איבער צוואַנציק טויזנט נפשות. אַז די קנאים אין די אידישע שטעט האָבן דאָס דערהערט, זיינען זיי אַרויס נעמען נקמה פאַר דאָס בלוט פון זייערע ברידער. זיי זיינען אָנ-

געפאלן אַף אַ סך גוי'אישע שטעט באַ די גרעניצן פון ארץ־ישראל און האָבן דאָרטן אויסגע'הרג'עט די גוי'אישע איינוואוינער. האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאנצע ריי געגנזייטיקע פּאָגראָמען און שחיטות. אין די שטעט, וואו די גויים זיינען געווען די מערהייט, האָבן זיי אויסגע'הרג'עט די אידן, און וואו אידן זיינען געווען די מערהייט, זיינען זיי באַפאלן די גויים. אויך אין אַלעקסאַנדריע, אין עגיפּטן, איז געווען אַ שרעקלאַכער פּאָגראָם, און אַ סך אידן זיינען גע'הרג'עט געוואָרן.

ענדלאַך איז קעסטיוס גאַלוס, דער לעגאַט (גענעראַל גובערנאַטאָר) פון סיריע, געקומען מיט אַ חיל אונטערדריקן דעם אידישן אויפשטאַנד. נאָכדעם ווי ער האָט חרוב געמאַכט אַ סך שטעט און דערפער אין גליל און באַם ברעג ים אין יהודה, איז ער צוגעקומען גאָר נאָענט צו ירושלים. עס איז געווען סוכות, און די הייליקע שטאָט איז געווען פול מיט עולי־רגל'ניקעס און אידישע רעוואָלוציאָנערן פון גאנצן לאַנד. צווישן זיי איז געווען אויך שמעון בר גיורא, איינער פון די ערשטע אָנפירער פון די קנאים אין פּראָווינץ. זיינען די אידישע קעמפער ארויס פון שטאָט און זיי האָבן געמאַכט אַזאַ שטאַרקע אַטאַקע אַף גאַלוס'ן, אַז ער האָט זיך קוים געקאָנט אָפּוערן. גאַלוס האָט נאָך פּרובירט מיט גוטן און מיט בייזן אַריינצוקריגן ירושלים אין זיינע הענט. ער האָט אָבער געזען, אַז זיין מי איז אומזיסט, און ער האָט באַשלאָסן זיך צוריקצוציהען. די אידן האָבן אים נאָכגעיאָגט, אים אַרומגערינגלט אין אַ שמאָלן פּאַס צווישן די בערג און צעשלאָגן זיין גאַנצן חיל.

מיט געזאַנגען פון נצחון האָבן די אידן זיך אומגעקערט אין ירושלים. דער אויפשטאַנד האָט געזיגט, און ער האָט איצט אַלעמען מיטגעריסן מיט זיין שטראָם. די אָפענע פריינט פון רוים האָבן געמוזט אַנטלויפן פון שטאָט, און אַלע אידן פון ירושלים, פון אַלע קלאַסן און קרייזן, זיינען צוגעשטאַנען צו די קנאים.

## 3.

# די צייטווייליקע רעגירונג אין ירושלים און די מלחמה אין גליל.

נאָך דעם זיג איבער גאַלוס׳ן האָבן די אידן אין ירושלים אָפּגעהאַלטן אַ גרויסע פאָלקספאַרזאַמלונג אין דער „עזרה" און אויסגעקליבן אַ צייטווייליקע רעגירונג, וואָס זאָל אָנפירן די פאַר־טיידיקונג פון לאַנד. דאָס גאַנצע לאַנד איז צעטיילט געוואָרן אָף פּראָווינצן, און איבער יעדער פּראָווינץ איז געשטעלט גע־וואָרן אַ קאָמאַנדיר.

אָבער די גאַנצע אָנפירונג פון דער מלחמה איז אַריינגע־פאַלן אין די הענט פון די אַריסטאָקראַטן, וועלכע זיינען צוגע־שטאַנען צו דער באַוועגונג נאָר מיט אַ האַלבן האַרצן. די אמת׳ע רעוואָלוציאָנערן, די פירער פון די קנאים, האָבן קיין שטעלעס ניט באַקומען. דער גרעסטער טעות איז געווען, וואָס פאַר קאָמאַנדיר פון גליל האָט מען באַשטימט דעם אַריסטאָ־קראַטישן כוהן יוסף בן־מתתיהו. די קאָמאַנדע פון גליל איז געווען די וויכטיקסטע, ווייל אין יענער געגנט האָבן די רוימער געזאָלט מאַכן די ערשטע אַטאַקע אָף אידן.

יוסף בן־מתתיהו איז שפּעטער באַרימט געוואָרן מיט די ביכער איבער אידישער געשיכטע, וואָס ער האָט געשריבן אין גריכיש. לויט זיין אָפּשטאַמונג האָט ער געהערט צו די אַריסטאָ־קראַטישע פאַמיליעס פון די כוהנים אין ירושלים. פּאָליטיש האָט ער געהערט צו די פרושים. ער איז געווען אַ געלערנטער, באַ־האַוונט אין דער אידישער תורה און אויך אין דער שפּראַך און ליטעראַטור פון די גריכן. אָבער ער איז דעמאָלט נאָך ניט גע־ווען אַלט קיין פולע דרייסיק יאָר און האָט נאָך קיין דערפאַרונג ניט געהאַט אין מלחמה. אחוץ דעם איז ער נאָר אָף אַ ווײַלע מיטגעריסן געוואָרן מיט׳ן שטראָם און האָט אַליין גאָרניט גע־גלויבט אין דעם דערפאָלג פון דעם אויפשטאַנד. פון כאַראַקטער איז יוסף בן־מתתיהו געווען אַ באַרימער און אַן עגאָאיסט.

וואס האט שטענדיק און אומעטום געזוכט נאר זיין אייגענע טובה.

די קנאים פון גליל האבן טאקע פון אנהויב אן יוסף׳ן ניט געטרויט, און זייער אנפירער יוחנן בן-לוי פון גוש-חלב איז גע-ווען זיין ביטערסטער געגנער און האט אים באקעמפט מיט אלע מיטלען.

אין פרילינג פון יאר 67 איז אין גליל אריין א רוימישע ארמיי פון פופציק טויזנט אונטער דער אנפירונג פון דעם רוי-מישן גענעראל וועספאסיאן פלאוויוס, וועמען דער רוימישער קייסער נערא (נירון) האט געשיקט אונטערדריקן דעם אידישן אויפשטאנד.

ווי נאר יוסף׳ס סאלדאטן האבן דערזען דעם רוימישן חיל, זיינען זיי זיך צעלאפן אין די בערג, און וועספאסיאן האט פאר-נומען דאס אפענע לאנד, ניט ארויסציהענדיק קיין שווערד.

וועספאסיאן האט זיך דערנאך גענומען צו די פעסטונגען פון גליל. ציפורי (ציפוירי), די הויפטשטאדט פון גליל, האט מיט׳ן גוטן ווילן זיך איבערגעגעבן צו די רוימער. יוסף און א גרויסער טייל פון זיין חיל האבן זיך איינגעשלאסן אין דער פעסטונג יאטאפאטא (יודפת), ניט ווייט פון ציפורי. יוסף האט מיט פיל חכמה און בריה׳שקייט פארטיידיקט די שטאט. צום סוף אבער האט זיך די רוימישע סאלדאטן איינגעגעבן זיך אריינצוכאפן אין שטאט באגינען, ווען די אידישע וואך איז גע-ווען איינגעשלאפן. אוים נקמה פאר זייערע גרויסע פארלוסטן האבן די רוימער אויסגע׳הרג׳עט אלע איינוואוינער פון שטאט.

יוסף׳ן אבער האט זיך איינגעגעבן צו אנטלויפן און זיך אי-בערצוגעבן צו די רוימער. אז מ׳האט אים געבראכט פאר וועס-פאסיאנ׳ען, האט ער געמאכט אן אנשטעל פון א נביא, און ער האט פאראויסגעזאגט, אז וועספאסיאן וועט נאך אמאל ווערן קייסער אין רוים. דאס איז געווען די צייט, ווען די ארמיי איז געווארן דער שטארקסטער כוח אין דער רוימישער אימ-פעריע, און די לעגיאנען האבן געקאנט מיט גוואלד אוועקזעצן אפן טראן דעם אדער יענעם באליבטן גענעראל. אזוי ווי די צייט

איז געווען אַן אומרואיקע און וועספּאַסיאַן איז געווען באַליבט בײַ זײַנע לעגיאָנען, האָט זיך יוסף׳ס נבואה לײַכט געלייגט אַפן זינען. וועספּאַסיאַן האָט פון אָנהויב אפילו באַהאַנדלט יוסף׳ן ווי אַ קריגס געפאַנגענעם, און געלאָזט אים שמידן אין קייטן, דאָך האָט ער אים געשאַנעוועט און קיין שלעכטס ניט געטאָן.

די רוימער האָבן אַזוי אײַנגענומען אַלע פעסטונגען פון גליל. מער ניט גוש-חלב איז נאָך געבליבן. וועספּאַסיאַנ׳ס זון, טיטוס, האָט פאַרגעלייגט, מ׳זאָל אים איבערגעבן די שטאָט מיט גוטן, כדי די רוימישע סאָלדאַטן זאָלן אוים נקמה ניט אויס׳הרג׳ענען אַלע אײַנוואוינער. יוחנן מיט אַ גרופּע באַוואפנטע קנאים האָבן זיך אין מיטן נאַכט אַרויסגע׳גנב׳עט פון שטאָט און זײַנען אַנטלאָפן קיין ירושלים. גוש-חלב האָט זיך איבערגעגעבן צו די רוימער. און אַ יאָר נאָך דער מפּלה פון קעסטיום גאַלוס איז גאַנץ גליל געווען אין די הענט פון דער רוימישער אַרמיי.

## 4.

## דער בירגער־קריג אין ירושלים.

אין פרילינג פון יאָר 68 איז וועספּאַסיאַן ווידער אַרויס מיט זײַנע לעגיאָנען און ער האָט אײַנגענומען דעם עבר-הירדן, אדום און אויך די מערב-זייט פון יהודה. ער האָט שוין געזאָלט אָנהויבן באַלאַגערן ירושלים. איז אָבער געקומען די נייעס, אַז נעראָ איז טויט. וועספּאַסיאַן האָט גלייך אָפּגע-שטעלט די קריגס-אָפּעראַציעס און געוואַרט אַף באַפעלן פון רוים.

אין דער רוימישער מלוכה איז דעמאָלט פאַרגעקומען אַ בירגער-קריג. פאַרשיידענע גענעראַלן האָבן געפירט צווישן זיך אַ מלחמה, ווער פון זיי זאָל ווערן דער קייסער. האָט וועס-פּאַסיאַן אַזוי אַ יאָר נאָכאַנאַנד, פון זומער 68 ביז זומער 69, גאָרנישט געטאָן. אין זומער פון יאָר 69 האָבן די לעגיאָנען אין פּאַלעסטינע, סיריע און עגיפּטן פּראָקלאַמירט וועספּאַסיאַנ׳ען פאַר קייסער.

וועספאסיאן האָט דעמאָלט זיך דערמאָנט אָן יוסף׳ן און אָן זיין נביאות און האָט אים באפרייט פון געפאנגענשאפט. פון דעמאָלט אָן האָט יוסף אָנגענומען דעם נאָמען פון זיין האר. וואָס האָט אים באפרייט. ער האָט געהייסן אַף גריכיש יאָזעפוס פלאוויוס און האָט זיך שטענדיק געפונען אין דער סוויטע פון וועספאַסיאן און טיטוס.

וועספאסיאן האָט איצט איבערגעגעבן זיין זון טיטוס׳ן צו ענדיקן דעם קריג אין ארץ-ישראל. אָבער ס׳איז נאָך אריבער העכער אַ האלב יאָר, ביז טיטוס איז געקומען באלאגערן ירושלים.

פון דער דעראָבערונג פון גליל ביז דער באלאגערונג פון ירושלים איז אַף אַזאַ אופן אריבער העכער צוויי יאָר. אָט די טייערע צייט האָבן אידן אויסגענוצט ניט זיך צו פארשטארקן קעגן דעם פיינט, נאָר זיך אָפּצושוואכן אין קאַמף איינע קעגן די אַנדערע. אין אָט דער צייט האָבן אידן אין ירושלים ניט געטאָן קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר זיך איינע די אַנדערע געשניטן די העלזער.

דער זיג איבער גאלוס׳ן האָט אוועקגעשטעלט די מיוחסים באַ דעם רודער פון דער רעגירונג אין ירושלים. אָבער די דער־אָבערונג פון גליל און דער דורכפאַל פון יאָזעפוס׳ן האָבן גע־וויזן זייער אומפייאיגקייט און האָבן געגעבן די ראַדיקאַלע קנאים אַ מעגלאַכקייט צו פאַרכאַפּן די מאַכט.

יוחנן פון גוש-חלב און זיינע אָנהענגער, וואָס זיינען אַנט־לאָפן פון גליל, האָבן פארשטארקט די פארטיי פון די ראַדיקאַלע קנאים אין ירושלים. אָט די רעוואָלוציאָנערן האָבן געוואָרפן די שולד פאַר דעם דורכפאַל אין גליל אַף יאָזעפוס׳ן און אַף זיינע חברים אין ירושלים און האָבן געזוכט צו פאַרכאַפּן די רעגירונג אין זייערע הענט.

צוערשט האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין געפיינקעניש און דערטן דער׳הרג׳עט עטלאַכע פון די רייכע אַריסטאָקראַטן פון ירושלים, וועמען זיי האָבן באַשולדיקט אין פאַררעט. דערנאָך האָבן זיי אָפּגעשאַפט די פריווילעגיעס פון די אַריסטאָקראַטישע

כוהנים און האָבן דורך אַ גורל אויסגעווײלט אַ נײעם דעמאָקראַ־טישן כוהן־גדול. דער גורל איז געפֿאַלן אויף אַן אָרימען כוהן מיט׳ן נאָמען פּינחס בן־שמואל.

אָבער די אַריסטאָקראַטישע פֿירער, די געוועזענע כוהנים־גדולים חנן בן־חנן און יהושוע בן־גמלא, יוסף בן־גוריון און נאָך אַנדערע האָבן געקראָגן אויף זײער צד די מעסיקע קרײזן פֿון די אײנוואוינער פֿון ירושלים און האָבן זיך אויפגעהויבן קעגן די קנאים. נאָך אַ בלוטיקן קאַמף האָבן די מעסיקע געזיגט, און די קנאים האָבן זיך געמוזט אײנשליסן אין דעם אינערלאַכן פֿאַר־הויף פֿון בית־המקדש.

מיט די קנאים האָט געהאַלטן שלעכט. האָבן זײ אַוועק־געשיקט שלוחים צו די אדומים, אַז יענע זאָלן קומען ראַטעווען ירושלים פֿון די אַריסטאָקראַטן, וואָס ווילן זיך איבערגעבן צו די רוימער. די אדומים האָבן שוין אין דער צײט פֿון די חשמונאים אָנגענומען די אידישע אמונה און איצט זײנען זײ געווען הײסע אידישע פּאַטריאָטן. זײנען עטלאַכע טויזנט פֿויערים פֿון אדום געקומען העלפֿן די קנאים. אין אַ פֿינצטערער שטורעמדיקער נאַכט האָבן זײ זיך אַרײנגעריסן אין שטאָט און צוזאַמען מיט די קנאים האָבן זײ געמאַכט אַ שרעקלאַכע בלוטבאָד. אויף מאָרגן פֿרי זײנען אויף די גאַסן פֿון ירושלים געלעגן בערג מיט הרוגים, צווישן זײ אויך די צוויי געוועזענע כוהנים־גדולים חנן און יהושוע.

מיט טײכן בלוט פֿון זײערע אײגענע ברידער האָבן די ראַדי־קאַלע קנאים אָפּגעהאַלטן זײער זיג און איבערגענומען די רע־גירונג אין זײערע הענט. יוחנן פֿון גוש־חלב איז איצט געוואָרן דער דיקטאַטאָר פֿון ירושלים און האָט טיראַניזירט אַלע רײ־כערע אײנוואוינער פֿון שטאָט. די בירגער פֿון ירושלים האָבן ניט געקאָנט פֿאַרטראָגן יוחנן׳ס דעספּאָטיזם און זײ האָבן גערופֿן צו הילף דעם צווייטן באַוואוסטן פֿירער פֿון די קנאים שמעון בר־גיורא.

שמעון האָט אַרומגעוואַנדערט מיט אַ באַנדע קנאים איבער די שטעט און דערפֿער אין דרום פֿון ארץ־ישראל און איז געווען

אַ גענגנער פון יוחנן. אָבער די מעסיקע בירגער פון ירושלים האָבן וועניק געוואונען דורך שמעונ'ען. יוחנן'ס מאַכט איז דורך דעם ניט געבראָכן געוואָרן. נאָר אַנשטאָט איין דיקטאַטאָר, זיינען איצט געווען צוויי. באַלד האָט פון יוחנן'ס אַנהענגער זיך אָפּגעשפּאָלטן אַ דריטע פּאַרטיי אונטער דער אָנפירונג פון אלעזר בן־שמעון, און די דאָזיקע דריי האָבן געפירט צווישן זיך אַ בלוטיקן קריג. שמעון האָט געהאַלטן אונטער זיין מאַכט די אויבערשטאָט און אַ טייל פון דער אונטערשטאָט. יוחנן האָט זיך באַפעסטיקט אַפן „הר־הבית", און אלעזר אין דעם אינערלאַכן פאָרהויף פון בית־המקדש.

אין דער צייט, וואָס די עבודה איז אָנגעגאַנגען אין בית־המקדש, פלעגן די פיילן פון יוחנן'ס אַנהענגער אַראָפּפאַלן ביז צום מזבח און דאָרטן טויטן כוהנים. אין דעם דאָזיקן בלוטיקן ברודער־קריג זיינען אויך פאַרברענט געוואָרן די שפּייכלערס תבואה, וואָס די צייטווייליקע רעגירונג האָט אָנגעגרייט, און די שטאָט איז געבליבן מיט וועניג שפּייז.

## 5.

## די באַלאַגערונג און דער חורבן פון ירושלים.

אין פרילינג פון יאָר 70, עטלאַכע טעג פאַר פסח, ווען ירושלים איז שוין טיילוויז געווען חרוב דורך דעם קריג פון די פאַרשיידענע פאַרטייען, איז טיטוס געקומען מיט זיין גרויסן חיל באַלאַגערן די שטאָט. אין זיין סוויטע האָבן זיך אויך געפונען קיניג אַגריפּאַ און יאָזעפוס. אין ירושלים איז דערווייל געוואָרן מיט איין פּאַרטיי וועניגער. אלעזר און זיינע אַנהענגער זיינען אום פסח צעשלאָגן געוואָרן אין בית־המקדש פון יוחנן'ס פּאַרטיי. יוחנן און שמעון זיינען געבליבן די צוויי דיקטאַטאָרס פון ירושלים.

נאָך איידער דער רוימישער חיל איז צוגעגאַנגען נאָענט צו דער שטאָט, איז טיטוס געקומען פאָראויס מיט אַן אָפּטיילונג רייטער אויסצוקוקן די געגנט אַרום. אָבער די אידישע גבורים

פון ירושלים האָבן געמאַכט אַן אָנפאַל אַף אים, און ער איז שיר־שיר אַליין ניט אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט.

טיטוס האָט נאָך פּרובירט שיקן זאָגן דורך יוסף בן־מתתיהו, אַז אידן זאָלן אויפגעבן דעם קריג מיט גוטן און מאַכן שלום מיט רוים. אָבער די קנאים האָבן איצט געהאַט די גאַנצע מאַכט אין זייערע הענט און זיי האָבן פאַר׳משפּט צום טויט יעדן איינעם, וועמען זיי האָבן פאַרדעכטיקט, אַז ער וויל אונטערהאַנדלען מיט די רוימער.

טיטוס האָט אָנגעהויבן שטורעמען די מויערן פון ירושלים. און ערשט איצט האָט אין שטאָט אויפגעהערט דער ברודער־קריג. שמעון און יוחנן האָבן געמאַכט שלום צווישן זיך און זיי האָבן צוזאַמען גענומען פאַרטיידיקן די שטאָט. איין העלדישן אָנפאַל נאָך דעם אַנדערן האָבן זיי געמאַכט אַף דעם פיינט. איין מאָל נאָך דעם אַנדערן האָבן זיי צעשטערט די באַלאַגערונגס־אַרבעט פון די רוימער. פונדעסטוועגן האָט זיך די רוימער איינגעגעבן אויפצובויען וואַלן און אַרויפצושטעלן אַף זיי זייערע מורא׳דיקע שליידער־מאַשינען.

נאָך שווערע, בלוטיקע מלחמות קעגן די העלדישע פּאַרטייִדיקער פון ירושלים האָט זיך די רוימער צום סוף דאָך איינגעגעבן דורכצוברעכן די ערשטע צוויי מויערן און צו פאַרנעמען אַ פאָרשטאָט.

איידער טיטוס האָט זיך גענומען צו דעם דריטן מויער, האָט ער געשיקט יאָזעפוס׳ן זאָגן די אידן, אַז מ׳זאָל אים איבערגעבן די שטאָט און אויסמיידן בלוטפאַרגיסונג. אָבער יאָזעפוס׳עס רייד האָבן קיין ווירקונג ניט געהאַט. יוחנן׳ס לייט האָבן אים פון וויטן גערופן פאַררעטער און האָבן אים שיר ניט דער־הרג׳עט מיט שטיינער.

האָט טיטוס געלאָזט אויפשטעלן פיר וואַלן. צוויי קעגן דער אויבערשטאָט און צוויי קעגן דער אַנטאָניא (די פעסטונג). ווען די וואַלן זיינען שוין געווען איינגאַנצן פאַרטיק, האָט יוחנן אַף אַ קונציקן אופן צעשטערט די צוויי, וואָס קעגן דער אַנטאָניא. ער האָט אין דער ערד אונטער זיי געלאָזט אויס־

גראָבן אַ מין דורכגאַנג, וואָס האָט זיך געהאַלטן אַף היל־צערנע סלופּעס, און אַז ער האָט אונטערגעצונדן די סלו־פּעס, זיינען די וואַלן איינגעזונקען און פאַרברענט געוואָרן. מיט צוויי טעג שפּעטער האָט שמעון בר־גיורא פאַרניכטעט די אַנדערע צוויי וואַלן.

אויפצובויען באַלד נייע וואַלן איז געווען שווער, ווייל ס'איז געווען אַ דוחק אין האָלץ. האָט טיטוס באַשלאָסן אויסצוהונ־גערן די שטאָט. אין משך פון דריי טעג איז אויפגעשטעלט גע־וואָרן אַ שטיינערנע וואַנט אַרום און אַרום ירושלים, און רוי־מישע סאָלדאַטן זיינען געשטאַנען אַף דער וואַך, אַז קיינער זאָל ניט אַרויס פון שטאָט.

אין ירושלים האָט באַלד אויסגעבראָכן אַ שרעקלאַכער הונ־גער. אַלטע לייט, פרויען און קינדער זיינען געשטאָרבן פון הונ־גער אין די גאַסן, און ס'איז אפילו ניט געווען, ווער עס זאָל זיי מקבר זיין, ווייל מ'איז געווען פאַרנומען מיט דער מלחמה. פלעגט מען די מתים אַריבערוואַרפן איבער די מויערן אין די טאָלן אַריין. אַ סך פאַרהונגערטע פלעגן זיך אַרויס'גנב'ענען הינטערן שטאָט זוכן עסן. פלעגן די רוימער זיי כאַפּן און טויטן מיט אַ גרויזאַמען טויט.

ווען טיטוס האָט געזען, אַז דער הונגער האָט אָפּגעשוואַכט די פאַרטיידיקער פון ירושלים, האָט ער ווידער געלאָזט אויפ־שטעלן וואַלן מיט שטורם־מאַשינען קעגן דער אַנטאָניא, וואָס איז געווען אין צפון־זייט פון בית־המקדש. דעם מאָל האָט זיך די רוימער נאָך אַ שווערן, בלוטיקן קאַמף איינגעגעבן איינצו־נעמען די פעסטונג. יוחנן און די קנאים זיינען פון דאָרטן אַנט־לאָפן אין בית־המקדש. די רוימער האָבן זיי נאָכגעיאָגט און געוואָלט אַריין אַהין. אָבער נאָך אַ בלוטיקער שלאַכט האָבן די אידן זיי אָפּגעטריבן.

דער „הר־הבית“ איז געווען פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט אַ מויער, ווי אַ קליינע פעסטונג. אָבער די רוימער האָבן אַראָפּגעריסן די אַנטאָניא ביז'ן גרונט און זיי האָבן דערמיט באַ־קומען אַ לייכטערן צוטריט צום בית־המקדש.

דער בית־המקדש איז איצט געוואָרן דאָס שלאַכטפעלד צווישן די אידן און די רוימער, און דעם זיבעצנטן טאָג אין תמוז איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די „עבודה" אין בית־המקדש, ווייל די כוהנים האָבן געמוזט העלפן פאַרטיידיקן דאָס הייליקטום קעגן דעם פיינט.

טיטוס האָט נאָכאַמאָל געשיקט יאָזעפוס'ן פועל'ן בא אידן, מ'זאָל אים איבערגעבן די שטאָט מיט גוטן. אָבער די קנאים, די העלדישע פאַרטיידיקער פון ירושלים, האָבן זיך איצט אויך ניט געוואָלט אונטערגעבן דעם פיינט. זיגן אָדער שטאַרבן איז געווען זייער לאָזונג.

האָט טיטוס אויפגעשטעלט וואַלן און מיט זיינע מאַשי־נען אָנגעהויבן שטורעמען די מויערן אַרום בית־המקדש. אָבער די שטיינער פון די מויערן זיינען געווען אַזוי גרויס און פעסט, אַז די גרעסטע שטורם־מאַשין האָט זיי ניט געקאָנט רירן פון אָרט. טיטוס האָט דערפאַר געלאָזט אונטערצינדן די טויערן און דערמיט האָט ער געקראָגן אַ פרייען אריינגאַנג אין דער אויסערלאַכער „עזרה". די אידן האָבן זיך צוריקגעצויגן אין דעם אינערלאַכן פאַרהויף.

דעם ניינטן טאָג אין אָב זיינען די טויערן שוין געווען אינ־גאַנצן אָפּגעברענט. דעם צענטן טאָג אין אָב האָט איין רוימי־שער סאָלדאַט אויפגעהויבן אין דער הויך אַ צווייטן סאָלדאַט, און יענער האָט פון דער הויך אַריינגעוואָרפן דורך אַ פענצטער אַ ברענענדיקן שייט האָלץ אין בית־המקדש גופא. באַלד האָבן רוימישע סאָלדאַטן אַריינגעוואָרפן נאָך ברענענדיקע שייטן, און דער גאַנצער בית־המקדש איז געשטאַנען אין פלאַמען. טיטוס האָט נאָך באַוויזן אַריינצוגיין און באַקוקן דעם „קודש־הקדשים" און צו הייסן זיינע סאָלדאַטן אַרויסטראָגן אַלע טייערע כלים פון בית־המקדש.

דער בית־המקדש האָט געהאַלטן אין ברענען, און די רוי־מישע סאָלדאַטן האָבן דערווייל געשאָכטן יעדן, וועמען זיי האָבן נאָר געכאַפּט. כוהנים און ישראלים, אַלטע און יונגע, פרויען און קינדער. דער קנאַק פון די פלאַמען האָט אָפּגעקלונגען ווייט

אַרום און האָט זיך צונויפגעמישט מיט די קרעכצן פון די גע־הרג'עטע און די ווילדע קולות פון די בלוטדורשטיקע רוימישע סאָלדאַטן. אין דעם דאָזיקן שרעקלאַכן טומל האָבן יוחנן און אַ טייל פון זיינע חברים זיך אַרויסגעכאַפּט פון בית־המקדש און זיי זיינען אַנטלאָפן אין דער אויבער־שטאָט.

יוחנן און שמעון האָבן איצט אָנגעבאָטן טיטוס'ן, אַז זיי וועלן אים איבערגעבן די שטאָט, אויב ער וועט זיי לאָזן אַוועק־גיין פריי מיט זייערע ווייבער און קינדער. אָבער טיטוס האָט



די הייליקע כלים פון בית־המקדש, ווי זיי שטייען אָפּגעמאָלען
אַף טיטוס'עס טריומף־בויגן אין רוים.

געפאָדערט, זיי זאָלן זיך איבערגעבן אָן באַדינגונגען, און זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט.

אויסגעהונגערט און אויסגעמאַטערט, האָבן די קנאים אונ־טער יוחנן און שמעון ווייטער געפירט די מלחמה מיט זייערע לעצטע כוחות. עס האָט נאָך געדויערט פיר וואָכן ביז די רוימער האָבן אויפגעשטעלט די וואַלן און די שטורם־מאַשינען קעגן דעם מויער פון דער אויבערשטאָט. דעם אַכטן טאָג אין אלול, נאָך אַ

באלאגערונג פון פינף חדשים, האָבן די רוימער איינגענומען די גאנצע שטאָט.

די איינוואוינער פון ירושלים, וואָס האָבן איבערגעלעבט אַלע שרעקן פון דער באלאגערונג, זיינען מאסנווייז אויסגע־הרג׳עט געוואָרן פון די רוימישע סאָלדאטן. פון די, וואָס זיינען געבליבן לעבן, האָט מען די מערסטע פארקויפט פאר שקלאפן.



די צוויי זילבערנע שופרות און דער גאָלדענער טיש ווי זיי שטייען אָפּגעמאָלן אויף טיטוס׳עס טריומף־בויגן אין רוים

פון די שענסטע און שטאַרקסטע יונגעלייט האָט טיטוס אויסגע־קליבן 700 פאַר זיין טריאומף־צוג. צווישן זיי זיינען געווען יוחנן פון גוש־חלב און שמעון בר־גיורא.

ירושלים איז אינגאנצן פאַרברענט און חרוב געוואָרן. נים געבליבן פון איר אַ שטיין אויף אַ שטיין. ניט מער ווי אַ שטיק פון דעם מויער האָבן די רוימער איבערגעלאָזן, אַלס שוץ פאַר אַ רוימישן גאַרניזאָן, און דערצו די דריי הויכע טורעמס פון הור־

דום׳עם פּלאַץ, אַלס צייכן פון דער אַמאָליקער פעסטקייט פון שטאָט.

אַפן וועג צוריק קיין רוים האָט טיטוס אין פאַרשיידענע שטעט געפּייערט זיין זיג. אַף די דאָזיקע פאַראַדן האָבן די אי-דישע געפאַנגענע געמוזט אויסשעכטן איינע די אַנדערע אין גלאַ-דיאַטאָרן-שפּילן, זיך ראַנגלען מיט ווילדע, הונגעריקע חיות און זיך לאָזן אויפפרעסן פון זיי.

אין רוים האָט טיטוס צוזאַמען מיט זיין פאָטער און זיין אינגערן ברודער דאָמיציאַן געפייערט אַ טריאומף. אין דעם טריאומף-צוג האָט מען געפירט די אידישע געפאַנגענע מיט יוחנן פון גוש-חלב און שמעון בר-גיורא פאָראויס. צווישן די פאַרשיידענע שטיקער רויב, וואָס מ׳האָט געטראָגן אין דעם פּאַ-ראַד, זיינען געווען אויך דער הייליקער טיש, די זיבנרעריקע מנורה און אַנדערע הייליקע זאַכן פון בית-המקדש. ביז היינ-טיקן טאָג שטייט נאָך אין רוים דער טריאומף-בויגן, וואָס מ׳האָט אויסגעבויט לכבוד טיטוס׳ן. אַף דעם דאָזיקן בויגן זיינען אויס-געמאָלט די הייליקע זאַכן פון בית-המקדש.

אַף דעם פּאַראַד האָט טיטוס, לויט דעם רוימישן מנהג, געלאָזט אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ פון שמעון בר-גיורא, אַלס דעם פירער פון דעם פיינט. יוחנן פון גוש-חלב, וועלכער האָט נאָך דער דעראָבערונג פון ירושלים זיך איבערגעגעבן צו די רוימער אַף זייער גנאָד, איז פאַר׳משפט געוואָרן צו געפיינקעניש אַפן גאַנצן לעבן.

אָבער הגם טיטוס האָט געפייערט זיין נצחון איבער אידן, איז נאָך גאַנץ פּאַלעסטינע ניט געווען אונטערגעוואָרפן. די דריי שטאַרקסטע פעסטונגען פון לאַנד זיינען נאָך געווען בא די קנאים אין די הענט, און עס האָט געדויערט נאָך דריי יאָר ביז די רוימער האָבן זיי איינגענומען.

די לעצטע איז געפאַלן מאסאדא. די דאָזיקע פעסטונג האָבן פאַרטיידיקט די סיקאַריער אונטער דער אָנפירונג פון אלעזר היאירי, פון דער פאַמיליע פון יהודה הגלילי. דאָס איז געווען אַ מחנה גבורים, וואָס האָבן באַשלאָסן ניט אַריינצופאַלן לעבע-

דיקערהייט צו די רוימער אין די הענט. און אַז זיי האָבן געזען, אַז די רוימער האַלטן באַם איינגעמען די פעסטונג, האָבן זיי אויסגעהרג'עט זייערע פרויען און קינדער און דערנאָך זיך אַליין. ווען די רוימער זיינען אַריין אינעווייניק, האָבן זיי גע־פונען אַ טויטע שטאָט.

מיט דעם פאַלן פון מאַסאַדאַ איז גאַנץ ארץ־ישראל געווען אונטערגעוואָרפן אונטער רוים.

## נאָכ'ן חורבן.

1. אידן אין ארץ-ישראל, זייער פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאגע.
2. יבנה און רבי יוחנן בן-זכאי.
3. אידן אין דער צעשפּרייטונג.
4. אידן אין די מזרח-לענדער.
5. אידן אין עגיפּטן.
6. אידן אין אייראָפּע.
7. זעלבסט-פּארוואלטונג און אָרגאניזאציע פון אידן אין די לענדער פון דער צעשפּרייטונג.
8. די שטעלונג פון די היידן צו אידן. די אידישע פּראָפּאגאנדע.

1.

## די פאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע פון אידן אין ארץ־ישראל.

ארץ־ישראל איז נאָכ׳ן חורבן געבליבן פאַראָרימט, און איר באַפעלקערונג איז אַ סך קלענער געוואָרן. דאָס גאַנצע לאַנד איז געוואָרן דאָס פריוואַטע אייגנטום פון דעם קייסער, און די איבערגעבליבענע איינוואוינער האָבן אים געמוזט צאָלן אָרענדע.

און איינוואוינער זיינען אין לאַנד נאָך געבליבן. איבער פערציק טויזנט אידן פון ירושלים זיינען אריבערגעגאַנגען צו די רוימער אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג. אַ סך שטעט און דערפער האָבן זיך מיט גוטן אונטערגעגעבן אונטער רוים, און די רוימער האָבן זיי געשאָנעוועט. די דאָזיקע אידן פון די געשאָנעוועטע ערטער צוזאַמען מיט די אידן, וואָס זיי האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון ירושלים, האָבן צונויפגעשטעלט די אידישע באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל נאָכ׳ן חורבן.

צווישן זיי זיינען געווען אַ סך כוהנים פון הויכן יחוס און אויך אַ סך אַריסטאָקראַטישע און רייכע אייגנטימער פון גרע־סערע שטיקער לאַנד. אַלס לוין פאַר זייער איבערגיין צו די רוימער, האָבן וועספּאַסיאַן אָדער טיטוס זיי אומגעקערט צוריק זייערע פריערדיקע נחלות. אַנדערע האָבן אָפּגעקויפט לאַנד פון קייסער. אַ באַדייטנדער טייל פון לאַנד איז פאַרדונגען גע־וואָרן אין אָרענדע.

דעם קייסער׳ס פאַרטרעטער איז געווען דער קאָמאַנדיר פון דעם רוימישן גאַרניזאָן אין לאַנד, און ער האָט ווי פריער, געטראָגן דעם טיטל פּראָקוראַטאָר. אָבער די רוימישע

באַאמטע האָבן זיך װעניג געמישט אין דעם אינערלאַכן לעבן פון די אידן. נאָר די שװערע שטייערן, װאָס זיי האָבן איינגע־מאָנט, האָבן ניט געלאָזט דאָס לאַנד גיך קומען צו זיך.

דאָך האָט מען זיך באַלד דערהוילט, און צוויי דורות נאָכ׳ן חורבן האָבן עטלאַכע הונדערט שטעט און דערפער אין ארץ־ישראל שוין געקאָנט אַרויסשטעלן הונדערט טויזנט אידן אין קאַמף קעגן דער רוימישער הערשאַפט.

ירושלים איז אינגאַנצן אָפּגעװישט געװאָרן פון דער ערד. דאָרטן איז נאָר געװען אַ לאַגער פאַר רוימישע סאָלדאַטן. דער פּראָקוראַטאָר האָט געװאוינט אין צעזאַרעאַ, װאָס איז איצט געװאָרן אַ רוימישע קאָלאָניע. די מער באַקאַנטסטע אידישע שטעט זיינען איצט געװען יבנה (יאַװנע) און לוד. אַהין האָט װעספּאַסיאַן געבראַכט איינװאױנער פון אַנדערע ערטער, װאָס זיינען אַריבערגעלאָפן צו די רוימער. אין יבנה זיינען געװען שפּייכלערס פון תבואה, װאו די רוימישע באַאמטע האָבן צונויפ־גענומען די אָפּצאָלונגען, װאָס מ׳האָט געצאָלט מיט נאַטור־פּראָדוקטן. אין יבנה און אין לוד האָבן נאָכ׳ן חורבן זיך באַ־זעצט אויך די גרעסטע אידישע געלערנטע. אַרום יבנה און לוד זיינען געװען אַ סך גרעסערע און קלענערע אידישע שטעט און דערפער.

## 2.

## יבנה און רבי יוחנן בן־זכאי.

אין דער צייט פון צװייטן חורבן זיינען איבער אַ מיליאָן אידן אומגעקומען דורך שװערד, הונגער און מגפות. דאָך זיינען אידן ניט פאַרניכטעט געװאָרן, אַלס פאָלק, און זיינען ניט אַריינ־געפאַלן אין פאַרצװייפלונג דורך דעם גרויסן אומגליק.

ירושלים איז חרוב געװאָרן. די הייליקע עבודה אין בית־המקדש האָט אויפגעהערט, און צוזאַמען דערמיט איז אונטער־געגאַנגען די מאַכט פון די כוהנים. אמת, מ׳האָט געהאָפט, אז

נאָר אינגיכן וועט דער בית־המקדש ווידער אויפגעבויט ווערן, און מ׳האָט נאָך איצט אויך געצאָלט די כוהנים די אָפּגאָבן, וואָס האָבן צו זיי געהערט. דאָך אָבער האָבן די כוהנים מער קיין באַדייטונג ניט. זיי הערן אויף שפּילן אַ ראָלע אין אידישן לעבן און בלייבן ניט מער, ווי אַ דעראינערונג פון די פריערדיקע צייטן.

די איינציקע פירער און אויטאָריטעטע פאַרשטייער פון פאָלק זיינען איצט געבליבן די געלערנטע אין דער תורה, וואָס האָבן פון נאָך הלל און שמאי אָן געטראָגן דעם נאָמען תנאים (טאַנאָאים), עס הייסט געלערנטע, וועלכע האָבן געלערנט און איבערגע׳חזר׳ט אַליין און מיט אַנדערע דאָס, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון זייערע רביים.

דער גרעסטער פון די תנאים נאָכ׳ן חורבן און דער וויכטיקסטער אידישער פירער איז געווען רבי יוחנן בן־זכאי (ראַבי יויכאָנאָן בען־זאַקאַי), איינער פון הלל׳ס תלמידים. רבי יוחנן בן־זכאי האָט פאָראויסגעזען, אַז ירושלים וועט חרוב ווערן, אַז צעריסן פון אינעווייניק דורך פיינטלאַכע פּאַרטייען און אַרומגערינגלט פון דרויסן פון אַ מעכטיקן שונא, וועט זי מוזן אונטערגיין. ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון דער באַלאַגערטער שטאָט און גרינדן אַ גייסטיקן צענטער פאַר די צעשלאָגענע און צעשפּרייטע אידן, אַ צענטער, וואָס זאָל זיי צוזאַמענהאַלטן און פאַרבינדן.

די קנאים האָבן אָבער קיינעם ניט אַרויסגעלאָזן פון ירושלים. עס ווערט דערציילט, אַז רבי יוחנן׳ס תלמידים האָבן אַרויסגעטראָגן זייער רבי׳ן פון שטאָט אין אַן אָרון, ווי אַ מת, און אַז מ׳האָט אים געבראַכט צום רוימישן קאָמאַנדיר, האָט ער געבעטן אַ דערלויבעניש צו באַזעצן זיך אין יבנה און דאָרטן גרינדן אַ ישיבה. די דאָזיקע ישיבה פון יבנה איז נאָכ׳ן חורבן געוואָרן דער מיטל־פונקט פאַר אַלע אידן.

דער סנהדרין פון ירושלים איז געווען אַ פּאָליטישע קערפּערשאַפט. דער פּאָרזיצער איז געווען דער כוהן־גדול און די הויפּט דעה האָבן דאָרטן געהאַט די אַריסטאָקראַטישע כוהנים און אַנדערע מיוחסים פון ירושלים. איצט אַז דער סנהדרין אין ירושלים

איז אנטערגעגאנגען, האט רבי יוחנן בן־זכאי געגרינדעט אין יבנה א נייעם סנהדרין, א קאלעגיע פון די גרעסטע אידישע גע־לערנטע, וואס האט פארנומען דעם ארט פון דעם פריערדיקן סנהדרין אין ירושלים. ווארים אלע אידן פון דער גאנצער וועלט האבן אנערקענט זיין אויטאריטעט.

רבי יוחנן בן־זכאי איז געבליבן איינער פון די גרעסטע גייסטיקע העלדן אין דער אידישער געשיכטע, ווייל ער האט געהאלפן אידן קריגן א נייעם אנהאלט, אומאפהענגיק פון בית־המקדש און די עבודה.

די באשלוסן און תקנות פון דעם בית־דין אין יבנה זיינען אנערקענט געווארן פון אלע אידן אין דער גאנצער וועלט.

רבי יוחנן בן־זכאי איז געווען דער ערשטער נשיא (נאסי), דער קאפ און פירער פון דעם סנהדרין אין יבנה. נאך זיין טויט איז געווארן נשיא רבי גמליאל דער צווייטער, אן אוראייניקל פון הלל'ן, און פון דעמאלט אן האט דער אמט פון נשיא געהערט צו הלל'ס משפחה און איז איבערגעגאנגען בירושה פון פאטער צום זון.

שפעטער איז דער נשיא פון הלל'ס הויז אנערקענט געווארן אויך פון די רוימער, אלס דער אידישער פאטריארך.

## 3.

## אידן אין דער צעשפרייטונג.

אין די צייטן, בא וועלכע מיר האלטן איצט, זיינען די אידן פון ארץ־ישראל ניט געווען דאס גאנצע אידישע פאלק, נאר א קליינער טייל פון אים. ארץ־ישראל איז נאר געווען דער רע־ליגיעז־נאציאנאלער מיטל־פונקט פון דעם אידישן פאלק. דער גרעסטער טייל אידן האט אבער דעמאלט געוואוינט צעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט, אין „חוץ־לארץ“, ווי אידן האבן עס גערופן. עס ווערט געשאצט, אז אין דער צייט פון צווייטן חורבן האבן געלעבט אין ארץ־ישראל צווישן איין און צוויי

מיליאָן אידן, בעת אין די לענדער פון דער צעשפּרייטונג האָבן געלעבט צווישן פיר און פינף מיליאָן.

אין די לעצטע הונדערט יאָר פאַר'ן חורבן האָבן אידן זיך צעשפּרייט איבער אַלע ציוויליזירטע לענדער פון דער וועלט. כמעט אין יעדער גרעסערער שטאָט האָט זיך געפונען אַ אידי־שער קבוץ. אידן האָבן זיך דאָרטן פאַרנומען מיט מלאכה און האַנדל; אין אַ סך ערטער האָבן זיי געוואוינט אויך אין דערפער און האָבן זיך באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט.

בכלל האָבן אידן דעמאָלט זיך ניט אונטערשיידט אין זייער עקאָנאָמישן לעבן פון זייערע גוי'אישע שכנים אַרום. בלויז אין זייער גייסטיקן לעבן האָבן זיי זיך אונטערשיידט פון יענע און זיי האָבן געלעבט פאַר זיך אין זייערע אידישע געמיינדעס (קהילות).

גרויסע מאַסן אידן האָבן אויסגעוואַנדערט פון ארץ־ישראל מיט'ן גוטן ווילן, ווייל אין אַנדערע לענדער האָבן זיי געהאַט בעסערע און לייכטערע עקאָנאָמישע מעגלאַכקייטן. אין די לעצטע הונדערט יאָר פון צווייטן בית־המקדש, אין דער צייט פון דער רוימישער הערשאַפט איבער ארץ־ישראל, האָבן די רוימער זייער פיל אידן פאַרקויפט פאַר קנעכט אין די מערב־לענדער און די אידן, וואָס האָבן שוין דאָרטן געוואוינט פון פרי־ער, האָבן זיי אויסגעלייזט: אויסלייזן אַ אידן פון קנעכטשאַפט (פּדיון שבויים) האָט זיך גערעכנט פאַר איינע פון די גרעסטע מצוות. אַ סך אידן זיינען אַנטלאָפן פון ארץ־ישראל צוליב פּאָלי־טישע סיבות, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די הערשער, באַזונדערס אין הורדוס'עס צייט. אַחוץ דעם האָבן אידן אין די פרעמדע לענדער געזוכט צוצוציען די גויים צו זייער אמונה און מאַכן זיי פאַר גרים (גערים). די צאָל פון אָט די גרים איז דעמאָלט געווען זייער גרויס, און אַזוי אַרום האָט די צאָל אידן אין אַלע לענדער זיך שטאַרק צעוואַקסן.

די אידישע צעשפּרייטונג איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: פון אַ מזרח'דיקן און אַ מערב'דיקן. אין מזרח האָבן די אידן געלעבט אונטער דער הערשאַפט פון די פּאַרטיער און האָבן

גערעדט אַראַמיש, אין מערב האָבן זיי געלעבט אונטער דער רוימישער הערשאַפט און האָבן גערעדט גריכיש.

צו די לענדער פון מזרח, וואו אידן האָבן געלעבט, האָבן געהערט: מעסאָפּאָטאַמיע (ארם־נהרים), בבל, אַרמעניע און פּערסיע. אַט די אַלע לענדער האָבן דעמאָלט געהערט צו דער מלוכה פון די פּאַרטיער. די פּאַרטיער זיינען געווען זייער שטאַרק, און די רוימער האָבן זיי ניט געקאָנט באַזיגן. די רוימישע וועלטהערשאַפט האָט ניט געגרייכט ווייטער, ווי דער טייך פּרת.

צו די לענדער פון מערב, וואו אידן זיינען געווען צעשפּרייט, האָבן געהערט סיריע, קליין אַזיע, עגיפּטן און אַנדערע לענדער פון צפון־אַפריקע, אויך די לענדער פון דרום־אייראָפּע.

4.

## אידן אין די מזרח־לענדער.

אין די מזרח־לענדער, באַזונדערס אין בבל, האָבן געלעבט גרויסע מאַסן אידן שוין פון ערשטן חורבן אָן. בלויז אַ קליינער טייל פון די אידן, וואָס נבוכדראצר האָט פאַרטריבן, האָבן אין דער צייט פון דער פּערסישער הערשאַפט זיך אומגעקערט צוריק קיין ארץ־ישראל. דאָס רוב פאַרטריבענע זיינען געבליבן אין זייער נייער היים און האָבן זיך דאָרטן גוט איינגעלעבט מאַטע־ריעל און גייסטיק.

די באַבילאָנישע אידן זיינען געווען שטאַרקע און העלדישע. ווען הורדוס האָט געוואָלט האָבן שטאַרקע אידן צו באַשיצן דעם דרום־מזרח־גרעניץ פון ארץ־ישראל האָט ער דאָרטן באַזעצט זעקס הונדערט אידן, וואָס ער האָט געבראַכט פון בבל. די אידן פון בבל זיינען געווען שטאַרק ניט בלויז קערפּערלאַך אַליין; זיי האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט לערנען די תורה. דער באַ־רימטער הלל איז געקומען קיין ארץ־ישראל פון בבל.

אין די צייטן, ביי וועלכע מיר האַלטן, איז ארץ־ישראל געווען גייסטיק שטאַרקער און אידן פון בבל פלעגן פאָרן קיין

ארץ־ישראל לערנען תורה. אָבער אַרום הונדערט פופציק יאָר נאָכ'ן חורבן ירושלים האָט דער מיטלפונקט פון תורה זיך אַריבערגעטראָגן פון ארץ־ישראל קיין בבל, ווייל דער אידישער קבוץ האָט דאָרטן געלעבט ניט אין פאַרגלייך רואיקער, אין פרידן, איידער אין ארץ־ישראל, וואו די רוימער האָבן אויסגעקלערט אַף אידן אַלץ נייע גזירות און רדיפות.

אויך ווייטער, העכער צו צפון, באַם אויבערשטן לויף פון דעם טייך חידקל, האָבן געלעבט אַ סך אידן און זיי האָבן דאָרטן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. דאָרטן, אין מזרח־זייט פון חידקל, איז דעמאָלט געווען אַ מדינה אַדיאַבענע, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער פּאַרטישער איבערהערשאַפט. האָט זיך אײַנגעגעבן די אידן פון יענער מדינה צוצוציהען צו דער אידישער אמונה די קיניגין העלענע און אירע צוויי זין איזאַטעס און מאָנאָבאַזאָס.

העלענע מיט אירע זין זיינען געוואָרן געטרייע אידן און האָבן אָפּגעהיט אידישקייט מיט אַלע פּרטים. זיי פלעגן פיל מאָל עולה־רגל זיין אין ירושלים, וואו זיי האָבן געהאַט זייערע אייגענע פּאַלאַצן, און מאָנאָבאַזאָס האָט געהאַלטן זיינע זין אין ירושלים און האָט זיי דאָרטן געלאָזט לערנען תורה.

העלענע האָט געגעבן טייערע מתנות פאַר דעם בית־המקדש. אין אַ הונגער־יאָר האָט זי שטאַרק געשטיצט די אָרימע אידן אין ארץ־ישראל. אַף די עלטערע יאָרן האָט זי זיך אַף שטענדיק באַזעצט אין ירושלים און זיך דאָרטן אויסגעבויט אַ פּראַכטיקן קבר, וואו מ'האָט זי און איר זון איזאַטעס מקבר געווען. דער דאָזיקער קבר פון דער קיניגלאַכער פאַמיליע פון אַדיאַבענע געפינט זיך נאָך ביז היינט אין ירושלים.

מאַנכע פון דער דאָזיקער קיניגלאַכער פאַמיליע האָבן אָנטייל גענומען אין דעם אידישן אויפשטאַנד קעגן רוים און זיינען געווען צווישן די גבורים, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט ירושלים.

5.

# אידן אין עגיפטן.

ווען דעם ישוב פון אידן אין עגיפטן איז אונז שוין איינמאָל אויסגעקומען צו ריידן. אין די ציימן פון צווייטן חורבן איז דאָרטן געווען אַרום אַ מיליאָן אידן, וועלכע האָבן דאָרטן געשפילט אַ גרויסע ראָלע. אידן זיינען דאָרטן געווען פּאַרטראָטן אין אַלע באַשעפטיקונגען, האָבן פאַרנומען אַלערליי מלוכה-שטעלעס. די זין פון דעם כוהן-גדול חוניו, וועלכער האָט אויסגעבויט דעם בית-המקדש אין לעאָנטאָפּאָלים, זיינען געווען גענעראַלן. דער ברודער פון דעם אידישן פילאָזאָף און שריפטשטעלער פילאָ איז געווען אַ הויכער פינאַנץ-באַאַמטער. אויך אַ סך אַנדערע אידן האָבן פאַרנומען וויכטיקע מלוכה-שטעלעס.

דער גרעסטער אידישער קיבוץ אין עגיפּטן איז געווען אין דער הויפּטשטאָט אַלעקסאַנדריע, וועלכע האָט דעמאָלט געציילט אַרום אַ האַלבן מיליאָן איינוואוינער. פון די פינף קוואַרטאַלן פון שטאָט זיינען צוויי געווען אידישע. אָבער אַביסל אידן האָבן געוואוינט אויך אין די אַנדערע דריי קוואַרטאַלן, און דאָרטן זיינען אויך געווען אידישע סינאַגאָגעס.

פון דער גרויסער סינאַגאָגע אין אַלעקסאַנדריע ווערט דערציילט אין תלמוד, אַז זי איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס'איז נים מעגלאַך געווען צו הערן וואָס דער פאַרזאָגער פון די תפילות האָט געזאָגט. פלעגט דער חזן (חזן האָט אין יענע ציימן געהייסן דער שמש פון סינאַגאָגע) שטיין אין מיטן שול אַף אַ הויכער בימה און מיט אַ פלאַג אין האַנט געבן אַ סיגנאַל די פאַרזאַמלטע ווען צו זאָגן „אָמן“.

דער גרעסטער אידישער קיבוץ נאָך אַלעקסאַנדריע איז געווען אין לעאָנטאָפּאָלים, אין דרום-מזרח פון דעם ניל-טאָל.

דער בית-המקדש פון לעאָנטאָפּאָלים איז געווען ענלאַך צו דעם בית-המקדש אין ירושלים, נאָר נים אַזוי גרויס און רייך, ווי יענער. אָבער דער בית-המקדש פון לעאָנטאָפּאָלים איז גע-

שטאַנען לענגער, ווי דער בית-המקדש פון ירושלים. ערשט דריי יאָר נאָכ'ן חורבן ירושלים האָבן אים די רוימער געשלאָסן.

אונטער דער רוימישער הערשאַפט האָבן די עגיפּטישע אידן אַ סך געליטן פון דעם האַס פון די עגיפּטער און די גריכן. געווען דאָרטן שרייבער, וועלכע האָבן אָנגעשריבן קעגן אידן אַ סך ביכער פול מיט אַלערליי בלבולים. די רוימישע רעגירונג האָט אָבער באַשיצט די אידן, און אין די מאָמענ־ ;ן, ווען זי האָט אַוועקגענומען איר שוץ, איז געקומען צו בלוטיקע פּאָגראָמען.

אַזאַ בלוטיקער פּאָגראָם אַף אידן איז פאָרגעקומען אין אַלעקסאַנדריע אין דער צייט פון דעם קייסער קאַליגולאַ. וועגן דעם דאָזיקן פּאָגראָם האָבן מיר שוין איינמאָל דערציילט. נאָך קאַליגולא'ס טויט איז שטיל געוואָרן און אידן האָבן אין עגיפּטן געלעבט רואיק, ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן אין ארץ-ישראל דער גרויסער אויפשטאַנד קעגן רוים. דעמאָלט האָט אין אַלעקסאַנדריע ווידער אויסגעבראָכן אַ שרעקלאַכע שחיטה אַף אידן. די אידישע קוואַרטאַלן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טייכן בלוט, אין וועלכע עס זיינען געלעגן טויזנטער גע'הרג'עטע אידן. דאָך איז אין אַלעקסאַנדריע נאָך מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער געווען אַ אידישע געמיינדע.

## .6

## אידן אין אייראָפּע.

דער אידישער ישוב אין מערב האָט אין די ערשטע צייטן זיך צעוואַקסן אין עגיפּטן, סיריע און קליינאַזיע. שפּעטער אָבער, אין דער צייט פון דער רוימישער הערשאַפט, זיינען אויפגעוואַקסן אַ סך גרויסע אידישע געמיינדעס אויך אין דרום-אייראָפּע, אַף די אינזלען פון עגייאישן ים, אין גריכנלאַנד און אין איטאַליען. מאַנכע אידן זיינען געקומען אַהין אַלס סוחרים און בעל-מלאכות און נאָך מער זיינען אַהין פאַרשלעפּט געוואָרן אַלס געפאַנגענע אין די מלחמות צווישן אידן און רוים. צו זיי זיינען אויך צוגעשטאַנען אַ סך גרים.

נאָר די גרעסטע אידישע געמיינדע אין אייראָפּע איז דע־מאָלט געווען אין רוים, וואו אידן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. פּונקט ווי אין אַלעקסאַנדריע, האָבן די אידן אין רוים אויך גע־לעבט אין אַ באַזונדערן קוואַרטאַל, אַף דער אַנדערער זייט פון דעם טייך טיבער, און דאָרטן האָבן זיי געפירט זייער אייגנ־אַרטיקן אידישן לעבן. אַ סך אידן האָבן אָבער געוואוינט אויך אין צענטער פון שטאָט.

בכלל האָבן אידן גענומען אַ וויכטיקן אָנטייל אין דעם מסחר און אין דער אינדוסטרי פון רוים, און זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען זייער אַ גוטע.

זייער פּאָליטישע לאַגע איז אָבער ניט געווען קיין זיכערע. די מאַסן פון שטאָט האָבן זיי פיינט געהאַט און אויך אין די קרייזן פון דער רעגירונג האָט מען אַף זיי געקוקט מיט חשד. מ'האָט זיי געהאַלטן פאַר אַ פרעמדן גליד, וואָס פּאַסט זיך ניט אַריין אין דעם אָרגאַניזם פון דער מלוכה.

צוויי מאָל, אונטער די קייסאָרים טיבעריוס און קלודיוס, האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַרויסצוטרייבן אידן פון רוים. אָבער די דאָזיקע גזירה איז ניט אינגאַנצן דורכגע־פירט געוואָרן, און שפּעטער האָבן די אַרויסגעטריבענע זיך צו־ריק אומגעקערט.

פון איבערגעבליבענע אויפשריפטן ווייסן מיר, אַז אין רוים זיינען געווען זיבן סינאַגאָגעס. איינע פון זיי האָט געהייסן נאָך דעם קייסער אויגוסטוס, אַ צווייטע נאָך אויגוסטוס'עס איידים אַגריפּאַ.

7.

## די זעלבסטפארוואלטונג און די אָרגאַניזאַציע פון די אידישע געמיינדעס אין לענדער פון דער צעשפּרייטונג.

די אידן אין מערב האָבן געהאַט דאָס רעכט פון אינערלאַ־כער זעלבסטפארוואלטונג און זיי זיינען געווען אָרגאַניזירט אין

אווטאָנאָמע געמיינדעס. יוליוס צעזאַר האָט געגעבן די אידישע געמיינדעס רעליגיעז-נאַציאָנאַלע אווטאָנאָמיע און די רוימישע רעגירונג האָט אָט די רעכט קיינמאָל פון אידן ניט צוגענומען. ווען טיטוס איז נאָך דער דעראָבערונג פון ירושלים געקומען אין אַנטיוכיע, האָבן די איינוואוינער פון שטאָט, די סיריער, אים אויפגענומען מיט גרויס פּאַראַד און זיי האָבן געבעטן, ער זאָל אינגאַנצן אַרויסטרייבן די אידן פון אַנטיוכיע אָדער ווייניקסטנס צונעמען פון זיי זייערע בירגער-רעכט. טיטוס אָבער האָט זיי געענטפערט, אַז ער האָט געפירט אַ מלחמה ניט מיט דעם אידישן פאָלק, נאָר מיט די קנאים, וועלכע האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן רוים.

ניט אַלע אידישע געמיינדעס האָבן גענאָסן פון דיזעלביקע רעכט. אָבער אַ געוויסע מאָס רעכט האָבן אַלע געמיינדעס גע-האַט. אידן האָבן געהאַט די פרייהייט אָפּצוריכטן זייער גאָ-טעסדינסט, און מ'האָט זיי אין דעם ניט געשטאָרט שטערן. די אידישע סינאַגאָגעס האָבן גענאָסן פון דעמזעלביקן אַזיל-רעכט ווי די היידנישע טעמפּלען (ווען אַ פאַרפאָלקטער פאַרברעכער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ הייליקן אָרט, האָט מען אים פון דאָרטן ניט געטאָרט אַרויסנעמען צו באַשטראָפן). אידן האָבן אויך געהאַט זייער אייגענעם בית-דין, וואו זיי פלעגן גע'משפט ווערן ניט נאָכ'ן רוימישן געזעץ, נאָר נאָך די געזעצן פון דער אידישער תורה. די דאָזיקע אידישע בית-דין'ס אין די אידישע געמיינ-דעס זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דעם סנהדרין אין ירושלים און פלעגן זיך ווענדן צו אים אין אַ שווערן פאַל.

דער אידישער שבת איז געווען אָנערקענט פון דער רעגי-רונג, און אַ גוי האָט ניט געקאָנט רופן אַ אידן צום געריכט אום שבת.

דאָס רוב געמיינדעס זיינען באַשטאַנען פון אידן, וואָס זיי-נען געבאָרן געוואָרן און אויפגעוואַקסן אין די לענדער פון מערב און גריכיש איז געווען זייער מוטער-שפּראַך. ערטערווייז זיי-נען אָבער אויך געווען קהילות פון אידן, וועלכע זיינען ניט לאַנג אַריבערגעקומען פון ארץ-ישראל און האָבן נאָך גערעדט אַראַ-

מיש. אזא סינאַגאָגע פון אידן, וואָס האָבן נאָך גערעדט אראַ־מיש, איז געווען אויך אין רוים.

8.

# די שטעלונג פון די היידן צו אידן.
# די אידישע פראָפּאַגאַנדע.

בכלל האָט מען די אידן נים ליב געהאַט אין דער גריכיש־רוימישער וועלט. פאַר אַ סך זיינען זיי געווען קאָנקורענטן און פאַר אַלעמען פרעמדע, משונה׳דיקע. מ׳האָט אָף זיי געקוקט קרום צוליב דעם, וואָס זיי לעבן אָפּגעשיידט פאַר זיך אַליין, וואָס זיי פאַראַכטן פרעמדע טעמפּלען און היילִיקטימער, וואָס הייליקע בילדער און סטאַטועט פון געטער זיינען בא זיי טרייף, וואָס זיי עסן קיין חזיר נים, און וואָס צוליב זייערע דינים פון כשר און טרייף לעבן זיי אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע פעלקער.

מ׳האָט אידן נים ליב געהאַט. אָבער מ׳האָט זיך מיט זיי שטאַרק אינטערעסירט — מיט זייער אייגנאַרטיקער אמונה און מיט זייער פרעמדאַרטיקן שטייגער פון לעבן.

פאַרשטאַנען אָבער האָט מען די אידן זייער ווייניק און מ׳האָט דעריבער אויסגעטראַכט אָף זיי אַלערליי בלבולים און דערציילט וועגן זיי אַלערליי באָבע־מעשיות. די גרעסטע גרי־כיש־רוימישע שרייבער האָבן אין זייערע ביכער נאָכגעשריבן אַלע נאַרישע מעשיות, וואָס זיינען דעמאָלט אַרומגעגאַנגען וועגן אידן, ווי למשל: אַז זיי בוקן זיך אין בית־המקדש צו אַ גאָלדע־נעם קאָפּ פון אַן אייזל. און אַז זיי שטאָפּן אָפּ אַ גוי, און דערנאָך ברייננען זיי אים פאַר אַ קרבן אָפן מזבח.

פון דער אַנדער זייט אָבער זיינען אַ סך פון דער גריכיש־רוימישער וועלט געווען גענייגט צו דער אידישער אמונה און זיי זיינען געוואָרן גאַנצע אָדער שטיקלאַך גרים.

אין דער גריכיש־רוימישער וועלט האָט דעמאָלט געהערשט אַ גייסטיקע אומרואיגקייט. מענטשן זיינען מער נים געווען

באַפרידיקט מיט דעם אַלטן געצנדינסט און מ'האָט געזוכט נייע געטער, נייע אמונות און אַ נייע מאָראַל. עס האָבן דערפאַר זיך דעמאָלט אין דער רוימישער מלוכה שטאַרק פאַרשפּרייט די אַזיאַטישע אמונות.

אויך די אידישע אמונה האָט צוגעצויגן אַ סך אָנהענגער מיט איר בילדלאָזן קולט און מיט איר העכערן מאָראַלישן אינ־האַלט. און אידן האָבן אין יענע צייטן אָנגעפירט צווישן די היידן אַ ברייטע און דערפאָלגרייכע פּראָפּאַגאַנדע פאַר זייער גלויבן. זיי האָבן עס געטאָן מינדלאַך און אויך שריפטלאַך, דורך פאַר־שיידענע ביכער, וואָס זיי האָבן צוליב דעם צוועק פאַרפאַסט אין גריכיש.

פאַר אַ גוי איז ניט געווען אַזוי לייכט צו ווערן אַ איד און אָנצוהויבן אָפּהיטן אַלע אידישע דינים. די מערסטע גרים זיי־נען דעריבער טאַקע געוואָרן אידן ניט מיט איינמאָל, נאָר בים־לעכווייז. אין אָנהויב פלעגן זיי נאָר היטן שבת, זיך ניט בוקן צו קיין געצן און ניט עסן קיין טריפה. אַזעלכע האַלבע גרים האָבן אידן גערופן „גאָטספאַרכטיקע" (יראי אלהים). מאַנכע גויים זיינען געבליבן באַ זייער האַלבער אידישקייט. מאַנכע אָבער זיינען מיט דער צייט געוואָרן גאַנצע אידן, און אויב ניט זיי אַליין, זיינען עס געוואָרן זייערע קינדער אָדער אייניקלאַך.

די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די היידן האָט אָבער מיט'ן צווייטן חורבן פון ירושלים כמעט אויפגעהערט. פון דעמאָלט אָן האָבן אידן אויפגעהערט מאַכן גרים און זיינען געווען צופרידן מיט'ן אויפהאַלטן בלויז זייער עקזיסטענץ אַלס פאָלק און זיך פעסטער צוזאַמענציהען אין זיך.

אָבער ניט נאָר זיינען אַ סך היידן געוואָרן דעמאָלט האַלבע אידן, אויך אַ סך אידן זיינען אין די לענדער פון דער צעשפּריי־טונג געוואָרן האַלבע היידן. וואויגענדיק ווייט פון ארץ־ישראל, דעם דעמאָלדיקן צענטער פון אידישן לעבן, האָבן אַ סך אידן איבערגענומען פיל זאַכן פון זייערע היידנישע שכנים און זיינען אַליין געוואָרן אַ מין האַלבע היידן.